STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03055

# FIGURN

Ephraim Kaganowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים קאגאנאװסקי

# פיגורן

דערציילונגען

פען-ביכער װארשע 1937

EFROIM KAGANOWSKI

# F I G U R N

Nakładem autora
przy udziale P-E-N-Klubu Żyd. w Warszawie

Druk. „Grafia“, Nowolipki 7.



# א קרובה

איך בין מיר געלעגן אויף מיין ברייטער קאנאפּע מיט א ביכל אין דער האנט, דער אויוון איז געווען איינגעהייצט. איך האָב מיך געקליבן טרינקען טיי, ווען מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

אין א מינוט ארום איז אריינגעקומען די דינסט און גע־מאָלדן:

— עפּעס א פרוי...

— א פרוי?

יעדע פרוי, וואָס קומט צו מיר, ווייס איך פון פריער. איך ווייס די שעהן, אפילו די מינוט. איך האָב היינט קיינעם נישט דערוואַרט.

איך בין אריין אין פאָדערצימער. און ווירקלעך איז דאָרט געשטאַנען א פרוי. דער סטרוזש האָט איר נאָכגעטראָגן א וואַליזע.

נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט זי צו דערקענען, האָט זיך דער גאַסט א וואָרף־געטון אויף מיר און, אָטעמענדיק אויף מיר מיט פּודער און קעלניש וואַסער, מיר א קוש געטון מיט קאַלטע, דערפרוירענע ליפּן.

ערשט איצט האָב איך דערקענט די שיינע רייזל, מיינע א ווייטע קרובה פון דער פּראָווינץ.

איך האָב זי, האַלטנדיק אונטערן אָרעם, אריינגעפירט צו מיר אין צימער, אוועקגעשטעלט אירע זאַכן און ביים ערשטן

בליק אויף איר, האָב איך מיך דערמאָנט אָן אונזער נישט-דער־גאַנגענער ליבע מיט יאָרן צוריק, אינם שטעטל־גאָרטן, מיט לבנה־נעכט, מיט לאַנגע שפּאַצירן, מיט געגנבעטע קושן, מיט אַלע גור מע זאַכן, וואָס גייען אַוועק און קומען שוין נישט מער צוריק.

נאָך דעם, ווי רייזל האָט אויסגעטון דעם מאַנטל מיט דעם הוט און פאַרנומען מיין אָרט אויף דער קאַנאַפּע, כדי זיך אָפּצור רוען; נאָכדעם, ווי איר ראָזע פּראָווינצער געזיכט און די בליענ־דיקע באַקן האָבן זיך צעשפּילט פון דער וואַרעמקייט — איז מיר ערשט געוואָרן פרייליך צו קוקן אויף איר.

יאָ, רייזל, די שיינע רייזל. אָבער זי קאָן שוין נישט קוקן אַזוי ווי אַמאָל מיט אַ פאַרשעמטן, גנבישן בליק, וואָס האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט. זי איז געוואָרן גרויס געוואַקסן און רייף און האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן מיט אַן אָפענעם, אַרויסרופנדיקן בליק און גערעדט האָט זי צו מיר מיט אַ פאַרדעכטיק-שוויטשיקן געלעכטער:

— נו, האָסט מיך נאָך ליב?... ביזט דאָך געווען אין מיר אַביסל פאַרליבט...

— נישט אַביסל...

און איך האָב מיך דערפילט אַביסל נאַריש קעגן איר פרעכ־קייט. איך האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט באַלד מיט דער הויכער, לאַכעדיקער שטים רעדן וועגן אונזערע קושן, נאָר וועגן דעם האָט זי נישט דערמאָנט...

*

נאָכן אָונט־ברויט, ווען מ'האָט אָפּגערעדט וועגן אַלעם און אָפּגענומען גרוסן פון געבורט־שטעטל, האָב איך שוין געוווּסט, אַז רייזל איז אַ דערוואַקסענע פרוי. זי האָט גערעדט וועגן אַלעם פריי, מיט אַן איבערטריבענער אָפנקייט פון אַ פּראָווינצער דער וואַקסן מיידל, וואָס האָט מורא צו זיין אָפּגעשטאַנען. איך ביז שוין דורכגעקומען מיט מיין בעל־הביתטע וועגן געבן רייזלען אַ נאַכט־לעגער אינם צווייטן צימער. די בעל־הביתטע האָט גע־פּרוּווט וועלן וויסן, ווער דאָס איז. אפשר טאַקע אַ כלה, אָדער גאָר אַ ווייב?

און זי האָט ווינקנדיק געלאַכט מיט שפּיציקע אויגן. אויך די דינסט האָט אָנגעהויבן צו מיר רעדן מיט אַ ווונק, און מיין רו איז אַוועק. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז רייזל איז געקומען צו מיר. איך האָב פאַרגעסן אָן די אַלע יאָרן, וואָס כ'האָב זי נישט געזען, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די זיסע שעהן פון אונזער יונגער ליבע מיט די אַלע צוזאָגן זענען געווען ערשט נעכטן, און אַ צאַפּלדיקע דערוואַרטונג האָט מיך אָנגעפילט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך רייזל וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער מינוט, ווען זי וועט בלייבן מיט מיר אַליין... צופאַלן צו מיר מיט איר אויסגעבענקטן געפיל... עפּעס וועט געשען אויסערגעוויינלעכס...

מיין בעל־הביתטע איז אַריינגעקומען זיך באַקענען מיט מיין קרובה. זי איז געווען זייער פריינטלעך.

— מיט פאַרגעניגן — האָט זי געזאָגט — קענט איר שלאָפן אין מיטל־צימער. נאָר בייטאָג וועט איר מוזן דאָ זיין... איר דאַרפט אייך נישט קרעמפּירן... ס'איז דאָך אַ קרוב...

און רייזל האָט געענטפערט מיט אַ ווייבעריש כיטרע געלעכטער:

— ווער רעכנט זיך דען מיט אים?... פאַר מיר איז ער נישט קיין מאַנספּערשוין...

איך האָב מיטגעלאַכט, דערביי האָב איך געזוכט רייזלס בליק — און אים נישט געפונען.

*

רייזל וווינט שוין ביי מיר דעם פערטן טאָג. זי שלאָפט אין שכנותדיקן צימער און נאָר אין דער פרי זע איך זי, ווען זי טוט זיך אָן הינטער מיין שפּאַניש ווענטל און הייסט מיר דערביי נישט קוקן אָדער אַרויסגיין פון צימער. איך האָב נאָך מיט איר גאָרנישט גערעדט, ווייל זי איז זייער פאַרנומען. עפּעס האָט זי דאָ אין שטאָט געשעפטן צו דערליידיקן. זי קומט שפּעט אין אָוונט און איז שוין אויסגעווען אין עטלעכע טעאַטערן.

ביינאַכט וואַרט איך. זי קומט שפּעט און היט זיך זייער, איך זאָל נישט אַריינגיין צו איר אין צימער. איך וואַך אויפן בעט

און קאָן נישט שלאָפֿן. מיך מאַטערט אַלץ די פֿראַגע: צו וואָס און צו וועמען איז זי געקומען?...

איך האָב שוין אָפּגערופֿן עטלעכע וויזיטן, וואָס כ'האָב אויף זיי לאַנג געוואַרט, ווייל איך וויל נישט, אַז רייזל זאָל טרעפֿן ביי מיר אַ פֿרעמדע פֿרוי.

אָבער רייזל איז זייער פֿאַרנומען. זי טוט זיך אָן אין נייע קליידער און פֿאַרשווינדט ערגעץ.

נעכטן ביינאַכט האָב איך מיך איינגעשטעלט און אָנגעקלאַפּט צו איר. ס'איז געווען שוין שפּעט. רייזל האָט הויך אויסגעשריגן:

— ווער איז?

— דאָס בין איך — האָב איך שטיל געזאָגט — רייזל!

— וואָס ווילסטו איצטער?... אַזוי שפּעט?...

אַ בייזע פֿרעמדקייט האָט געקלונגען אין איר שטים, און כ'יר איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז רייזלס קומען האָט גאָרנישט צו טון מיט מיר. מערקווירדיק, ווי אין דער מינוט איז מיר געוואָרן שווער און אַ בענקשאַפֿט צו איר האָט זיך אין מיר אַ הויבּגעטון. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב זי אין דער מינוט פֿאַרלוירן, און איך האָב מיך געמאַטערט ביז אין דער פֿרי...

אין דער פֿרי איז רייזל, ווי געוויינלעך, אַריין צו מיר אין צימער, זי האָט זיך געאיילט און אַ געשריי־געטון:

— פֿאַרנעם זיך פֿון דאַנען... ווייל איך דאַרף מיך איבערטון...

דאָסמאָל בין איך געבליבן אין צימער און זי האָט זיך פֿאַרשטעלט מיטן שפּאַנישן ווענטל. דאָסמאָל האָט זי דאָס ווענטל אַוועקגעשטעלט נישט ווי געהעריק, אַזוי, אַז איך האָב זי כמעט אינגאַנצן געקאָנט זען. זי איז געווען האַלב־נאַקעט. איך בין געוואָרן אייפֿערזיכטיק צו איר פֿרעכקייט, ווייל איך האָב דערפֿילט, אַז דאָס האָט זי נישט געטון פֿאַר מיר, נאָר דערפֿאַר, ווייל זי האָט זיך מיט מיר נישט גערעכנט. איך האָב געקוקט אויף אירע מעכטיקע, נאַקעטע אָרעמס און מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן לעסטיק די גאַנצע אומבאַקוועמע לאַגע פֿון איר וויזיט. איך האָב מיך איצט

דערמאָנט, אַז איך דאַרף גיין אָפּרופן דעם וויזיט פון מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט געדאַרפט קומען צו מיר אין אָוונט.

רייזל האָט זיך איילים אָנגעטון. זי האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן ווייטע גאַסן, וועגן קאַפעען און טעאַטערן און איך האָב באַוווּנדערט איר קאָמפּעטענץ אין די פאַרשידענע פלעצער, ווו איך בין כמעט קיינמאָל נישט געווען.

איך האָב געוואָרט, זי זאָל מיך פרעגן וועגן מיין וויזיט ביינאַכט צו איר, אָבער זי האָט, זעט אויס, פאַרגעסן דערין, אָדער אינגאַנצן וועגן דעם נישט געקלערט. איצט האָב איך געפּרוּווט פאַרבינדן מיט איר אַ געשפּרעך:

— רייזל... כ׳האָב געוואָלט מיט דיר אַביסל שמועסן... אָבער דו ביסט אַזוי באַשעפטיקט, אַז דו האָסט פאַר מיר קיינמאָל קיין שעה צייט נישט...

— וועגן וואָס ווילסטו דען מיט מיר רעדן?... — האָט זי צעטראָגן אַ פרעג געטון, אָנטוענדיק די בלוזקע.

— כ׳וויים... כ׳וואָלט געוואָלט וויסן... וואָס דו קלערסט...

— וואָס איך קלער?...

זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מיר און צום ערשטן מאָל אויף מיר אַ קוק־געטון מיט איר אַמאָליקן ווינקנדיקן בליק. זי האָט זיך צוגעבויגן צו מיר:

— וואָס זאָל איך דען קלערן?

אַ פרישקייט האָט געשלאָגן פון איר. מיר האָט אַ קלאַפּ־געטון אין קאָפּ אַ הייסער שטראָם, איך האָב זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געוואָלט איר אַ קוש־טון. זי איז אָבער שטאַרק געווען און מיך אָפּגערוקט מיט איין באַוועגונג און מיט שפּאָט געזאָגט:

— וואָס ווילסטו טון?... מען טאָר נישט...

— דעמאָלט האָט מען געמעגט?... — האָב איך ווי אויס־געקריים און אַ נאַרישקייט האָט מיך באַשלאָגן. איך האָב אָבער געוואָלט איצט אין איר געפינען אַן אָפּקלאַנג פאַר יענע טעג.

— דעמאָלט?...

איר בליק האָט זיך אומעטיק אָפּגעשטעלט אויף מיר. מיין

הארץ האָט געקלאַפּט. דאָס איז געווען דער אַנטשידענער מאָמענט.

— יאָ, דעמאָלט... רייזל, געדענקסט... עס איז דאָך עפּעס געווען צווישן אונז...

זי האָט זיך פאַרריכט דעם זאָק, איר פיין־געשניצטער פוס האָט זיך מיט דער גאַנצער וואָג אָנגעשפּאַרט אָן דער שטול און אַרויסגעקוואָלן מיט אַ שטיק וויס, בלענדנד לייב:

— אַ... דו געדענקסט נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן...

איך האָב מיך דערפילט אויף אַמאָל אומגליקלעך. איך בין צוגעגאַנגען צו איר נאָענט. איך האָב איר געוואָלט איצט אַרויס־זאָגן, אַז ביי מיר האָט זיך גאָרנישט געענדערט זינט יענע טעג, אַז פאַרקערט, איצט בענק איך נאָך איר נאָך שטאַרקער. איך האָב געוואָלט נאָך איין מאָל זען איר פאַרוואָרפענעם קאָפּ מיט די פאַר־מאַכטע אויגן. און מערקווירדיק גרויס און ריזיק האָט זי מיר איצט אויסגעזען, איך האָב נישט געוואַגט צו פּרוון זי אַרומנעמען.

זי האָט גענומען איר האַנט־בייטל און איך האָב געזען, ווי זי פאַרשווינדט אין דער טיר.

איצט איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז זי איז נישט געקומען צו מיר. איך האָב מיך אַרומגעדרייט איבערן צימער מיט אַ צערו־דערט געמיט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט איצט האָב איך רייזלען פאַרלוירן, און אַ בייסנדע איפּערזוכט צו דער גאַנצער וועלט האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

באַלד האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, און מיין בעל־הביתטע איז אַריין צו מיר אין צימער. זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ גלאַנציקן בליק:

— אייער... אייער קרובה... איז שוין אוועק אין גאַס?...

— יאָ — האָב איך געענטפערט טרוקן.

— אַ שיין מיידל, ווי גאָלד... זי מוז האָבן אַ סך באַ־קאַנטע...

— איך ווייס נישט...

— כ׳ווייס... כ׳זע, אַז זי פאַרברענגט, זי גייט... כ׳שטויס מיך אָן, אַז זי איז אהער געקומען וועגן אַ שידוך...

— ווער האָט אייך געזאָגט?...

— קיינער נישט.

— זי האָט אייך אפשר געזאָגט?...

— ניין... וואָס רעדט איר?

איך ווייס נישט, וואָס כ'האָב געזאָגט:

— וועגן אַ שידוך. יאָ, פאַרוואָס טאַקע נישט?

די בעל־הביתטע איז אַוועק און איך האָב מיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און אָפּגעלעגן ביז נאָכן האַלבן טאָג.

אומעטיקע געדאַנקען האָבן מיך אַרומגערינגלט, משונה־דיקע געדאַנקען און פּלענער: איך וועל זאָגן רייזלען, אַז איך... וויל מיט איר חתונה־האָבן, אַז איך ליב זי פון לאַנג. דערביי איז מיר קאַלט געוואָרן פון איר ווייבערישער פּוסטקייט און פּרעכ־קייט. איך וועל איר אַלץ אַוועקגעבן. איך וויל אַלץ מקריב־זיין פאַר איין בליק אירן פון אַמאָל. אין מיין פאַנטאַזיע איז זי זיך צעוואַקסן, געוואַקסן מוראַדיק גרויס, און דאָס ווייסע לייב אירס, וואָס כ'האָב אינדערפרי געזען, האָט מיך געשראָקן מיט דער שלעכטער פּרעמדקייט.

— ניין, ס'איז נישט די רייזל פון אַמאָל.

און דאָך איז זי ווידער אויפגעשוווּמען פאַר מיר, ווי אַמאָל, מיט אַ פאַרשעמטן קאָפּ, און כ'האָב געפילט די זיסע מאַסע פון אירע האָר אויף מיין אַקסל.

ביז פאַרנאַכט בין איך געלעגן מיט אַ צעשטורעמט האַרץ, ביז איך האָב דערהערט אירע טריט. זי איז אַריינגעקומען אין צי־מער פּריש און פריידיק מיט געזונטע, ברייטע טריט.

— וואָס, ליגסט נאָך דאָ?... — האָט זי געפרעגט מיט אַ הויכער שטימע.

— קום אהער... רייזל — האָב איך שטיל אַרויסגערעדט.

— וואָס איז אַזוי פינסטער?...

זי האָט אַרויסגעדרייט דאָס ליכט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנ־גען צו מיר. איך האָב זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט און איך האָב שטיל געזאָגט:

— רייזל... כ'וויל דיר עפּעס זאָגן.

— איך האָב דיר אויך געוואָלט עפּעס זאָגן...

מיין האַרץ איז שיער אַרויסגעשפּרונגען:
— זאָג דו פריער.
— ניין... זאָג דו פריער, רייזעלע...
זי האָט אויף מיר אַ קוק־געטון מיט יענעם שטילן, ווינקנדיקן, זיסן בליק און אָנגעהויבן:
— כ'וויל ביי דיר בעטן, זאָלסט אוועקגיין אויף אַ פּאָר שעה פון שטוב... איך דאַרף מיך דאָ מיט עמעצן באַגעגענען...
און זי האָט מיר אַ לייכטן גלעט געטון איבערן קאָפּ...

## אידישע שטובן

אין דעם גרויסן מיטל־צימער פון דעם אַלטן הויז איז זומער און ווינטער קאַלט. עס גייט דאָ אַרום אַ ווינט פון ליידיקייט, מיט אַ ריח פון אַמאָליקע, געוועזענע מענטשן; עס דאַכט זיך, אַז פון דאַנען איז עמעצער אַנטלאָפן אויף אייביק.

עס שטייט אַ שווערער, גרויסער טיש, מיט אַלטע, געבעטע ווי אָנגעשוואָלענע, שטולן, אַ קראַנקער קלאַוויר, און אויף די ווענט — צוויי גרויסע בילדער, פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיעס פון אַן עלטערן איד אין אַ קאַפּל, מיט אַ קיילעכדיק וויים בערדל. דאָס צווייטע בילד קעגנאיבער איז פון אַ פרוי מיט אַ גרויסער בראָש אונטער דעם שווערן, טאָפּלטן גוידער. דאָס זענען די אַמאָליקע בעלי־בתים פון דער שטוב. דער מאַן איז אַוועק פון דער וועלט מיט יאָרן צוריק, האַרט פאַר דער מלחמה. ער איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן. עס זענען פאַרווישט געוואָרן אַלע סימנים פון אים אין די גרויסע געשעענישן פון יענער משונהדיקער צייט; זין, איידעמס און משפּחה זענען אַוועק אויף דער מלחמה. עס האָבן חתונה־געהאַט טעכטער, גיך, איילִיק, מיט חתנים האַלב־מיליטעריש געקליידטע, דערשראָקענע יונגעלייט, בעל־הבתישע, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג זיך געדרייט אַרום דער שטוב — און אַלע זענען ערגעץ פאַרטראָגן געוואָרן, ווי פון אַ בייזן ווינט.

פון די אַמאָליקע בעלי־בתים זענען געבליבן נאָר די בילדער פון דעם געשטאָרבענעם מאַן און פון דער לעבעדיקער פרוי,

וואָס דרייט זיך נאָך ביז איצט אַרום אין קיך. זי איז קליין און איינגעשרומפּן, מיט האַלב־פאַרמאַכטע, פאַרנעפּלטע אויגן.

זי ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי זי איז געבליבן לעבן דורך די אַלע יאָרן, וויפל מענטשן האָבן שוין די שטובן פאַרנומען, פרעמדע און אייגענע, און אַז נאָך היינט וווינען אין די זייטיקע צימערן פרעמדע מענטשן. די בעל־הביתטעס פונם הויז זענען צוויי טעכטער, די עלטסטע טאָכטער שרה, וואָס איז צוריקגעקו־מען פון רוסלאַנד אַן אַלמנה מיט אַ טאָכטער פון אַכצן יאָר, און די אינגסטע טאָכטער בעלאַ מיטן מאַן.

לעבן לעבן נאָר די זייטיקע צימערן פון דער גרויסער זעקס־שטוביקער דירה. דאָרט קלינגט אַ טעלעפאָן, עס דרייען זיך אַרום מענטשן, אַ דינסט, עס שפּילט אַ ראַדיאָ, קינדער פּילדערן, אָבער עס דערגייט נישט צו דעם גרויסן, קאַלטן, פאַרגליווערטן מיטל־צימער. עס קומען באַקאַנטע צו דעם אַכצן־יעריקן פרייליין, עס קו־מען מענטשן צו די סובלאָקאַטאָרן. די אַלטע אָבער ווייסט נישט, זי גייט אַרום אַממייסטן אין קיך, רייסט זיך מיט דער דינסט, איר קאָפּ איז אָראָפּגעבויגן און זי קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס זי טוט נאָך דאָ. זי קען יעדעס ווינקעלע דאָ, עס דאַכט זיך איר, אַז זי איז דאָ געבוירן געוואָרן, און נאָר ווען זי קוקט אויף איר עלטסטער טאָכטער, דער אַלמנה שרה, דערמאָנט זי זיך אָן אַ געוועזן לעבן. די טאָכטער ווערט וואָס־אַמאָל ענלעכער צו איר, און ביידע רעדן וועגן זאַכן, וואָס קיינער געדענקט שוין נישט. זיי דערמאָנען זייערע מענער, און מענטשן, וואָס האָבן דאָ געלעבט — און קיי־נער ווייסט נישט, וועגן וועמען זיי רעדן.

אָבער זעלטן, אין אַ יום־טוב, קלינגט מען אָן אין דער טיר און עס באַווייזט זיך עפּעס אַן אַלטער איד אָדער אַ אידענע. די דינסט מיינט, אַז עס גייט וועגן אַ נדבה, דערנאָך קומען די קינ־דער פון דער אינגסטער טאָכטער און קוקן מיט שרעק און ניי־גיריקייט. עס קומט אַריין דער אינגסטער אײדעם און דער עלט־סטערס טאָכטער. אַלע קוקן אויף דעם אַלטן מענטשן, וואָס וויל נישט קיין נדבה. עפּעס וויל ער דאָ עמעצן זען, און לאַנג דויערט, ביז מען כאַפּט זיך: „אַ, דאָס איז מסתמא צו דער אַלטער, צו

דער מאמען״. די אַלטע גייט אַרויס, קוקט לאַנג דורך די פאַר־נעפּלטע אויגן, דערנאָך שלאָגט זיך דורך אַ רויטע פאַרב אויף איר געקנייטשט פּנים, אַ טרער באַוויזט זיך צווישן די טיפע קנייטשן אַרום די אויגן.

— אוי, עטל... דאָס איז דאָך עטל, דער באָבע דרייזלס טאָכטער!... ביידע אַלטע לייט פאַלן אויף זיך אַרויף ווי צוויי מאָל־פּעס, זייערע קנאָכיקע הענט וויגן זיך צאַרט און גלעטן זיך אי־בער דער טרוקענער, גערונצלטער הויט.

און זיי וויינען.

די יונגע, פרעמדע, צעגייען זיך אַנטווישט איבער די זייטיקע צימערן, און די אַלטע פירט איר גאַסט מיט אַ פלוצלינגער פלינק־קייט:

— קום, עטלשי, קום...

און זי פירט זי אין דעם גרויסן, קאַלטן מיטל־צימער. דאָ זעצן זיי זיך אַוועק, הענגען־אַראָפּ פון די גרויסע געבעטע שטולן, און עס וואַכן־אויף אַלטע, פאַרווישטע ווערטער, נעמען און בילדער.

די אַלטע צילט מיט אַ געקנייטשטן, קנאָכיקן פינגער צום בילד אויף דער וואַנט:

— און ווער איז דאָס? שאַ, דאָס איז דאָך דיין יאָסל... יאָ, טאַקע יאָסל! אַזוי ווי לעבעדיק... אָט זע איך אים!

די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ.

— און דאָס ביסטו, שפרה, יאָ. ווי לאַנג איז דאָס דען... אוי, וויי מיר!

די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ.

און לאַנג זיצט מען אַזוי, עס ווערט טונקל. די אַלטע ברענגט אַריין כּיבוד — טיי מיט זיסקייטן, וואָס זי באַהאַלט, ווען מ'איז זי מכבד. עס פלאַמט איר דאָס פּנים, נישטאָ קיין ביסל גע־בעקס. ווער זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען?...

אַרום אין די צימערן רויִשט. עס קומען געסט, מען קלויבט זיך גיין אין קינאָ, אָבער דאָ, אין מיטל־צימער, קומט קיינער נישט אַריין. מען הערט, ווי מ'רעדט דורכן טעלעפאָן, מען באַשטעלט

זיך, עס רייסן זיך אריין שפּיצן עלעקטריש ליכט פון די זייטיקע צימערן. דאָ איז אָבער פינסטער. די צוויי אַלטע זיצן, זייערע שטימען זענען געוואָרן ווארעמער, אינגער.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר, עס קומט אריין שרה, די עלטסטע טאָכטער, און עס הויבט זיך אָן אַ דערמאָנען און אַ דערקענען:

— שרה — דאָס איז מיין שרה, די עלטסטע... און דו גערענקסט נישט, שרהלע? דאָס איז דאָך עטל, עטל, דער באָבע דרייזלס...

— איך בין דאָך געוועזן אויף דיין חתונה...

די טאָכטער שרה שאָקלט מיטן קאָפּ:

— אוודאי, אוודאי...

און אין דעם טיפן טונקל פון דער אַלטער, שרעקיקער שטוב, קלינגט נאָכאַמאָל דורך אַן אַלטער, לאַנג־פאַרגעסענער: „גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב"...

# די פּראַגער באָבעשי

די באָבע ברײַנדל האָט שוין לאַנג פאַרלוירן די רעכענונג פון אירע יאָרן. און טאָמער מײנט עמעצער, אַז זי איז עלטער פון אכציק יאָר, איז די באָבעשי אין כעס און בײזערט זיך. „וואָס האָט עס אויף מיר אַזוינס דערזען?... וואָס צײלט עס מאָ׳ די יאָרן?... כ׳דאַרף נישט, מען זאָל מיר צולײגן... אויף צולהכעיס די שונאים וועל׳עך לעבן...״

זי זיצט אינם ווינקל אויפן בעטל מיטן שטעקעלע אין די דאַרע, קינדערישע פינגערלעך און דער קלײנער װײַסער קאָפּ מיט די האַלב-פאַרגלײזטע אויגן שאָקלט זיך אין דער ברײט: „ניין, ניין... אַזאַ חוצפה צו דערלײגן יאָרן... אַז גאָט לאָזט מיך לעבן... זײַער װעלט!...״

די באָבעשי וווינט אין פּראָגע אין איר הילצערן הײזל, פון וואַנען זי איז שוין פופצן יאָר נישט אַרויסגעגאַנגען.

מיט אַ יאָר פערציק צוריק איז די באָבעשי געווען די גרעס־טע סוחרטע אין פּראַגע, ז׳האָט געהאַט אַ בשמים-געשעפט, מיט הײַזער, מיט פערד, און צו איר מאַן, מענדל פּראַגער, זענען גע־קומען צו-גאַסט די גרעסטע רביים פון קרוין-פּוילן.

קינדער האָט זי געהאַט זעכצן: ניין זין און זיבן טעכטער. צוויי טעכטער זענען געשטאָרבן און איין זון איז משוגע געוואָרן אָבער קײנער געדענקט זײ שוין נישט. ווײַטער וווינען אַלע אין וואַרשע, אין דער געגנט פון טוואַרדע און זשעלאַזנע זענען צע־

וואָרפֿן זייערע געוועלבלעך פֿון שפּייז, פֿון נאַפֿט, פֿון קוילן און כּשרן וויין אויף קידוש און הבדלה.

די באָבעשי האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן, וויפֿל קינדערלעך די זין מיט די טעכטער האָבן, ווי זיי הייסן און ווי זיי זעען אויס.

מיט יאָרן צוריק איז די באָבע נאָך געזעסן אויף איר אַלטן פֿאָטעל, און ערב יום־כּפּור איז דאָס הויז איבערגעגאַנגען פֿון משפּחה, וואָס איז זיך געקומען בענטשן צו דער באָבעשי.

פֿון שבת צו שבת זענען געגאַנגען גאַנצע שערענגעס איי־ניקלעך, אינגעלעך און מיידעלעך, קלענערע און גרעסערע. אינג־לעך שוואַרצע און געלע, מיט לאַנגע קאַפּאָטקעלעך, מיט פּאה־לעך. זיי האָבן פֿאַרנומען אַ האַלבע בריק. זיי זענען געגאַנגען צו דער באָבעשי ברייינדל נאָך שבת־אויבס. די באָבעשי האָט אויס־געפֿרעגט יעדן, ווי ער הייסט, געפֿרעגט, צי ער קאָן עפּעס לערנען און געטיילט צוקערלעך, לעקעכלעך און עפּעלעך.

אָבער זינט עס איז געקומען די מלחמה, האָט די אַלטע פֿאַרלוירן וואָרשע. זעלטן ווען עס האָט זיך ווער אַראָפּגעכאַפּט פֿון די זין, האָט געקרעכצט און דערציילט עפּעס. די אַלטע האָט קוים פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער רעדט און אויף וואָס ער באַ־קלאָגט זיך. זי האָט נאָר געדענקט, אַז ס׳איז דאָ אַ בריק, וואָס פֿירט אין אַ שטאָט אַריין, מיט גאַסן, מיט גערטנער, ווו עס גייען אַרום בייזע קאַזאַקן. די מלחמה, מיט די שיסערייען, מיט די אי־בערקערענישן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו איר אין טונקעלע, אומרואיקע קלאַנגען, האָבן זי דערמאָנט אָן עפּעס אַ „פּאָוסטאַ־ניע״, וואָס זי האָט אַמאָל ערגעץ געזען אין דער ווייטער פֿאַר־לאָפֿענער צייט, ווען זי איז געווען אַ קליין, נאַריש מיידל.

האָט זי געהערט פֿון עפּעס אַן אייניקל שלמה, וואָס זי האָט אים קוים געדענקט, אַז מ׳האָט אים גענומען אין דער מלחמה מיט די דייטשן, האָט זי לאַנג דורך די נעכט געקלערט פֿון די „גוויישע הענט״, וואָס האַלטן אים ערגעץ. דערנאָך האָט זי עפּעס געהערט פֿון דייטשן. זי האָט אַפֿילו געזען די אומרואיקע, ברויזנדע גאַס דורך די שייבלעך פֿון איר שטיבל, אָבער זי האָט גאָרנישט גע־

קאַנט אַרויספּלאָנטערן פון דעם אַלעם, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו איר.

די אייניקלעך זענען נישט געקומען און די זין — זעלטן. אַלטע, עפּעס ווי פרעמדע, דערשלאָגענע יידן, האָבן זי גערופן מאַמע. זי איז אַלץ שוואַכער געוואָרן און איר גאַנץ שטיק לעבן, איר געשטאָרבענער מאַן מענדל, מענטשן פון אַלטע צייטן, געשעענישן פון איר יוגנט, האָבן אָנגעהויבן אָנפילן איר ווינקל־שטוב, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן.

זי האָט אַפילו נישט געדענקט אויף קלאָר, ווען די קינדער האָבן דאָס הויז פאַרקויפט. זי האָט געלעבט נאָר דערפון, וואָס די גלעזערקע, די אַלטע אידענע, האָט איר געבראַכט דעם לעפל וואַרעמס, פאַר וועלכן מ׳האָט איר געצאָלט וואָכן־געלט, וואָס זי האָט איינגעלייגט ביים פּראָגער רב.

זי איז געלעגן מיט האַלב־דרימלענדיקע אויגן. אין איר פאַרשטאַרטן, האַלב־פאַרשטאָרבענעם מוח האָבן זיך אָפּגערופן אַלטע קלאַנגען פון ווייטע יאָרן. דאָ האָט זיך איר געדאַכט, אַז מ׳פירט זי צו דער חופה, דאָ — אַז דער גערער רבי איז געקומען. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס׳איז אַ שמחה, און זי דאַרף גרייטן צום טיש פאַר די חסידים... דאָ האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איר משוגענער זון ישעיה שטייט האַלב־נאַקעט אויף דער גאַס און ציטערט פון קעלט... און מיטאַמאָל הערט זי לערנען מיט אַזאַ זיסן ניגון, ווי מלאכים וואָלטן געזונגען...

דערנאָך קומען איר אויפן זינען ווערטער, וואָס מענדל פּראַגער, איר מאַן, האָט איר געזאָגט וועגן יענער וועלט, וועגן דער הייליקער תורה. זי הערט שווערע, אָנגעלאָדעוועטע וועגענער סחורה קרעכצן, מען פירט סחורה, סוחרים קומען, רייכע סוחרים, רעדן הויך און ברייט. דאָס אַלטיטשקע האַרץ וואַכט־אויף און די אויגן פאַרמאַכן זיך אין אַ זיסן דרימל...

*

היינט קומט שוין קיינער נישט. דער אַלטער ברײנדעלע איז געבליבן נאָר אַ קליין ווינקעלע, ווו עס שטייט דאָס אַלטע בעט. אין

איר צימער וווינען שוין נייע שכנים, וועלכע האָבן זיך אונטערגע־נומען צו ליידן, ביז וואַנען די אַלטע וועט ציען...

שכנים, אַלטע פּראַגער בעלי־בתים, וואָס געדענקען בריינ־דעלע די סוחרטע, קומען אַריין מיט א ווונק צום שטילן בעט: „וואָס הערט זיך?"... מען ליינט אַוועק — ווער א פּאַמעראַנץ, ווער א ווייס בולקעלע, דאָס איז פון ווייבער סוחרטעס, וואָס שפּאָרן אין איילעניש אָפּ א מצווהלע...

אָבער שטיל איז אין דעם ווינקל, ווו אין דעם אַלטן בעט איז קוים צו געפינען דעם קליינעם, איינגעשרומפּענעם קערפּער פון דער אַלטער. זי דרימלט שעהן־לאַנג, נישט קוקנדיק אויף דעם רעש פון מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אין שטוב.

פון צייט־צו־צייט עפנט זי די אויגן, שעפּטשעט עפּעס און טענהט מיט איר אַלטיטשקער חברטע, די גלעזערקע, וואָס גייט שוין אויך קוים אויף די פיס.

זי דערציילט איר מיט א דין, פישטשענדיק קולכל אירע הלומות; הייסט איר אַרויסנעמען אירע תכריכים, וואָס ליגן אין א קוישעלע; קוקט מיט א זיסן שמייכל: „זעסט? ווו ווועסטו היינט געפינען אַזא וועב?... אַזוי ווי זייד... ס'מיגניעט דאָך פאַר די אויגן..."

און ווען עס קומט פאַרנאַכט, הויבט די אַלטע אָן איר מלחמה מיט די שדים. די ווייבער פונם הייפל ווייסן שוין, ווען זיך צוזאַמענצוקומען און שטעלן זיך אַרום מיט א דערשטיקטן דערשראָקענעם געלעכטער אין די פאַרקרימטע, ראַשיקע מיילער. דער אַלטער דערלאַנגט מען א שטעקעלע און די מלחמה הויבט זיך אָן.

— דו אַלטער „פריימייאַר"... דו „שדל" איינער... דו גייסט מיך טשעפּען?... שמע ישראל... אוי ווי... ער שלעפּט מאָך... דו שדל, דו...

די אַלטע פּאַכעט מיטן שטעקעלע אין דער לופט. זי וויל זיך אָפּטרייבן פון די שדים, וואָס רייצן זיך מיט איר, טאַנצן אַרום איר און ווילן איר אַראָפּרייסן די קופּקע. אַממייסטן דערקוטשעט

איר אַן אַלטער שד, וואָס מאַכט מיאוסע שטיק, טאַנצט און שטעקט אַרויס די ציין.

לאַנג געדויערט די מלחמה מיט די שדים. די שטוב ווערט פול מיט ווייבער און אידן. אַ איד כאַפּט דערווייל אַ קאַפּיטל תהלים און די ווייבער קרעכצן:

— אַן אַלטער מענטש איז, ווי אַ קינד... גאָט מאַכט חוזק פון אַ מענטשן...

*

דעמאָלט טוט די אַלטע גלעזערקע אַן איר שבתדיקן „דאָלי־מאַן'' און הויבט אָן צו גיין אויפן גזשיבאָוו אַרויס. זי לאָזט זיך אַרויס אין דער פרי און גייט אַ פּאָר שעה, רוט זיך אָפּ אַלע פּאָר מינוט. און ווען זי קומט אין דער געגנט פון טוואַרדע און גזשי־באָוו, הויבט זי אָן אַריינגיין אין געוועלבלעך צו די זין און טעכטער.

יידן און ווייבער, געוועלבניקעס, מיט שווערע בערד, געלע, רויטע און שוואַרצע, קוקן אויף איר לאַנג, דערקענען זי, ווערן שוויינגדיק און רעדן מיט האַלבע ווערטער, מיט אַ ווונק:

— ווי האַלט עס?...

די גלעזערקע שטעקט יעדן אָפּ אַ טונקעלן סוד וועגן דעם, אַז די אַלטע פּאַקט זיך אין וועג אַריין... די זין מיט די שנורן טוען איבער די שבתדיקע קאַפּאָטעס. מען פּאַרמאַכט די קלייטן, מען זאָגט אָן משפּחה און עס ווערט אַ גייעריי קיין פּראַגע. אויף דער בריק טרעפן זיך משפּחה, וואָס מ'האָט זיך שוין פון יאָרן נישט געזען.

מען קומט אַראָפּ אויף פּראַגע. מען דערמאָנט זיך אַמאָליקע יאָרן און מיטאַמאָל פילט זיך אָן דאָס שטיבל. מען רינגלט אַרום דאָס בעט און אַלטע יידן בויגן זיך איבער ברײַנדלען און שרייען: „מאַמע''.

די אַלטע דרימלט. עפנט אויף אַן אויג, קוקט אַרום אַלע און דרימלט איין צוריק.

אַזוי זיצט מען אָפּ אַ פּאָר שעה, מען זאָגט אַ פּאָר קאַפּיט־לעך תהלים און מען וואַרט...

# מאן און ווייב

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן אין אַ משונהדיקן, גראָען טאָג איבער דעם אָפענעם קבר פון איר פאָטער.

אונטער די גריל־ציקע געשרייען פון צעפּאַטלטע ווייבער איז געפאַלן דאָס שטילע וואָרט. דער געשטאָרבענער איז געלעגן אויף דער מטה אין ווייסן נעבן דעם קבר, וואָס האָט זיך געשוואַרצט, ווי אַ געוואַלט־רים, אין דער גראָער, בלאָטיקער ערד.

דעם יונגנמאַן האָט זיך געדאַכט, שטייענדיק ביים קבר פון פרעמדן איד, אַז די גאַנצע גראָע, טרויעריקע וועלט אַרום וואַרט אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט דעם מיידל. ער האָט דאָך נאָר געוואָלט טרייסטן די יתומה, דאָס בלייכע מיידל בלימטשע, דעם געשטאָרבענעם בעל־הביתס טאָכטער, ווו ער האָט געוווינט אַלס כובלאָקאַטאָר.

לאַנגע חדשים האָט ער געהערט דורך דער וואַנט דאָס קרעכצן פון דעם קראַנקן. ער פלעגט דורכגיין דורך דער שטוב זיך וואַשן אין קיך, און פון יוצא־וועגן אַ פרעג טון פון זיין גע־זונט. וואַשנדיק זיך ביים קראַן, האָט ער אויסגעהערט די לאַנגע באַקלאָגונגען פון דער אידענע, דער בעל־הביתטע.

זי האָט זיך אויסגעקלאָגט אויף דעם אַלטן, וואָס וועט לאַנג נישט אָנציען... און וואָס וועט זיין מיט דעם אומגליקלעכן מיידל? דאָס מיידל, נעבעך, גייט־אויס ווי אַ ליכט. דאָס זעלבע האָט די

אַלטע איבערגעחזרט יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים נאָר באַ־
געגנט.

און ער, ליגנדיק אינם לעצטן, קאַלטלעכן, טונקעלן צימער,
האָט נישט־ווילנדיק זיך צוגעהערט צו די אַלטע, שלעפּעדיקע טריט
פון דער בעל־הביתטע, צו דעם קרעכצן פון קראַנקן און צו די
גרינגע, איילנדיקע טריט פון מיידל, וואָס האָט זיך אַרומגעפּאָרעט
אַרום דעם קראַנקן טאַטן.

מיט דעם מיידל איז אים כמעט נישט אויסגעקומען צו
רעדן... יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך מיט איר באַגעגנט, האָט
ער זיך נאָר אָנגעשלאָגן אָן איר בלייכן, דערשראָקענעם בליק. אים
האָט זיך געדאַכט, אַז דער בליק בעט עפּעס ביי אים, און אים
האָט זיך אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז ער איז אין דער שטוב דער
איינציקער מעכטיקער מענטש, וואָס קאָן עפּעס העלפן.

*

און אָט זענען געקומען די לעצטע עטלעכע טעג. אָנגעהויבן
האָט זיך עס אינמיטן דער נאַכט. אים האָט אויפגעוועקט אַ גערו־
דער מיט אַ שטיל כליפּען נעבן זיין טיר. ער איז אַראָפּ פון בעט
נאָך מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און געעפנט די טיר.

ס'איז געווען ליכטיק פון אַ ליכט מיט אַ לאָמפּ. דאָס מיידל
איז האַלב־ליגנדיק געזעסן אויף אַ שטול. זי איז געווען נישט אינ־
גאַנצן אָנגעטון און עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אירע נאַקעטע פיס.
זי האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויס־דערוואַקסן, פאַרלאָזן קינד. איר
קאָפּ איז געווען איינגעגראָבן אין די אַקסלען, וואָס האָבן זיך
געטרייסלט פון געוויין...

דאָרט, הינטערן ווענטל ביים בעט פון קראַנקן, איז די אַלטע
געזעסן און געבראָכן די הענט.

דער סובלאָקאַטאָר איז אַרונטער הינטערן ווענטל און דער־
זען די שטרענג־אויסגעשפּיצטע נאָז פונם קראַנקן, זיינע אַראָפּגע־
לאָזענע אויגן־לעפּלעך און די פאַרלוירענע געלע הענט אויף דער
קאָלדרע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס קומט דער סוף.

ער איז געשטאַנען אַ לענגערע ווילע, געקוקט אויף דעם
וויינענדיקן מיידל און מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן צוצוגיין צו

איר און אַרויפֿלייגן אַ האַנט אויף איר צאַפּלדיקן אַקסל. זי האָט דעם קאָפּ נישט אויפֿגעהויבן. זי האָט נאָר אַ צאַפּל־געטון אונטער זיין באַרירונג. ער האָט זי אָנגעהויבן גלעטן איבער דער פּלייצע; אַ הייסער שטראָם פֿון צערטלעכקייט האָט פּלוצלינג אַ קלאַפּ־געטון אין אים. כאָטש זי האָט נאָך אים נישט געזען, דאָך האָט ער גע־פֿילט איר נאָכגיביקייט.

זי האָט נאָר טיפֿער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, זיך איינגע־גראָבן אין זיך, און דאָס וויינען איז געוואָרן שטילער און שווע־רער. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און געפֿילט דעם ריח פֿון אירע צעוואָרפֿענע האָר. די משונהדיקע ליכט אין דער שטוב, וווּ דער טויט האָט זיך שוין איינגעגעסן אין די ווינקלען, האָט אים דערנענטערט צו איר מיט אומזיניקער נאָענטקייט.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפֿגעריסן פֿונם בענקל, איז שטיין־געבליבן נעבן אים איר בלייכער, דערשראָקענער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אים. ער האָט נישט געפֿונען וואָס צו טון. זי איז מיטאַמאָל גרעסער געוואָרן, און ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ פֿרוי. ער האָט מיטאַמאָל אָוועקגעוואָרפֿן אַלע געדאַנקען און זי אַרומגענומען. זי האָט זיך אַ ריס־געטון צוריק און איז מיט־אַמאָל געבליבן הענגען אויף אים מיטן קאָפּ אויף זיין ברוסט.

ער האָט עפּעס גערעדט שטילע ווערטער — טרייסטנדיקע, צוזאָגנדיקע, אונטער דער באַגלייטונג פֿון איר שטילן שלוכצן. און דערנאָך — די גאַנצע נאַכט, ביי די שרעקלעכע מאַטערנישן פֿונם גוסס, האָט איר האַנט גערוט אין זיינער.

לאַנג האָט געדויערט די נאַכט, און אין דער שטוב, וווּ דער טויט האָט אָפּגעהאַקט דאָס לעבן פֿון אַ מענטש, האָט אויפֿגעלעבט אַ נייער וואַרעמער אָטעם צווישן דער יתומה בלימטשע און דעם סובלאָקאַטאָר פֿונם לעצטן צימער.

*

אינדערפֿרי האָט זיך די גאַנצע שטוב געענדערט פֿאַר אים. ער האָט מיטאַמאָל פֿאַרלוירן די גרענעץ־שוועל פֿון זיין צי־מער. אים זענען געוואָרן נאָענט און אייגן אַלע ווינקעלעך פֿון די שענק און די בעטן. פֿון יעדן ווינקל האָט שוין אויף אים גע־

אַטעמט די וואַרעמקייט פֿון איר לײַב. ער איז שוין נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט און נאָר דער שוואַרצער, לאַנגער פּאַק פֿונם גע־שטאַרבענעם, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, די שטרוי, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון אונטער דעם האַרטן, שווערן קאָפּ, און די צוויי ליכט, וואָס האָבן צעגאָסן אַ מוטנעם, טאָגיקן שײַן, האָבן אים אַ שטויס געטון צו אַנטלויפֿן פֿון דער משונהדיקער ליכט.

מיטן טאָג האָבן זיך געוויזן קרובים, ווײַבער מיט פֿאַרבונ־דענע שאַלן אויף די קעפּ, אידן אײַנגעזונקענע אין די בערד, מיט אַ מאַטער דערשלאָגנקייט פֿאַרן טויט אין די אויגן.

אַזוי האָט זיך די שטוב אָנגעפֿילט מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַריין און אַרויס מיט דער הפקרדיקייט, וואָס הערשט אין שטובן נאָך אַן אומגליק פֿון טויט אָדער שׂרפֿה. פֿון צײַט־צו־צײַט האָט זיך געהערט אַ ווילדער אויסגעשריי פֿון ווײ־טאָג, ווי מען וואָלט געריסן ציין. דאָס האָט די אַלטע געשריגן, אָדער עפּעס אַ קרובה, וואָס האָט געוואָלט ווײַזן איר מיטגעפֿיל.

בלומטשען האָט מען אַוועקגעפֿירט אינם לעצטן צימער צום סובלאָקאַטאָר, כּדי צו האַלטן זי ווײַטער פֿונם מת. מיטאַמאָל איז די אַלטע מיט שלעפּנדיקע טריט און אַ פֿאַרשוואָלן פּנים פֿון ווײ־נען צוגעטרעטן צו אים, און מיט אַ שטים פֿול צערטלעכקייט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל פֿון איר נישט געהערט, געזאָגט:

— גייען זי אַריין צו איר... צו בלומטשען... ז'האָט דאָך שוין נישט קיין כּח...

ער האָט פּלוצלינג דערפֿילט, אַז די אַלטע ווייסט פֿון אַלעם און ווען ער איז אַריין צו בלומטשען אינם האַלב־טונקלען צימער, ווי ס'זענען געזעסן עטלעכע פֿרויען, האָבן אַלע מיטאַמאָל, מיט לאַנגע בליקן קוקנדיק אויף אים, פֿאַרלאָזן דאָס צימער און זיי איבערגעלאָזן אַליין...

*

ווען די לוויה האָט געריררט פֿונם אָרט און ער איז אַרויס פֿון שטוב, האָט ער ווי צום ערשטן מאָל דערזען די גאַס. ער האָט אַן אָטעם געטון מיט דער פֿייכטער לופֿט פֿונם טונקעלן טאָג און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די טויטן־שרעק, די אָנגערייצטע

שטילקייט פון די ליכט — דאָס אַלץ איז אַרוים פון אים. קיין זון איז נישט געווען און די פייכטע גראָקייט האָט אים דערפרישט. אים איז מיטאַמאָל פרעמד געוואָרן די לוויה פון דעם פרעמדן איד. ער האָט אים אַ צי־געטון אין דער וועלט אַריין, ער האָט זיך אַ ריס געטון פונם אָרט און דערפילט אויף זיין האַנט די שווערקייט פון בלימטשעס אָרעם. זי איז געהאָנגען אויף אים מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שאַל. זי האָט זיך געפּרעסט צו אים און ער האָט דערשפּירט עפּעס אַ געפיל פון אומבאַקוועמלעכ־קייט פאַר די מענטשן אַרום.

זי האָט שטיל געוויינט און דאָס האָט אים דערמאָנט אָן ביינאַכט, ווען זי איז געלעגן אין זיינע אָרעמס. אים האָט אַרומ־געכאַפּט אַ געוואַלטיקע נייגיריקייט צו וויסן, צי זי קלערט אויך וועגן דעם זעלבן. ער האָט אַ דריק־געטון איר אָרעם צו זיך און זי האָט אים געענטפערט מיט דעם זעלבן.

אַזוי האָט ער געהאַלטן דעם טריט נאָך דער לוויה און זיך אַלץ נישט נעקאָנט פאַרשטעלן, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז געשען דורך דער נאַכט, איז נישט געווען קיין חלום.

דערנאָך איז פאָרגעקומען דאָס, אויף וואָס ער האָט זיך איינגעאָנצן נישט גערוכט — ווען ביים אָפענעם קבר האָט ער צו־זאַמען מיט יללות און געשרייען, דערהערט ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן צו אים. דאָס מיידל האָט געחלשט אויף זיינע הענט. עס האָט זיך דערהערט דאָס „מענה״־לשון פון דער אַלטער. זי האָט גערעדט מיט אַ שטים, אין וועלכער עס האָט געקלונגען עפּעס אַ שטרענגער מעטאַל, ווי עס רעדן משוגענע נביאים. זי האָט באַקלאָגט איר מאַן, וואָס האָט זי איבערגעלאָזן איינע אַליין אויף דער גאַנצער וועלט.

— ...און ווער וועט זאָרגן פאַר מיר... פאַר אַ צעבראָכענער כלי... פאַר אַ שיף אָן אַ רודער... אָן אַ פריינט און אָן אַ פאַר־זאָרגער...

זי האָט לאַנג געשיט מיט אומזיניקע רייד, געקוקט מיט אַ ווייסן, משוגענעם בליק און מיטאַמאָל האָט זי אַ געשריי געטון:

„טאַכטער!‟ איר קול האָט אַ גרויליקן שניט געטון איבערן גאַנצן פעלד און זי איז אַרויפגעפאַלן אויף דער פאַרחלשטער טאָכטער. אַרומכאַפּנדיק דאָס מיידל, איז די מוטער אויך געבליבן אויף זיי־נע הענט, און ער איז שיער געפאַלן אונטער זייער שווערקייט.

— טאָכטער... — האָט זי געשריגן — דיך וועט גאָט אויסהיטן... דו ביזט אַ יתומה און גאָט איז אַ פאָטער פאַר יתומים... מענטשן... ער האָט אפילו דערלעבט צו זען איר באַ־שערטן, וואָס גאָט האָט איר צוגעשיקט... טאָכטער בעט דיין טאַטן, ער זאָל זיך מיען פאַר אייך און ער זאָל אייך בענטשן...

די לעצטע ווערטער פון דער אידענע האָבן דערשיטערט דאָס רעדל מענטשן. עס האָט אַ רעש־געטון אַ יאָמער.

דאָס מיידל איז נאָך אַלץ געלעגן אין די אָרעמס פון דעם סובלאָקאַטאָר, און ווען די באַגרעבערס האָבן קרעכצנדיק גענומען אַראָפּלאָזן דעם מת אין גרוב אַריין, האָבן עטלעכע אידן מיטאַמאָל ענג אַרומגערינגלט דעם יונגנמאַן; עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי מאָנען עפּעס ביי אים. זיי האָבן גערעדט צו אים שטרענג, ווי מען וואָלט אים געוואָרנט, און אָנכאַפּנדיק אים ביי דער רעכטער האַנט, האָבן זיי אין איר אַריינגעלייגט די האַנט פון דער נאָך אַלץ פאַרחלשטער בלימטשע. עפּעס איינער אַ איד מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַ קליין ווייס בערדל, וואָס האָט זיך געהויבן אַראָפּ און אַרויף, האָט עפּעס גערעדט, ווי ער וואָלט געדאַוונט, און מיט־אַמאָל אויסגעשריגן:

— מזל־טוב...

אַ שאַרפע שטעכיקייט האָט אים אַרומגענומען פונם קאָפּ ביז צו די שפּיץ פינ. אין די אויערן האָט זיך אַריינגעלייגט אַ שווערע טויבקייט. ער האָט נאָר געהערט די דומפּע קלעפּ פון די גרודעס ערד, וואָס האָבן טויב געקלאַפּט ביים פאַרשיטן.

מיט דער זעלבער שטאַרער פאַרטויבטקייט איז ער געקומען אַהיים. אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס אַ שותפות מיט דעם שטייפן מת, וואָס מ׳האָט צוגעדעקט מיט ערד, ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעטל, צוגעמאַכט די

אויגן און אָפּגעלאָזן דעם שטראָם געדאַנקען, וואָס האָט זיך א שפּאַר־געטון אין זיין קאָפּ.

דעמאָלט האָט ער דערהערט די שטילע טריט פון בלימ־טשען. זי איז שטיל, מיט ווייכע טריט, אָן שיך אריין אין צימער, און צאַרט א גלעט־טוענדיק איבער זיינע האָר, אַרונטערגעלייגט א קאַלט, פרעמד, בעל־הבתיש קישן אונטער זיין קאָפּ...

# דער „חכם"

אין אַן ענגער, אידישער גאַס קאָן מען קוים געפינען דאָס שמאָלע געוועלבל מיט אַ שילד, ווו ס'איז אויסגעמאָלט אַ וועק־זייגער, וואָס זעט אויס, ווי אַ ראָד פון אַ קינדער־וועגעלע. אין דעם פענסטער הענגען עטלעכע אַלטמאָדישע זייגערס, און אינעווייניק, אינם טונקעלן, שמאָלן קלייטל, זיצט ביים טישל אַ ווייסלעכער יונגערמאַן, מיט אַ גרויסן, בלייכן קינדערישן קאָפּ, מיט העלע, גלייכע האָר, וואָס קוקן־אַפּער פון זיין פּאַררוקט יאַרמלקעלע.

ער מרוזשעט די העלע, פלאַכע אויגן. זיין פּנים האָט אַ ווייסלעכע, שוואַכע הויט, און זיינע ליפּן איבערן קאַרגן, בלאָנדן בערדל, זענען ווייבלעך־ראָזע און שמאָלע.

אויפן טישל, ווו ער דרייט ביי זיינע זייגערלעך, ליגט שטענדיק אַן אַלט גראָב ספר, און נישט איינמאָל, ווען מען קומט אַריין אין געוועלבל, טרעפט מען אים פאַרטיפט מיט צוגעקוועטשטע אויגן, ברומענדיק אַ ניגון פון לערנען.

אין דער אידישער אומגעגנט רופט מען אים „דער חכם". גאַסן־מענטשן, וואָס האַנדלען אינם געסל, שטעקן אַריין די קעפּ מיט דרך־ארץ, פרעגן, ווי שפּעט ס'איז. דער „חכם" ענטפערט גוטמוטיק, און אַלע ווינטשן זיך, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין אַזוי ווי ער. און נישט איינמאָל, ווען אַ הענדלערין האָט אַ גוט לייזעכץ, קלויבט זי אויס די בעסטע פּאָמעראַנץ, עפּל אָדער

באַרג, און מיט אַ פאַררויטלט, פאַרשעמט פּנים עפנט זי די טיר און זאָגט:

— נעמען זי צו דערכאַפּן ס'האַרץ... זאָל אין וויל באַקו־מען... מ'עט זיך שוין באַרעכענען...

דער זייגערמאַכער לויפט איר נאָך מיט אַ מטבע אין זיינע ווייסע, איידעלע הענט:

— ווייבל, נעמטס ס'געלט...

די אידענע אַנטלויפט מיט אַ גליקלעכן שמייכל און שרייט איבער דער גאַנצער גאַס:

— ביי אַזאַ מענטש נעם עך נישט קאַ געלט...

*

ווּהין דער „חכם" גייט, ווען ער פאַרמאַכט דאָס געוועלבל, ווייסט נישט קיינער. מען ווייסט נישט, וווּ ער וווינט; מען ווייסט נאָר, אַז אינאָוונט, ווען ער פאַרמאַכט דאָס געוועלבל, גייט ער דורך דורכן געסל. אַלע בעל־הבתישע אידן פון דער געגנט גיבן אים אָפּ אַ „גוטן אָוונט". און אויב צוויי אידן אַמפּערן זיך עפּעס וועגן אַ געשעפט, זאָגט איינער:

— אָט גייט דער „חכם", וועלן מיר אים פרעגן!

דער „חכם" שמייכלט, וואַרפט אַרויס אַ פּאָר ווערטער מיטן נוסח פון לערנען, מיט אַ שוואַך שמייכעלע און פאַרשווינדט מיט זיינע ווייכע, שוואַכע טריט.

די גנבים פון דער געגנט קומען אַמאָל אַריין צום „חכם" און שלאָגן אים פאָר אַ מציאה:

— זאָג נאָר, חכם, ס'קויפן אַ מציאה?...

זיי פינקלען מיט די אָנגערוקטע היטלען און ווייזן אים פון אַרבל־אַרויס בלישטשענדיקע זאַכן.

דער „חכם" שמייכלט, קוקט אויף זיי מיט זיינע פלאַכע, העלע אויגן:

— זיצט, אידן...

— נישטאָ קאַ' צייט... חכם, קויפסט?...

— וואָס הייסט... כ'בין דען אַ סוחר? איר זעט דאָך, אַז

איך בין אַן אָרעמער בעל־מלאכה. צווייטנס, ווי קאָן יאָך קויפן, אַז יאָך ווייס נישט, צי ס׳איז, חלילה, כשר?...

די יונגען קוקן זיך איבער:

— זעטס נאָר דעם חכם! וואָס הייסט, צי ס׳איז כשר? ויאָס איז עס פליִיש?...

און זיי זאָגן אים אויפן אויער:

— ס׳איז פון אַ גוי...

דער „חכם" פינטלט מיט די אויגן. ער הויבט אָן פאַר־שטיין:

— אוי, ווי מיר, אידן — עטיז זענט דאָך איינגעשטעלט...

די יונגען לאַכן און גייען אַרויס. עס געפעלט זיי דעם הכמס „וויקרענט":

— האָסט געהערט דעם חכמס שטיקל?... אַ גוטער ברו־דער, דער חכם...

און שטענדיק, נאָך אַזאַ מין וויזיט פון די גנבים, וואָס ווילן דעם „חכם" מאַכן פאַר אַן „אָפּנעמער" פון גנבות, בלייבט דער „חכם" אַ לאַנגע צייט זיצן מיט דעם זייגער־צווענגעלע אין דער האַנט, און שטילערהייט בעט ער בײַ גאָט פאַר די אידן, וואָס שפּילן זיך מיט פייער, וואָס קאָנען, חלילה, אַריינפאַלן אין גוי־אישע הענט, און עס נעמט אים אַרום אַ רחמנות און אַ גרויל פאַר זיי. זיין טויבן־האַרץ וויינט אין אים:

— חלילה, חלילה... זיי קאָנען נאָך אומקומען, שטעלן־איין דאָס לעבן...

טייליאָל קוקט ער אַרויס אויף דער גאַס דורכן קליי־נעם פענסטער־שייבל פון זיין געוועלבל. ער זעט די שפּאַצירנדיקע מענטשן. דורך די יאָרן קען ער שוין דעם גרעסטן טייל איינוווי־נער. ער קען קינדער, וואָס זענען שוין דערוואַקסענע געוואָרן. אָט, צום ביישפּיל, דאָס קליינע מיידעלע פייגעלע פון קעגנאיבער, דעם טרעגערס טאָכטער, וואָס פלעגט אַריינקומען צו אים, ווען זי איז געווען אַ קינד. זי האָט זיך ליב געהאַט צוצוקוקן, ווי ער שרויפט בײַ די זייגערלעך. זי האָט ליב געהאַט, ווען ער האָט איר צוגעלייגט אַ קלאַפּנדיק זייגערל צום אויער. דערבײַ דער־

מאָנט ער זיך, ווי ער פֿלעגט איר אַוועקשאַרן אירע שווערע, געדיכטע רויטע האָר פֿונם אייערל. שוין אַזוי פֿיל יאָרן, ווי דאָס איז געווען! דערנאָך, וויפֿל מאָל ער האָט זי געזען, האָט ער באַוווּנדערט, ווי שנעל זי איז אויפֿגעוואַקסן. אין די לעצטע יאָרן, ווען ער זעט זי דורכן פֿענסטער, ווייסט ער נישט, פֿאַרוואָס ער שעמט זיך צו קוקן. און אויף דער גאַס באַגריסן זיי זיך נישט. אָבער אויף אירע שווערע, געדיכטע, געלע האָר וואָלט זיך אים געוואָלט אַ קוק טון. מיט אַ צייט צוריק איז זי אַפֿילו אַריינגעקומען צו אים וועגן אַ זייגערל פֿאַרריכטן. מיט איר איז געקומען עפּעס אַ הויכער מאַנסביל, און אים, דעם „חכם״, איז געווען שווער אויפֿן האַרץ. אַ גאַנצן אָוונט, ווען ער איז אַוועק אין אַ לערן־שטיבל, האָט ער אַלעמאָל איבערגעריסן דאָס לערנען, און האָט דערפֿילט עפּעס אַ ראַץ אינעווייניק דערפֿון, וואָס פֿייגעלע איז געוואָרן אַזוי דערוואַקסן, אַזוי פֿרעמד. ער האָט יענעם אָוונט געקלערט וועגן אַ סך שוין פֿאַרגעסענע זאַכן, וועגן זיין ווייב, וואָס איז געבליבן אין דעם שטעטל, וועגן דעם גט מיט די געשרייען און וועגן דעם עלנד, אין וועלכן ער לעבט. ער האָט זיך געפֿילט זייער שוואַך. פֿאַר די געסלעך אַרום, אין וועלכע ער לעבט שוין אַ צענדליק יאָרן, איז ער אַ באַהאַלטענער מענטש, אַ „חכם״, ווייל אַזוי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן די מאַרק־מענטשן, וואָס שטייען אַרום דעם געוועלבל. דער נאָמען איז אים געקומען צוליב דעם, וואָס ער וואַרפֿט אַריין אַ וואָרט תורה אין דער גאַס. מינוטנווייז דאַכט זיך אים, אַז ער וואָלט געקאָנט אַרויס פֿון דעם געוועלבל מיט די זייגערלעך, אַרומזאַמלען די אַלע צעשריגענע פּנימער מיט די הונגעריקע אויגן, וואָס ראָיען זיך אַרום. עס נעמט אים אַ רחמנות אויף די אַלע מענטשן, צייטנווייז ווידער כאַפּט אים אַרום אַ רחמנות צו זיך אַליין. וואָס איז זיין לעבן? און צי איז ער פֿרום? ער הויבט אָן זוכן אין זיין האַרץ, אין זיין מוח, און ווידער געפֿינט ער דאָרטן געדאַנקען און געשטאַלטן פֿונם געסל־געווימל. אַ הייסער, זינדיקער קנופּ כאַפּט אים אָן פֿאַרן האַלז, און ער הויבט אָן זיך נאָכגעבן. און פֿאַר אַלעם, העלער און בולטער פֿאַר אַלע, זעט ער פֿייגעלען דעם טרעגערס טאָכטער, דער בליאַסק פֿון

אירע שטראַלנדיקע אויגן שטעכט אים דורך און ער פילט אויף זיין האַנט די שווערע, קילע וואָגיקייט פון אירע געלע, פלאַמענ־דיקע האָר.

ער פאַרלאָזט אין שפּעטן אָוונט דאָס לערנער־שטיבל און לאָזט זיך אַרויס איבער די געסלעך. ער וויל אָפּהיטן זיין פרום גע־מיט, וואָס ער האָט געבראַכט פונדערהיים, אָבער דאָ זעט ער אַרום אַ קאָכעדיק לעבן, און ווען ער קומט אַריין צו זיך אינם צימערל, געפינט ער נישט קיין רו, און אַלע קלאַנגען, וואָס דערגייען צו אים פון די אָרעמע שטובן אַרום, רופן אים און רייצן אים. ער גייט אַראָפּ אין דער שפּעטער נאַכט אינם ענגן, אָנגעשטאָפּטן הויפל. עס איז פינסטער און אויסגעלאָשן אין די הייזער און נאָר קליינע קינדער וויינען, דערשראָקענע מאַמעס רעדן פון שלאָף, און שווערע הילצערנע וויגן מעסטן מיט די קלעפּ די נאַכטיקע שעהן.

דער „חכם" שטייט אויף די הילצערנע טרעפּ, קוקט אַריין אין די טונקעלע שויבן. ווו־נישט־ווו זעט מען האַלב־אויסגע־טוענע מענטשן. ער קוקט און זוכט עפּעס אין דעם אומעטיקן טונקל.

אויף די פינסטערע טרעפּ אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער ליב געקריגן צוצוהערן זיך צו די שעפּטשענדיקע פאָרלעך. ער האָט זיך געכאַפּט אין אַזאַ אָוונט, ווען ער האָט שעהנווייז אונ־טערגעהערט דאָס שעפּטשען פון פאַרליבטע, און אויף אים איז געפאַלן אַ פחד, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע ווייסן דערפון און אים איז געוואָרן שווער צו נעמען אַ ספר אין האַנט אַריין...

*

איינמאָל אינאָוונט האָט זיך די טיר פונם געוועלבל מיט רעש געעפנט. דער „חכם", וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ צענו־מען ווערק פון אַ זייגערל, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען פאַר זיך פייגעלען. ער האָט זי דערקענט בלויז צוליב די רויטע האָר, וואָס זענען געווען מיט אַ גלאַנץ פאַרקעמט אונטער איר קליין היטעלע. זי איז צוגעגאַנגען צום ווענטל, ווו דער חכם האָט

געהאַט זיין אַלטע קאַנאַפּע מיט אַ טשיינִיקל און מאַשינקע אויף טיי.

— לאָזט מיך דאָ אריין! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ ציטערנדיקער שטים און איז אַרונטער הינטערן ווענטל.

אַ הייסע פאַליע פרייד מיט שרעק צוזאַמען האָט אַרומגע־כאַפּט דעם „חכם". ער איז געשטאַנען אינמיטן געוועלב. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז געווען אַ חלום. ער האָט זיך מיט שטילע, צוריקגעהאַלטענע טריט דערנענטערט צום טירל און אַ קוק־געטון, ווי זי איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. דעמאָלט האָט ער זיך שטיל דערנענטערט צו איר און אַ פרעג געטון:

— פייגעלע, וואָס איז?

זי האָט אים לאַנג אָנגעקוקט און לאַנגזאַם געענטפערט:

— כ'בין אַנטלאָפן... אַן אַבלאַווע... פאָליציע האָט געיאָגט. בין איך אַריין אַהער... צוויי מיידלעך האָט מען געכאַפּט. כ'האָב מיר געקלערט — אַן אַלטער באַקאַנטער...

דער „חכם" האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט געפינען קיין וואָרט און, ווי אין חלום, מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער אָנגערירט אירע האָר.

פייגעלע האָט שטאַרק געקוקט אויף אים. אַ בלאַסער, פאַר־טראַכטער שמייכל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף אירע גלאַט־אויסגעשניטענע, וואַרעמע ליפּן.

מיטאַמאָל האָט זי טרוקן אַ זאָג געטון:

— איר זענט אויך אַזוי?... זי זענען דאָך עפּעס אַ צדיק... כ'בעט אייך איבער... כ'בין דאָ אַריינגעלאָפן...

דער „חכם" האָט, דאַכט זיך, נישט געהערט, וואָס זי האָט גערעדט צו אים. דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים געהויבן שנעל און אַ פאַליע פון ענגשאַפט האָט אים צוגעשלאָגן צום האַלז... ס'האָט אים עפּעס אַ ברי געטון. ער האָט אין דער מינוט פאַרשטאַנען, ווען ער האָט זי דערזען, אַז זי האָט ער געזוכט אין זיינע זינדיקע װאַנדלונגען ביינאַכט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די קליינע, גראָע וועלט, וואָס ער זעט דורך זיין פענסטערל פון געוועלבל, אַז

די גראָע גאַס, האָט אַ גרויסן כוח, וואָס קאָן צעטרעטן. פאַר זיינע אויגן האָט נאָך געשוועבט דאָס בילד פון זיין פייגעלע, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן, ווי אַ מעכטיק בילד פון אַ פרוי מיט רויטע האָר און רויט, הייס בלוט, מיט אַ ווייס־בלענדנד לייב. ער האָט אויסגעוואָרעמט דאָס בילד פון איר מעכטיקער ווייבלעכקייט דורך זיינע עלנדע נעכט אין בענקשאַפט, איצט זיצט זי דאָ אַזעלכע, ווי די גאַס האָט זי איס צוגעוואָרפן: אַ צעטרעטע־נע, אַן אָרעמע און געפּלאָגטע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף עפּעס טון.

ער האָט געקוקט אויף אירע קליינע, ווייסע, מיידלשע הענט, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אויף דער קאָנאַפּע, און כדי זיך צו־צורירן צו אירע הענט, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן איר.

— וואָס ווילט איר?... — האָט זי שטאַר אַ פרעג געטון און זייטיק אַ שמייכל טוענדיק מיט אירע גרויסע, וואַרעמע ציין, האָט זי אים מיט צוויי פינגער אַראָפּגענומען דאָס יאַרמלקעלע פונם קאָפּ. זיינע ווייכע, העלע האָר האָבן זיך צעפּלאָשעט, ער האָט אַ שמייכל געטון, ווי אַ קינד. זי האָט אים געלאָזט נעמען איר גלייכגילטיקע האַנט; דערביי האָט זי פאַרוואָרפן איין פוס איבערן אַנדערן.

— איר זענט טאַקע אַ פרומער... צי איר מאַכט זיך נאָר אַזוי?...

— וועגן פרומקייט רעדט מען נישט, פייגעלע.

ער האָט צוגעדריקט איר האַנט און זיינע אויגן האָבן אויפ־געשפּילט מיט אַנטציקטער פריידיקייט:

— ביז פרומקייט איז נאָך דאָ וועגן אַ סך צו רעדן... ווי קאָן דען אַ מענטש זיין פרום, ווען מען לעבט אין אַזאַ ענג־שאַפט?...

ער האָט געוואָלט איר עפּעס אויסטייטשן און צוגעזוכט ווערטער:

— איין מענטש רייבט זיך אָן אַנדערן... אַז דער געזונט־סטער... כ'מיין... פרומסטער מוז זיך אָנשטעקן... כ'האָב געמיינט אַז כ'בין אַ פרומער מענטש... אַן אָפּגעהיטענער... כ'האָב אָבער

נישט געוואָלט, אַז, חלילה, אַלע זינד זאָלן טרעפן אַנדערע... אָט, האָט דיך געטראָפן... פייגעלע... אייך האָט געטראָפן... איז מיר אויך שלעכט... כ׳האָב געוואָלט אייך זען אַן אַנדערע... כ׳קאָן דאָך דיך פון קינדוויז אויף... נו, ווי אַזוי בין איך פרום... אַז כ׳האָב אייך נישט געקאָנט אויסהיטן?

— אַזאַ יאָר זאָל איך מיר האָבן... ווי זי רעדן... גאָלדענע ווערטער — האָט פייגעלע פּלוצלינג אַ זאָג געטון, און אַ פּייכט־קייט האָט זיך באַוויזן אין אירע שוואַרץ־אונטערגעשמינקטע אויגן. זי האָט אַ כליפּע געטון און זיך גענומען ווישן די נאָז.

דער „חכם״ איז געשטאַנען מיט אַ לייכטנדיקן בליק. ערשט איצט האָט ער זי דערקענט. ער האָט איר אַראָפּגענומען דאָס קליי־נע היטעלע און איר אַ גלעט געטון איבערן קאָלטן, פּייכטלעכן פּנים. זיינע קני האָבן דערביי געציטערט.

זי האָט זיך אויסגעוויינט און זיך צערעדט מיט אַ געשפּאָל־טענער, קינדערישער שטים:

— גלויבן זי מיר, „חכם״... ווען מיין מאַמע וואָלט גע־ווען געלעבט, וואָלט איך נישט געקומען צו דעם באַשטאַנד... זי קענען דאָך מיין טאַטן... ער האָט אפילו קיין יאָר נישט געוואַרט... דאָס גאַנצע געסל האָט געהאַט מיט׳ן צו טון... מ׳איז געשוואָלן געוואָרן פון הונגער... כ׳בין אונטערגעוואַקסן. נישט געוואָלט וואַשן קאָ׳ פּאָדלאָגעס ביי דער שטיף־מאַמע... זי מיינען, זי איז געווען בעסער?... און ער, דער טאַטע?... כ׳וויל עם גלאַט נישט שעלטן... ער איז שוין אַזוי אויך אויף צרות... ליגט אין שפּיטאָל. אַ „קאַטאַזשאַן״... נאָר געשלאָגן... און וואָס כ׳האָב פאַרדינט אין גאַס — איז אַלץ אַריין אין שענק אַריין... כ׳בין אַנטלאָפן... כ׳האָב געוואָלט אַרבעטן... כ׳בין געווען אַ קעלנערקע... אין אַ קאַוויאַר־ניע... האָט מען מיר נישט געגעבן קיין רו... כ׳בין געווען אויף אַ שטעל, איז ווער ס׳איז געווען אין שטוב, איז געקראָכן... דער הער און דער זון... און דער לאָקאַטאָר... דערנאָך האָב יאָך געהאַט אַ חתן... כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס איז זיין פאַך...

דער „חכם״ איז געזעסן מיט אַ פאַרזונקענעם קאָפּ אין די בלייכע הענט.

זי האָט געערדט מיט א טרוקענעם, קרייענדיקן האַלז, די האָר האָבן זיך ביי איר צעלאָזן אין רויטע פאַסמעס, זי האָט זיך האַלב געלייגט אויף דער קאַנאַפּע, אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט די הענט, זי האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן, האָט א גענעץ געטון און געבליבן שטיל.

דער „חכם" האָט זיך אויפגעהויבן פונם אָרט. זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים איר בליק, ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. און ווען זי האָט געזען, אַז ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זי זיך געפּרוּווט אויפהויבן מיט א צווייטן גענעץ, אויסציענדיק די הענט אין דער הויך:

— מען דאַרף שוין גיין... האַ?

ער האָט זיך אומגעקערט מיט א שמייכל.

— פּאַרוואָס, פּייגעלע... ווילסט אוועקגיין?... כ'האָב דיך דען, חלילה, באַליידיקט?...

אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן א טעלערל מיט ברויט מיט פּוטער...

— כ'וויל דאָך, איר זאָלט... זאָלסט עפּעס עסן... כ'וועל מאַכן הייסע טיי...

זי האָט אים לאַנג אָנגעקוקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי בלייבט און א פרייד האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. זיי האָבן זיך ביידע א מינוט אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער א קוק געטון דורכן טירל אויף דער גאַס. די נאַכט איז שוין שווער געלעגן אויף די שייבלעך פון דער טיר. ער האָט זיך שנעל גענומען פאַרען, ער האָט צוגעשפּאַרט די טירן פונם געוועלב און א פינסטערניש האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין קלייטל. דעמאָלט האָט ער אָנגעצונדן א קליין לעמפּעלע, ביי וועלכן ער פלעגט אַריינקוקן אין א ספר. ער האָט געבּרומט עפּעס א ניגון און גענומען אָנצינדן די מאַשינקע אויף צו מאַכן טיי. זי האָט געקוקט אויף זיינע בלייכע הענט, וואָס האָבן געציטערט, טוענדיק די אַרבעט. זי האָט זיך אָנגערופן, מיט א היימיש, דערוואַרעמט קול:

— לאָזט נאָר מיך... ביי מיר וועט עס גיין גיכער.

און מיט איין באוועגונג, אראפּוואַרפנדיק דעם לייכטן מאַנטל, האָט זי שנעל געגומען צוגרייטן די טיי.

דער „חכם" איז געשטאַנען אין צווייטן ווינקל. ער האָט זיך א בוק־געטון צו דער וואַנט און זיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט. דאָס לעמפּל האָט געוואָרפן א רויטן שיין אויף אירע רויטע האָר, און אירע ווייסע מעכטיקע הענט האָבן ארומגעשוועבט אינם טונקל.

מיטאמאָל האָט זי דערזען דעם „חכם", ווי ער מאַכט מיט די הענט און שעפּטשעט עפּעס. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אויפגעריסענע אויגן פון איבערראַשונג. זי האָט זיך דערמאָנט איצט אָן די אַלע מעשיות, וואָס זי האָט פון קינדוווייז־אָן וועגן דעם „חכם" געהערט, אז ער האָט עפּעס צו טון מיטן הימל, און קאָן מאַכן כישוף. זי האָט געזען, ווי ער הויבט אויף די הענט אין דער הויך און גייט שנעל פון איין ווינקל אין אַנדערן. האָט זי א געשריי געטון:

— הערן זי אויף... כ'האָב מורא...

— פאַר וועמען האָסטו מורא, פייגעלע?...

— פאַר אין... וואָס טוען זי?

— איך דאַוון, פייגעלע...

— אַזוי?... — זי האָט א שמייכל געטון — טאָ דאַוונען זי פאַר מיר אויך...

ער איז פּלוצלינג צוגעלאָפן צו איר. ער האָט אָנגעכאַפּט אירע הענט און זיין קאָפּ איז לייכט געפאַלן אויף איר בוזעם. זיינע אויגן האָבן געלויכטן און ער האָט גערעדט מיט א צאַפּל פון זיסקייט און פאַרטראַגנקייט.

— איך דאַוון פאַר דיר, פייגעלע... איך בעט פאַר דיר, אז דו זאָלסט נישט אוועקגיין... זאָלסט שוין דאָ בלייבן נעבן מיר...

ער האָט זיך מיטאמאָל דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט פאַרן מויל.

און זי האָט מיט שרעק געזען, ווי פון זיינע פאַרמאַכטע

אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס
אַ פליגל פון בייזע שרעק, פאָכעט איבער איר. זי האָט שנעל
אַ כאַפּ געטון דאָס מאַנטעלע מיטן הוט, די טרוקענע זעמל איז
אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און זי איז מיט איין שפּרונג אַרויס
פונם „חכמס" קליטל, און אַריין אין דער גראָער, לויפנדיקער,
פרייליכער, זינדיקער גאַס...

# אמאל...

ביידע זענען זיי געזעסן אין א ווינקל פונם נאָכמיטאָגדיקן רעסטאָראַן. ס'איז געווען שטיל און דער פּאַמעלעכער קעלנער מיט ווייכע טריט, האָט זיי באַדינט.

ביים בופעט האָט געדרימלט דער „מאַרקער" און דורך די שמאָלע שפּעלטלעך פון זיינע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן האָט ער געקוקט אויף די צוויי געסט, וואָס האָבן געשמועסט מיט ברייטע איבערגעטריבענע באַוועגונגען און הייזעריקע, הילכיקע שטימען.

ער האָט זיי געקענט שוין פון לאַנג, פון אַלטע צייטן, ווען די צוויי זענען נאָך געווען ריזיקע מאַנספּילן, מיט גלאַנציקע אויסגעגאָלטע פּנימער און פּאַרביקע אָנצוגן, מיט ברילִיאַנטענע סיגנעטן אויף די פינגער. זיי זענען געווען די ליבלינג־אַקטיאָרן פון די יידישע הינטערגעסלעך, און אין אַלע יידישע הייף און שטובן האָט מען נאָכגעזונגען די „מאָראַלישע" לידער, וואָס זיי האָבן געזונגען אויף דער בינע.

ער האָט איצט געקוקט אויף די צוויי אַלטע לייט מיט די צעקנייטשטע פּנימער אַזוי ווי צוויי אַלטע הינט.

איינער, דער גרעסערער, איז געלעגן מיט די הענט אויפן טיש, מיט א פאַרלוירענעם, געגאָלטן קאָפּ איבער אַן אָנגעהויבן גלאָז ביר; דער צווייטער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט, פאַר־גלייזטע אויגן און אַרויסגעלאָזט א וויינענדיקן מרוטש:

— יאָ, פריינדע, עס זענען אַוועק אונזערע צייטעלעך!... גייע צייטן — נייע לידער! ערינערסטו דיך, ווען איך האָב געהאַט

מיינע גאסטראָלן אין אדעססאַ? אַך, ברודער! ווען איך האָב מיך באוויזן אין דער אָפּערעטע... אַך, ווי האָט זי דאָס געהייסן! ווען איך האָב געשפּילט דעם גראַס־אינקוויזיטאָר, מיט מיינער לעווען־שטים?... און מיין זעליקע פרוי, שיינדעלע עליה־השלום, האָט מיט מיר אָפּגעזונגען דעם דועט און זי איז אַרויף אויפן הויכן קוויטש, האָב איך איר אַ זאָג געטון אויף דער בינע: „בהמה, פאַרמאַך דעם קוויטשער"!... האָט זי מיר דערלאַנגט אַ קנופּ און אַרויסגעלאָזט אַ קללה. מיין פרוינד, געדענקסט, ווי זי האָט געשאָלטן? אַך, ברודער, האָט זי געשאָלטן! און איצט ליגט זי אָן אַ מצבה, אַ וויטאָג איז מיר!

— יאַ, פרוינדע... עס זענען אַוועק אונזערע גוטע צייטן — האָט דער צווייטער אַ זעץ געטון מיט אַ באַס — יאַ, איך געדענק דיינע זעליקע פראַו... צי געדענקסטו אָבער מיינע העלדן־ראָלן, ווען איך האָב געשפּילט דעם רוסישן קאָנסול אין סטאַמבול, ווען איך בין אַרויס אויף דער בינע מיט מיין העלדן־פיגור אין דער ווייסער פּעלערין, מיט מיינע געלע שטיוול, מיט די גאָלדענע מע־דאַלן. אַך, ווייסטו, ברודער, ווען איך האָב אַ זאָג געטון: „אַ, ראַ־בע פיר מיינע הערצענס־געליבטע!" ווייסטו, וואָס פאַר אַ שטו־רעם עס איז געוואָרן אין טעאַטער, ווי איין דאָנער־אַפּלאָדיסמענטן?...

און געדענקסטו, ברודער, ווען איך האָב אין צווייטן אַקט פונעם „פרויען־יעגער" אַ געשריי געטון: „אַ, פאַלשע שלאַנגע, קראָקאָדילע!" דאַן, ווען איך מאָרדע די פאַלשע פראַו... ווייסטו, ברודער, אַז ווען איך בין אַראָפּ פון דער בינע, האָבן אויף מיר געוואַרט די פאָרנעמסטע דאַמען פון דער גאַנצער גובערניע, און איינע וואָרע הימלישע שיינהייט איז מיר געפאַלן אויפן האַלז און האָט געוואָלט אַוועק מיט מיר אין האָטעל און פאַרראַטן איר מאַן, דעם גענעראַל... אַך, ברודער, וואָס פאַר איינע הימלישע שוינהייט איז דאָס געווען!...

— און די, וואָס האָט זיך געשאָסן צוליב מיר, האָסטו געקענט?...

— יאַ, איך ערינער מיך!... איז זי נישט געווען קיין טאָכ־טער פון אַ באַנקיר?

— יאַ, ברודער! פון אַ באַנקיר, איין מיליאָנער...

— און מיין לואיזע, די פון בערדיטשעוו, וואָס איז געווען אין מיר אַזוי שטערבלעך פאַרליבט, וועלכע איז אַנטלאָפן פון אונטער דער חופּה... אַך, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטון!! איך האָב, דאַכט מיר, דעמאָלט געשפּילט דעם „בר־כּוכבא"... דאָס איז געווען נישט לאַנג נאָך מיין האָכצייט מיט שיינדעלען, ווען זי איז געוואָרן פּרימאַדאָנע. אַך, ברודער, ווען איך ערינער מיך אָן מיינע זעליקע פראַו, מוז איך נאָך איין שנאַפּס טרינקען. קעלנער, אַ גרעסערן, מיט פעפערמינט...

דער „מאַרקער" האָט געעפנט אַן אויג, זיך אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטון צום קעלנער:

— ווי האַלט עס?...

דער קעלנער האָט ווייך אַ שפּאַן־געטון און, אַרויסכאַפּנ־דיק אַ פּאַפּירל, אָנגערופן אַ ציפער.

— גענוג! — האָט דער „מאַרקער" אַ זאָג געטון, און דער קעלנער האָט זיך מיט זיינע שטילע טריט צוגעטראָגן צו די צוויי אַקטיאָרן און געשוויגן.

— ווו איז דער שנאַפּס? — האָט דער אַקטיאָר געפרעגט.

— עס וועט נישט זיין — האָט דער קעלנער שטיל געענט־פערט און פאַרמאַכט די אויגן פון מידקייט.

ביידע אַלטע אַקטיאָרן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. זיי האָבן לאַנג געשוויגן. דער קעלנער איז שטיל פאַרשוווּנדן אין אַ ווינקל.

— ברודער — האָט ווידער אָנגעהויבן דער גרויסער מיט אַ געלאַסענער שטים — זאָג, וועלן נאָכאַמאָל צוריקקומען אונ־זערע צייטן, האַ? וועלן מיר נאָך אַמאָל אַרויסגיין אויף דער בינע אין אונזערע העלדן־ראָלן מיט די גאָטלעכע מעלאָדיעס, האַ? וועלן מיר נאָך אַמאָל ווייזן די אַלע „האָלאַקעס" — אַ רוח אין זייער!!! זאָג, רודאָלף, רודאָלף, ירוחם, ירוחמל „בייגלבעקער"! וואָס שלאָפסטו?

אָבער דער צווייטער העלדן־טענאָר האָט שוין געשנאָרכט מיט אַן אַלטן, פאַרטראָגענעם, טויטלעכן, מושב־זקנים־שלאָף...

## ניי מעבל

באָלד אינדערפרי שטייט בעריש אויף און לויפט אַראָפּ אין געוועלב אַריין. ער שפּרינגט אַרוים פונם בעט, ווי עס וואָלט אים עפּעס אַרויסגעוואָרפן. זיינע אויגן זענען נאָך האַלב־פאַרמאַכט, ווי פאַרקלעבטע פונם שלאָף און פאַרפּלאָנטערטע חלומות. לעצטנס חלומט זיך אים אַ סך. משונהדיקע שרעקן... גנבים... און לויי־פעררייען... גנבים רייסן די טירן... אַלע לויפן... דאָס גאַנצע שטעטל לויפט... און אַרום איז עפּעס אַן אומעטיקע ליכט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען באַלויכטן פון עפּעס אַ פאַררויכערטן לאָמ־טערן...

איצט איז ער געבליבן זיצן אויפן ראַנד פונם נייעם בעט. ער רייבט זיך די אויגן און ווען זיינע באָרוועסע פיס רירן אָן די שאַרפע גליטשיקייט פון דער פּאָדלאָגע, דערמאָנט ער זיך אָן דעם. אַז ער איז אין דער אויפגעפרישטער דירה, וווּ אַלץ איז דאָ ניי. וווּ אַלץ גלאַנצט מיט אַ שימער פון נייקייט און ער דערמאָנט זיך ערשט, אַז אינם צווייטן נייעם בעט שלאָפט רוכטשע.

...זי איז געקומען שפּעט — קלערט בעריש — „אַפילו נישט געהערט ווען"... איר קאָפּ איז איינגעגראָבן אינם קישן און נאָר אַ וואַרעמער פלעק פון איר נאַקעטער האַנט זעט זיך אַרויס פון אונטער דער נייער, גלאַנציקער קאָלדרע.

פאַראיאָרן אין דער צייט איז געווען באַלד נאָך דער חתונה. עס איז געווען סוכות־צייט — פלעגט זי זיך צוזאַמען

מיט אים אויפוועקן. און ער האָט איר געבּרענגט הייסע מילך אין בּעט אריין... גאַנצע אָוונטן און נעכט צוזאַמען... געשלאָפן אין איין בּעט... איצט שלאָפט זי באַזונדער... זאָל זיין... בּעריש פאַר־שטייט אַליין אויך... „ס׳איז נישט געזונט" — זאָגט רוכטשע... מסתמא ווייס זי... נישט היגיעניש... כאַ—כאַ... רוכטשע איז דאָך געבּילדעט...

בּעריש גייט צו צו איר בּעט, ער בּויגט זיך אָן. קוקט לאַנג אויף אירע צעוואָרפענע, בּרוין־גלאַנציקע האָר, הויבּט אויף אַ האַנט, רירט לייכט אָן איר אַקסל און לאָזט זי צוריק אַראָפּ.

— רוכטשע... — זאָגט ער שטיל ווי צו זיך אַליין.

ער כאַפּט זיך איילִיק אָנטון. ער טוט אָן די זאָקן מיט די הויזן און אַ בּליק־טוענדיק אויפן שלאָפנדיקן ווייב, טוט ער אַ מורמל מיט די ליפּן.

בּעריש דאַוונט שוין נישט אַ יאָר צייט, זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט רוכטשען. זי האַלט נישט דערפון. די גאַנצע צייט האָט ער דערפון נישט געקלערט. קיין פרומער איז בּעריש קיינמאָל נישט געווען. אָבּער לעצטנס, זינט ס׳האָט זיך געשטעלט דער האַרבּסט און די אינדערפריען זענען גראָע, אָט אַזוי ווי איצט, ווי עס שניידן זיך אויס די הייזער מיט די בּיימער פון אַ גראָען פייכטן נעפּל און די בּלעטער פאַלן לאַנגזאַם אויף דער שוואַרצ־לעכער, פייכטער ערד, פעלט אים עפּעס דאָס דאַוונען. דאָס פאַר־לירטע קעסטל פונם גראַמאָפאָן שטייט איצט אויפן טיש. זעט אויס, אַז אין אָוונט, ווען ער איז געווען אין גאַס, זענען ווידער געווען געסט, מ׳האָט געשפּילט און געטאַנצט. ער גייט פּלוצלינג צו און מראָגט דעם גראַמאָפאָן צום ווינקל, וווּ ער שטייט שטענדיק — אויף דער ניי־מאַשין. דאָרט ליגן אויך עטלעכע ספרים און סידורים. ער נעמט אַ ספר אין דער האַנט. דאָס איז אַ מחזור. ער ווישט אים אָפּ פון שטויבּ און קלערט, אַז בּאַלד וועט מען אים דאַרפן. די ספרים זענען פאַרשטויבּט. ער עפנט די טיר אין פּאָדערצימער און רופט שטיל אין קיך אַריין:

— חנה!

אויף דער שוועל בּאַווייזט זיך אַן עלטערע אידענע. זי איז

פארשלאָפן, מיט רויטע פלעקן אויפן פנים. זי האַלט זיך מיט א האַנט פאַר דער ברוסט, ווי זי וואָלט געהוסט:

— וואָס וויל דער הער?

— זי זענען, חנה — דאָ, די ספרים... זענען פאַרשטויבט... פאַרוואָס זאָל אַזוי זיין?

— די מאַדאַם האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיי אַרויפטראָגן אויפן „סטריך". איך ווייס נישט...

— אויפן „סטריך"... פאַרוואָס אויפן סטריך?... אַ אידיש ספר...

חנה שטייט מיט פאַרקוועטשטע אַקסלען. מיטאַמאָל זאָגט זי:

— ס'זענען נאָך דאָ ערגערע זאַכן... דער הער קלערט וועגן די ספרים...

בעריש ענטפערט איר נישט.

— דער הער וועט טרינקען טיי?... דער הער גייט שוין אַראָפּ?...

בעריש הערט נישט.

איצט האָט ער געעפנט די שאַנק און עס האָבן אויף אים א בלאָז געטון מיט א יום־טובדיקן ריח אירע קליידער. א וואַלד פון קליידער, וואָס האָבן אים איצט דערמאָנט אָן די ערשטע יום־טובדיקע טעג, ווען רוכטשע איז אַריין אין זיין שטוב — און ער האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז דאָס אַלץ איז אַזוי ווייט אַוועק... אַזוי איז ער געשטאַנען ביי דער אָפענער שאַנק און אַריינגעקוקט אין דער טונקלקייט, ווי אין א פרעמדקייט. געזוכט האָט ער דעם טלית־זאַק. אים האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואָלט זען, צי ער איז נישט פאַרשטויבט און פאַרלאָזן, אַזוי ווי די ספרים.

„דעם יום־כפור, מ'זאָל דערלעבן" — האָט ער געקלערט. ער האָט געוואָלט פון דעם יום־כפור אָן אָנהויבן זיך פירן ווי אַמאָל. אים האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין פריריק לעבן און אַרויסשלעפּנדיק דעם טלית־זאַק פון א באַרג אַלטע, צעקנייטשטע זאַכן, האָט ער זיך טיפער אַריינגעבויגן אין דער שאַנק. דער טלית־זאַק איז געווען פון ברוינעם סאַמעט מיט א נעהאָפטענעם קאַפּ. ווי לאַנג דאָס

איז שוין, זינט ברכהלע האָט אים דעם טלית־זאַק אויסגעהאַפטן. זי איז נאָך גאָר אַ קליין מיידל געווען און ער, בעריש, איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. פון דעם טריבן ליכט, וואָס האָט פון דרויסן אַריינגעקוקט, פון דער טונקעלער שאַנק און פון דעם טלית־זאַק און אויך פון דעם געדאַנק וועגן דעם נאָענטן יום־כּפור האָט פּלוצלינג אַרויסגעקוקט דאָס פּנים פון זיין ערשט ווייב, ברכהלע. אויף בערישן איז אָנגעשווומען דער בית־עולם, וואָס ליגט צווישן די טונקעלע פעלדער, הינטער דער שטאָט אינמיטן וועג אַקעגן דעם ווייסן שאָסיי. אין אים האָט אַ ריר געטון אַ פּלוצלינגע, וואַרעמע פרומקייט, ווי אַ לייכטער אָנריר פון אַ פויגל, וואָס האָט דורכגעשוועבט פון עפּעס אַ פרעמדער הויך. בעריש האָט גענומען דעם טלית־זאַק און איינגעגראָבן זיינע פינגער אין דעם ווייכן פּליוש, ווי ער וואָלט זיך באַהאַפטן מיט עפּעס, וואָס דאַרף אים שיצן.

ער האָט אוועקגעלייגט דעם טלית־זאַק אין ווינקל נעבן די ספרים און שנעל זיך אָנגעטון דעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. די דינסט חנה איז ווידער אַריינגעקומען. זי איז שוין איצט געווען אָנגעוואַרעמט פון דעם פייער אין דער קיך. איר שייטל איז געווען פאַרקעמט. זי האָט אוועקגעשטעלט אַ גלאָז בלאַסע טיי מיט אַ טעפּל מילך. בעריש האָט נישט געקוקט אויף איר און געזאָגט:

— חנה... מ'דאַרף די זאַכן אויספּוצן... ס'גייט יום־טוב... דאָ ליגט דער טלית־זאַק...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז חנה פרעגט אים עפּעס, נאָר אין דער מינוט האָט די שלאָפנדיקע זיך שווער איבערגעדרייט, אַרויסלאָזנדיק דערביי אַ קרעכץ. חנה איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

בעריש איז געשטאַנען. ער האָט זיך געקעמט דאָס קורצע טיטון־בערדל. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געמישט די טיי. ער האָט געהערט, ווי חנה האָט געעפנט די טיר, דאָס איז לייבל דער משרת געקומען נאָך די שליסלען צו עפענען דאָס געוועלב. ער האָט אים געדאַרפט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט פאַרגעסן וואָס. בעריש האָט איילִיק אַ זופּ געטון די טיי, אַרויסגענומען פון שופ־

לאָד אַ בינטל שווערע שליסלען און איז אַוועק צו דער טיר. דער משרת איז שוין געשטאַנען דאָ.

— כ׳וועל באַלד אַראָפּקומען — האָט בעריש געזאָגט.

דער משרת איז געווען רויט און אַ ריח פון קאַלטע עפּל האָט געשלאָגן פון אים. פון דער קעשענע האָט ביי אים אַרויס־געשטעקט אַ גרויסע, בלייכע זעמל.

— ס׳איז שפּעט... — האָט בעריש געזאָגט פון געוווינ־הייט — אַז יואל וועט קומען, זאָל ער אַוועקטראָגן צו דער באַן...

אין קאָפּ האָבן זיך פּלוצלינג אַ שפּאַר געטון צענדליקער געשעפטס־זאַכן, וועגן געלט און סחורה. ער האָט שוין נישט גע־האַט וואָס צו טון דאָ אין שטוב. נאָר עפּעס האָט אים נאָך דאָ פאַר־האַלטן. ער איז געשטאַנען ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט, ווי די גאַס האָט זיך אויפגעוועקט, די קליינע שטאָט האָט אָנגעהויבן איר טאָג־לעבן. דער נעפּל איז שיטערער געוואָרן. פון דער באַן זענען אָנגעפאָרן די עטלעכע דראָזשקעס. אַזעלכע באַקאַנטע, אַז אַפילו די פערד וואָלט בעריש דערקענט. באַקאַנטע מענטשן און שכנים, איינגענורעטע, צוליב דער פייכטער קעלט, האָבן זיך פאַר־בייגעטראָגן. די אַלטע גאַס, וואָס בעריש קאָן נאָך פון די קינ־דער־יאָרן, האָט אָנגענומען איר שטענדיקן אויסזען. אין די קעגנ־איבערדיקע פענסטער האָבן אַרומגעפינטלט אַלטע באַקאַנטע מענטשן. דער וואַסער־פירער חיים האָט נאָכגעשפּאַנט דעם פעסל מיטן פערדל. אין דער הויך איבער די דעכער, ווו עס האָבן זיך געשאָקלט די שיטער־געוואָרענע קאַשטאַנען־ביימער, האָט זיך אַרויסגעריסן די ווייסקייט פון די נייע הייזער מיט דעם קלויסטער אין דערמיט. דאָס נייע בלעך האָט געגלאַנצט מיט אַ שאַרפן, ווייסן גלאַנץ. דאָס איז דער דאַך פון דער נייער באַנק, וואָס איז דאָס יאָר אויפגעבויט געוואָרן. דאָס שטיק נייע שטאָט, וואָס האָט ערשט די לעצטע יאָרן זיך אויפגעהויבן, איז געוואָרן דער צענטער.

דאָרט, ביי דעם קלויסטער, האָט זיך אויפגעהויבן און גע־שימערט די נייע שטאָט. פונקט קעגנאיבער בערישס פענסטער,

אויפן בארג, איז די נייע שטאָט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אַלטע, ריזיקע ביימער פונם אַלטן פּאַרק האָבן אָפּגעטיילט די צוויי טיילן שטאָט, און בעריש האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז די נייע שטאָט דאָרט אויפן באַרג רוקט זיך שוין אָפּאָר אַזוי ווי אַ פרישע, גלאַנצנדיקע אַרמיי. אַממייסטן ביינאַכט, ווען דאָרט האָבן זיך אָנגעצונדן די הויכע, בלאָלעכע לאַמטערנס, אַזוי ווי לבנות, און דאָס נייע קינאָ האָט פון איבער די שוואַרצע ביימער אַרויסגעשפּריצט גרינע און רויטע שטראַלן פון די רעקלאַמעס, און די רוישיקע מוזיק האָט געזעצט פון דאָרט, דעמאָלט האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס קומט דאָרט פאָר אַ שטענדיקער פּאַראַד.

ווייט און פרעמד איז יענס שטיק שטאָט געבליבן פאַר בעריש. ער האָט דאָרט קיינעם נישט געהאַט און זיין גאַנץ לעבן און זיינע געשעפטן זענען געבליבן אין דער טונקעלער, אַלטער גאַס, אָבער פון דאָרטן, פון יענעם ליכט, קומט רוכטשע אַזוי שפּעט ביינאַכט אַהיים. יעדן אָוונט קומען די חברטעס און באַסאַנטע, אַלץ פון יענע נייע הייזער. פון טאָג צו טאָג קומען נייע מענטשן. בעריש האָט זיי קיינמאָל נישט געקענט. אָט איז געווען ביי אים אין שטוב יענע וואָך דער עלעגאַנטער דאָקטאָר ק. דער גלאַנציקער, שטרענגער דאָקטאָר ק., וואָס איז געקומען פון אַ פרעמדער, גרויסער שטאָט, קומט צו רוכטשען, און אויך ביידע זין פונם רייכן פאַבריקאַנט ל. בעריש האָט קיינמאָל נישט געקלערט, וואָס עס פאַרבינדט אָט די אַלע מענטשן מיט זיין רוכטשען. אמת, רוכטשע איז שיין און געבילדעט... זי איז געווען אין אַ גרויסער שטאָט און זיך געלערנט, ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט מענטשן. בעריש האָט איר קיינמאָל נישט געשטערט און נישט געזשאַלעוועט קיין געלט... זאָל איר נישט זיין סמוטנע... זי זאָל האָבן וואָס אָנצוטון... זי איז דאָך יונג, האָט ער געקלערט וועגן זיינע פינפאונפערציק יאָר. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס קינד, וואָס האָט געפעלט אין זיין לעבן, איז שוין דאָ ערגעץ דאָ אין די ווינקלען פון דער באַנייטער שטוב. דאָס גאַנצע יאָר, זינט ער האָט רוכטשען אַריינגעבראַכט אין דער שטוב, איז אַלץ אַרום אים איבערגעאַנדערשט געוואָרן. אַלץ גייט אַוועק אַהין צו די

נייע גאסן, צו דער נייער, בלאנקנדער שטיק שטאָט, און זי ווערט אַלץ ווייטער און פרעמדער צו אים. די געסט, וואָס קומען צו רוכטשען, רופן אים: „פּאַניע בעריש" און ווען ער איז דאָ אין שטוב, זוכן זיי אַן אויסרייד אַוועקצוגיין.

אָבער ווי נאָר ער גייט אַוועק פון שטוב, פולט זיך די שטוב אָן מיט רעש פון גראַמאָפאָן מיט טענץ און געזאַנג.

זיינע אַלטע חברים, די טענענבוימס און די רובינשטיינס, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען אין חדר אריין געגאַנגען און שפּע־טער געהאַנדלט אַלע יאָרן, זענען לעצטנס פון אים פרעמד גע־וואָרן און איצט דערמאָנט ער זיך, ווי זיי האָבן אים נישט איינ־מאָל אַריינגעשטאָכן שפּיציקע ווערטער וועגן זיין רוכטשען, וואָס פירט אַן אַריסטאָקראַטיש לעבן... אין דער גמילת־חסדים־קאַסע, ווו ער איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג מיט נאָך אָנגעזעענע אידן, האָט מען אים דאָס לעצטע יאָר נישט געקליבן און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי אַליין. „נאַרישקייטן" — האָט ער געפּרוווט זיך אַליין בארויקן און זיין בליק איז געפאַלן אויף רוכטשעס זיידענע זאָקן, וואָס זענען געלעגן אַוועקגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף רוכטשעס קאָפּ. זי האָט זיך מיטאַמאָל אויפגע־וועקט און געעפנט די אויגן. איר לייב איז איצט געווען מעכטיק און אויסגעוואַרעמט מיט אַ לייכטן ריח פון פּערפומען:

— בעריש... וואָס טוסטו נאָך דאָ? ס'איז דאָך שוין שפּעט...

און זי האָט אַ גענעץ געטון.

בעריש איז געשטאַנען מיט פאַרלוירענע הענט, אַזוי ווי פונט אָנהויב אַן האָט ער נעבן דעם שטאַרקן, יונגן, מעכטיקן לייב פון דעם ווייב זיך דערפילט קליין און שוואַך.

זי האָט געקוקט אויף אים און נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַראָפּ אין געוועלב אַריין... ס'איז דאָך שוין שפּעט?...

— כ'האָב געוואָלט אויסוואַרטן, ביז דו וועסט זיך אויפ־וועקן, רוכטשע...

— אַ נייעס... — האָט זי געזאָגט און ווידער אַ געגעצט גענעצן.

אין דער מינוט האָט חנה געעפנט די טיר, עמעצער האָט עפּעס שטיל גערעדט, בעריש האָט זיך אַ ריס געטון און איז אַריין אין פּאָדערהויז. ער האָט נאָך דערכאַפּט מיטן אויג איינעם פון דעם פאַבריקאַנטס צוויי זין, דעם הויכן, דעם שווארצן.

בערישן איז מיטאַמאָל דורכגעגאַנגען אַ לאַנגער, דינער שטאָך, אַזוי ווי מען קוקט אַראָפּ פון אַ הויכן באַלקאָן.

חנה איז געשטאַנען פאַר אים און עפּעס געמאַכט מיט דער האַנט. אירע אויגן האָבן שטאַרק געבליצט אין דעם טונקעלן פּאָ־דערהויז און אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי ביי אַ פיש:

— שוין געקומען... געמיינט, אַז איר זענט שוין אַראָפּ־געגאַנגען...

— ווער... וואָס וויל ער... חנה?...

— וואָס וויל ער... איי בלינדע מענטשן...

חנה איז מיטאַמאָל געוואָרן בלייך און איז אַריין אין אַ טיפן ווינקל, פון דאָרט האָט זי ווי אַרויסגעשפּיגן די ווערטער.

— איר קלערט וועגן ספרים, וועגן טלית... ווי צו מיינע אויגן, וואָס איך דאַרף דאָ צוזען.

בעריש האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. עס איז אים אַזוי גוט געווען, וואָס ער האָט געהאַט די וואַנט הינטער דער פּלייצע...

## זיין שיין ווייב

זיין ווייב איז געווען אַ שיינע. פון איר פּנים האָט געשלאָגן אַ וואַרעמע ליכטיקייט, אירע אויגן האָבן געלויכטן, אירע הענט האָבן געהאַט אַ וואַרעמע פולקייט און יעדע באַוועגונג פון איר קערפּער האָט גערופן און גערייצט.

זי האָט געשמייכלט צו אַלע מענער, און ווען די מענער האָבן גערעדט מיט איר, זענען זיי געווען אומרואיק און נאַריש צע־שמייכלט.

אָבער ער, איר מאַן, האָט זי פיינט געהאַט. ער האָט פיינט גע־האַט די לויכטנדיקייט פון אירע אויגן. ער האָט פיינט געהאַט דאָס שפּיל פון אירע ליניעס און די קערנדיקע פולקייט פון איר לייב איז פאַר אים געווען ליידיק און הויל.

ס'איז געווען ערשט דריי יאָר נאָך זייער חתונה. אָבער גע־קענט האָבן זיי זיך שוין פון לאַנג. כמעט דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז דורכגעגאַנגען אין באַדינען איר שיינקייט. צו אַלע מענער אַרום פונם גאַנצן קרייז באַקאַנטע און פריינט האָט זי גערעדט לייכטע, צו גאָרנישט פאַרפליכטנדע רייד, וואָס האָבן געפלאַ־מערט ווי סערפּענטין־פּאַסן, באַלויכטן מיט דעם ליכט פון איר פּנים. נאָר צו אים האָט זי גערעדט שווערע, זאַכלעכע רייד. אַלע אַנדערע פרויען, וואָס ער האָט באַוויזן צו קענען אין זיין יוגנט, האָט ער נישט געהאַט, מיט וואָס צוצוציען, און אפילו די, וועלכע זענען אים געפעלן, זענען אָוועקגעריסן געוואָרן פון אים דורך

עפּעס א כוח, וואָס איז געגאַנגען פון איר, ווייל זי האָט פאַרפילט מיט זיך זיין גאַנצע צייט, זיינע טעג און זיינע אָוונטן, און יעדע שעה, וואָס ער איז געווען אָן איר, איז אים באַפאַלן אַן אומרואי־קייט, אַן עמעצער זאָל ביי אים נישט צונעמען די פאַרפליכטנדע שווערע רייד, וואָס זי רעדט צו אים.

פרויען האָבן אים געזאָגט קאָמפּלימענטן פאַר איר. דאָס זענען געווען אַלצאיינע, טראַפאַרעטע ווערטער, וואָס האָבן מאָדנע גרינג געוויגן:

— איר האָט אַ גוטן געשמאַק... זי איז אַ שיינע...

און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי רייצן זיך מיט אים. ער האָט געהאַט אַ סך דערויף צו ענטפערן, אָבער ער האָט גע־שמייכלט פאַרלעגן און געוווּסט, אַז די ווייבער ווייסן זיין געמיט, ווייל זיי האָבן שטענדיק צוגעגעבן:

— איר דאַרפט זיין צופרידן...

דעמאָלט איז אים געוואָרן אומעטיק. עס זענען געקומען געוויסע צייטן, ווען ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף אַלע פרויען אַרום און מקנא געווען זייערע מענער און געליבטע. אים האָט זיך געוואָלט אַוועקגיין צו דער מינדסטער, צו דער אַמ־מייסטן אומבאַמערקטער פרוי, וואָס ער האָט געקענט, אַוועקגעבן זיך איר און אָפּרוען.

די טעג פון זייער פאַרבינדן זיך זענען געווען רוישיקע, מיט אַ סך פרעמדע מענטשן. און פאַר די אַלע פרעמדע מענטשן האָט זי אָן אויפהער פאַבריצירט שמייכלען. איר פּנים און אירע אויגן האָבן נאָך מער געלויכטן, און די מענער אַרום איר האָבן אויסגעזען נאָך מער אומרואיק און נאַריש־דערהויבן. אָבער ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך באַטייליקט אין עפּעס אַ גרויסער אַפערע, אַן אָפּנאַרעריי, פון וועלכער ער האָט גאָר־נישט. ער האָט געוווּסט, אַז אויבן, ביי די אַקסלען, האָט זי איינ־געפאַלענע, אָרעמע הענט. און העכער איבער די קני זענען אירע פיס דאַרע און אומעטיקע. אין איינער אַ נאַכט, ווען ער איז, מיד פון באַדינען איר טריאומף, שווייגנדיק געלעגן נעבן איר, האָט זי אים געמאַכט דעם ערשטן פאָרוואָרף:

— דו דאַרפסט זיין גליקלעך... אַנדערע וואָלטן געווען גליקלעך...

אויף אים האָט זיך אָנגערוקט אַ גרויסער אומעט. דערנאָך איז עס אַריבער אין אַ כעס. עפּעס אַ ווילדן אומפאַרשטענדלעכן כעס. ער האָט געוואָלט שרייען:

— איך בין נישט גליקלעך... מיר איז אומעטיק...

אָבער אַנשטאָט דעם, האָט ער פאַרלוירן געזאָגט:

— איך בין גליקלעך...

ער האָט איצט דערזען, אַז זי איז מיאוס און שטאַר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי ביז איצט אַלע מאָל געזען שפּילן אויף דער בינע, ווי זי איז געווען באַלויכטן און פאַרשמירט מיט שמינקע. איצט איז ער אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן, וווּ אַלץ איז קאַלט און אויסגעלאָשן.

*

אויף דער גאַס האָבן זיך מענטשן אויף איר אומגעקוקט. מענער האָבן זי באַגלייט מיט וואַרעמע בליקן און ווייבער האָבן זי אָפּגעשאַצט. אין עפּנטלעכע ערטער האָט מען זי באַגעגנט מיט דער באַזונדערער זיסקייט, וואָס מען ווייזט אַרויס שיינע פרויען. און מענער האָבן איר אומעטום אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ, איר געהאָלפן זיך מאַכן באַקוועם און געשלונגען איר שמייכל. בלויז ער, דער מאַן, האָט פאַרוואָרפן זיין בליק ווייט פון איר, דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן ביי אים מאָנען עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נישט פאַרמאָגט. זי האָט אָנגעהויבן ביי אים פאָדערן אייפערזוכט. אירע רייד צו אים זענען געוואָרן שטרענגע און וואָרנענדיקע:

— האָסט מיר צעבראָכן דאָס לעבן... איך האָב געקאָנט האָבן אַ מאַן, וואָס זאָל מיך פאַרגעטערן...

און זי האָט אָנגעהויבן אָנדייטן אויף מענער פון זייער קרייז, וועגן וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געקלערט, אַז זי באַמערקט זיי. אים איז געוואָרן לעכערלעך, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז איינער פון זיי זאָל ווערן איר מאַן.

דערווייל זענען אָפּגעלאָפן צוויי יאָר, צוויי זומערן מיט רייזעס אויפן דאָרף און קור־ערטער, אין פּאַרקן, אין האָטעלן און

קאפעץ. און אומעטום האָט זי געזיגט. מען האָט געפרעגט, ווער׳ איז דער מאַן און מען האָט אָנגעוויזן אויף אים, ווי מען ווייזט אַן אויף באַרימטע מענטשן. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זיך אין אים אויפגעהויבן עפּעס אַ בריענדיקער שטאָלץ, וואָס האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ. כאָטש אים האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם אָרעמען פאַרמעגן, וואָס האָט אים גאָרנישט געגעבן. אַזוי ווי אַ באַליבטן ווירטואָז איז פאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן, ווי נישטיק און בלינד עס איז דאָס פּובליקום, ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך פאַר עמעצן צו פאַרטרויען. דערציילן, ווי ליידיק און אומעטיק עס איז דאָס באַזיצן אַזאַ פרוי, נאָר עפּעס אַ שרעק האָט אים צוריקגעהאַלטן. און איינמאָל אין אַ שיינער זומער־נאַכט, ווען פון יעדן ווינקל האָבן אַרויסגעשלאָגן ריחות פון יוגנט און בענקשאַפט, האָט ער אויף אַ ווייטן שפּאַציר איבערן שטראַנד אָנגעטראָפן אַ פרוי. ער האָט קוים געכאַפּט מיטן אויג איר פּנים. ער האָט נאָר דערפילט, אַז אין איר קערפּער איז דאָ אַ וואַרעמע וואָג. און אַנזאַמלענדיק זיין גאַנצע צערטלעכקייט, האָט ער אָנגעהויבן צו איר רעדן. ער האָט זי געוואָלט מיט אַמאָל צובינדן צו זיך. ער וואָלט שוין מיט איר אַוועק, נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק...

די פרוי האָט אַ לאַך געטון. מיט די ציין און מיט דער גאַל. זי האָט געזאָגט:

— אַך, די מענער... איר האָט אַזאַ שיינע פרוי... ווי שעמט איר אייך נישט...

עס איז געוועזן פאַרפאַלן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָך אים גייען שטעק־בריוו... אַז פאַר אים איז אָפּגעשניטן יעדער וועג.

נאָך אין דעם זעלבן אָוונט האָט זי אים אַ טריאומפירנדע געפירט איבער אַ ליכטיקן זאַל. זי האָט געשטראַלט און מענער האָבן געשלונגען איר שמייכל, נאָר ער איז אַ מאַטער, אַ קאַלטער און אומעטיקער, מיט אַ בענקשאַפט צו אַלע עקן וועלט, געלעגן נעבן איר און געוואַכט איבער איר אָרעמקייט און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז נאָר די אויסגעלאָשענע פרוי פאַרשטעלט אים דאָס

ליכט פונם לעבן, אז עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט אים פאַר־שאָלטן... ער האָט געוואַכט און זיך איינגעגראָבן מיט זיין בליק אין דער געטאָקטקייט פון איר פּנים, וואָס איז געלעגן, ווי פון קאַלטן גיפּס געמאַכט. דאָס איז געווען אַן ענגע, קאַרגע שיינקייט פאַר אַ גראָשן, פאַר וועלכער ער האָט באַצאָלט מיט זיין גאַנצער יוגנט און פרייד...

# גיטל

א קליינע, א ברייטע, מיט צוויי צעפּלאָמטע באַקן־ביינער, מיט ווילד־גלאַנציקע אויגן פון א משוגענער, פינטלט גיטל ארום אין דער אָנגעהיצטער קיך. פון די ווייטערע צימערן רופט מען זי אַלע מינוט. לויפט זי הין און צוריק. אירע הענט רירן זיך צו צו הונדערטער זאכן, אירע הענט זענען רויט און נאַס. זי רעדט צו זיך אַליין, לאַכט, וויינט, זינגט און שעלט, און מיטאַמאָל פאַלט זי אַוועק אויפן קוילן־קאַסטן. אירע אויגן אַנטלויפן ערגעץ ווייט. זי לאָזט אַריין די האַנט אונטער דער בלוזקע, צום האַרץ און צעוויינט זיך מיט א ראַציקן, משוגענעם ניגון.

אָט דאָ, אונטער דער בלוזקע, אויף דער ברוסט, האָט זי פאַרמאָגט א לעבעדיקע, באַפליגלטע זאַך. א שוואַרץ לייוונטן, אָנגעשוואָלן שפּאַר־ביכל, וווּ ס'איז געלעגן דער לוין פון אירע אַלע שווערע, יתומהשע, דינסטישע יאָרן.

גראָשן צו גראָשן האָט זי געזאַמלט אין די פרעמדע שטובן, מיט די שלעכטע בייזע בעל־הביתטעס, יאָרן פון פרעמדן מיסט און פרעמדן ברויט, אין א האַרט בעטל מיט א קאַרגן קורצן שלאָף, מיט איין און איינציקן חלום.

אין אירע משוגענע רייד, וואָס זי האָט גערעדט, פלעגט זי רופן דאָס ביכל „מיין טייערער מאַן" דערפאַר, ווייל זי איז גע־שלאָפן דערמיט, האַלטנדיק עס אונטערן קישן. פון דעם ביכל האָט ווירקלעך אַרויסגעקוקט צו איר א „שוואַרצער שיינער יונג", א „ברונעט", א שיינער, א שטאַרקער און א גוטער.

און אַט האָט זיך עפּעס אָפּגעטון. אַזוי קורץ האָט דאָס אַלץ געדויערט. עפּעס צוויי אַלטע ווייבער, ווי צוויי רויב־פֿייגל, האָבן אָנגעקלאַפּט מיט קריפּלדיקע פֿינגער אין איר חלומדיקן ווינקל. זיי האָבן זי אַרויסגעפֿירט אין דעם קליינעם, פֿינסטערן, בלאָטיקן אָרט אין דעם קליינעם שטעטל. מען האָט זי פֿאַרבונדן מיט אַ מענטש. עפּעס אַ מאַמע מיט אַרויסגעזעצטע אויגן און שפּיציקע הענט האָט זי אַ שלעפּ געטון און שוין מער נישט אָפּגעלאָזט.

מ׳האָט געוויינט איבער איר, וואָס זי איז אַ יתומה, כאָטש זי האָט שוין קיין טאַטע־מאַמע נישט געהאַט פֿון קינדוויז־אָן. מ׳האָט איר געוויזן אַ שטוב מיט אַ געוועלבל, אַ פּראָווינצער שטוב מיט גרינע, וואַרעמע ווענט, ווו ס׳האָט איר גערעכט, אַז ס׳ליגט דאָ אַ גרויסע רו.

מ׳האָט געוויינט איבער איר פֿינסטערן גורל, וואָס זי מוז נעבעך, זיין ביי יענעם. ס׳האָט איר אויסגעוויזן, אַז דער גאַט פֿון דינסטן און יתומים האָט זיך אָפּגערופֿן צו איר און איר קיך דאָרט אין שטאָט, דער גראָבער בעל־הבית און די שרייענדע בעל־הביתטע זענען פֿאַר איר אויסגעוואַקסן, ווי אַ גרויסע שרעק.

גיטל האָט פֿאַרלאָזן די שטאָט.

עס איז איר געוואָרן גוט דאָ, אין דעם קליינעם שטעטל, נעבן דעם שפּייז־געוועלבל, ווו ס׳האָט זיך איר גערעכט, אַז עס פֿעלט איר גאָרנישט. מ׳האָט איר גאָרנישט געזשאַלעוועט, קיין עסן און קיין טרינקען. דער חתן און די גאַנצע משפּחה האָבן זיך אָנגערוקט פֿון אַלע טונקעלע, בלאָטיקע געסלעך אַזוי ווי שאָטנס, האָבן זיי גערופֿן — „גיטלשי" און זי אַרומגערינגלט מיט צערטלעכקייטן.

מ׳איז געפֿאָרן הין און צוריק אין דער נאָענטער שטאָט גיטל האָט ליב די קורצע רייזעס, עס איז איר ליב געוואָרן דאָס שאָקלען זיך אין דער באַן, דאָס „אַנקוקן אַ וועלט"...

אויפֿן האַרץ, צווישן די בריסטן, איז געלעגן דאָס לייוונטענע ביכל און יעדעס מאָל, ווען זי האָט אַ טאַפּ געטון דאָס האַרטע שטיקל אָרט, איז איר פֿאַרגאַנגען אַ זיסער שטאָך, ווי דעמאָלט

ווען מען קוקט אַראָפּ פון דער הויך. אָבער באַלד האָבן אירע פיס דערפילט אַ האַרטן און שטאַרקן גרונט. דאָס ביכל איז פעסט געזעסן און דאָס בלעטל פון איר געלט איז געווען געדיכט באַשריבן.

זי איז דעמאָלט געוואָרן דיק. יעדע רייזע אין שטאָט איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געשעפט. מ׳האָט זי געפירט צו אידן און ווייבער, וואָס האָבן געהאַט פאַר איר מציאות. אירע פינגער האָבן געטאַפּט שטאָפן און געוואַנטן. מ׳האָט איר אָפּגעגעבן כבוד און געגלויבט איר מבינות און גיטל האָט געזונגען און איז געוואַקסן. זי האָט אַפילו נישט געפילט, ווי אירע פייכטע פינגער שלעפּן אָפּט אַרויס דאָס אָנגעוואַרעמטע ביכל פון הינטערן ברוסט און עס ווערט פאַרוואַנדלט אין לויפנדיקן זילבער און פּאַפּיר־געלט און דעמאָלט זענען אָנגעלאָפן מאָדנע טעג.

מ׳האָט אויסגעזופּט דאָס קאַלטע, ביטערע פעסל ביר, וואָס האָט געשמעקט מיט האָלץ און טריפוואַקס. אַ וואַרעמע קנויל פון מענטשלעכן שוויס, בלינצלדיקע ליכט און ווינקנדע אויגן האָט זיך אָנגעטראָגן.

ס׳איז געווען די חתונה און גיטל איז געווען די כלה. זי איז געזעסן אויף אַ לאַנגער, פייכטער, קאַלטער באַנק, אָנגעטון אין אַ פרעמדער ווייס קלייד. און די ברודיקע קינדער אויף די הענט פון די ווייבער שכנטעס, וואָס זענען געקומען זיך מיט איר קושן, האָבן מיט זייערע ברודיקע, קלעפּיקע פינגערלעך איר אַראָפּגעריסן דעם ווייסן, פאַרשטויבטן שלייער.

אַ לאַנגע, משונהדיקע נאַכט, מיט געשרייען, מיט טרערן און פרייד. און אַ קליינער, שוואַכער, פרעמדער מאַן איז געלעגן אין איר בעט אַנשטאָט דעם כישופדיקן האַרטן, באַפליגלטן ביכל...

עפּעס האָט אַ שיין געטון. זי איז געווען אַ כלה, געוואָרן אַ ווייב.

אירע ליפּן האָבן זיך פאַרשלאָסן. אַ שרעק האָט געצאַפּלט אין אירע אויגן. פרעמדע מענטשן האָבן גערעדט צו איר. מ׳האָט איר געהאַט אַ סך צו זאָגן. אָבער גיטל האָט נישט געפילט קיין באָדן אונטער די פיס, און יעדע מינוט האָט זי מיט אָפּגעשוואַכ־

טע פינגער א טאפ געטון דאס ארט אונטער דער בלוזקע. דאס ביכל האט געפעלט.

דער פרעמדער יונגערמאן, וואס איז געווארן איר מאן, האט אפגעהוסט עטלעכע חדשים, געהוסט לאנג, מיט ארויסגעזעצטע אויגן און געשפיגן. זי געדענקט קוים זיין דינע, קראנקע הויט, וואס האט דערמאנט אן א דין, אנגעווארעמט גלאז. מ׳האט גע־דארפט האנדלען. ער האט באוויזן אפצוטראגן די נייע „געהאק־טע" קאפאטע מיט דעם שווארצן קאפעלוש. איר ביסל געלט האט זיך א דריי געטון. מ׳האט געקויפט צוויי רויטע, הילצערנע בעטן, מיט א שוואכער, גלאנציקער שאנק, וואס האט געשמעקט מיט רויען, ביליקן האלץ און אויף דעם נייעם בעט האט דער מאן אויסגעשפיגן דאס לעצטע שטיקל אטעם.

פון דעמאלט אן זענען אפגעלאפן עטלעכע יאר. גיטל איז נאכן מאנס טויט געבליבן ארומגערינגלט מיט פרעמדע מענטשן פון מאנס צד. זי איז שטיין געבליבן א צעמישטע, גלייך זי וואלט ארויס פון עפעס א שפיל מיט „נישט־גוטע". און מיט־אמאל האט זי זיך מיט א משוגענער גלוסט געווארפן צונויפ־נעמען איר צעשיט און צעווארפן פארמעגן.

עס האט אנגעהויבן פארשווינדן די ליכטיקייט און די וואַ־רעמקייט פון דער פראווינצער שטוב און די משפחה מיט די שווארצע, גראבע הענט, די בייזע ווייבער און די צעיאכמערטע אידן, האבן ארום איר אויפגעהויבן א יאמער און א קלאג.

זי איז נאך געווען ארומגענומען מיט א רחמנות צו דער מאן און זי האט נאך אלץ געזען זיין פארטראגענעם בליק אין די פארברענטע אויגן. זי האט אים נישט געדארפט, נאר זי האט נישט געקאנט פארגעסן, אז דאס איז געווען איר מאן. און עס האט זי ארומגענומען א גרויס רחמנות, זי איז מיטאמאל אראפ־געפאלן און זיך איבערגעגעבן דעם בייזן גורל.

*

מ׳איז לאנג געזעסן שבעה אין דער גרויסער, אומעטיקער שטוב, וואס האט אויסגעזען, ווי א קאמער פול מיט אלטע זעק

און סקריפענדיקע קאסטנס און קוישן. א שטענדיקע גראָע טונקל־קייט האָט דאָ געהערשט. כאָטש אין דרויסן האָט שוין געבלאָזן א לינדער ווינט פון פרילינג. גיטל האָט פון דער שטוב נישט גע־קאָנט ארויס. זי האָט שוין לאַנג געקלערט וועגן דער שטאָט מיט די ווארעמע טעפּ אין דער קיך, ווּ מענטשן זענען לייכטער און וואשן זיך מיט שמעקנדיקן זייף. און ערשט האָט זי דערפילט, אַז זי האָט נישט מיט וואָס אוועקצוגיין. דאָס ביכל פון דער קאסע איז געוואָרן דין, לײדיק און אויסגעלאָשן. אַלץ איז פארוואנדלט געוואָרן אין זאכן, אירע זאכן...

די לאַנגע שבעה אין שטוב האָט זיך געענדיקט און אַלע זענען אוועק מיט די זעק און פּעק. גיטל איז געבליבן אַליין. קיי־נער האָט איר מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

דערנאָך האָט איר עמעצער א זאָג געטון עפּעס א וואָרט, ווי א שטעכיקער פּאטש — וועגן „פּרעסן יענעמס", און די בייזע אויגן און שפּיציקע הענט האָבן אָנגעהויבן בריען איר הויט.

דעמאָלט האָט זי צום ערשטן מאָל ארויסגעלאָזט א לאַנגן, שפּיציקן קוויטש, א געשריי פון א געשלאָגענער יתומה.

זי האָט געזען פאר זיך א הארטע, בייזע האַנט, וואָס האָט זי נישט צוגעלאָזט צו אירע זאכן. ארום איר זענען געווען צעשיט און צעזייט זאכן, און יעדע זאך איז געווען א שטיק פון איר ביכל. זי האָט איצט אויף קלאָר זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אויס־געטוישט שטיקער ביכל אויף די אַלע זאכן. און זי האָט מיט א בלינדער פארצווייפלונג געוואָלט דאָס אַלץ צונויפקלעבן און צוריק אין א ביכל פארוואנדלען, וואָס זאָל ליגן אויף איר הארץ צווישן אירע ברוסטן. זי איז איצט געווען א יתומה און אַן אַלמנה ווי באקליידט מיט צוויי שווארצע פליגל פון וויסטקייט. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ווילדע שפּיל. זי האָט געקריגן שותפים. עפּעס א פעטער מיט א מומע. ביידע שווארצע, ווי ציגיינער, האָבן גע־האָלפן נעמען די זאכן, דערנאָך האָט מען זיך געשלאָגן מיט שטולן און מיט שטעקנס, אַלץ וועגן די זאכן. דערנאָך איז געקומען א טאָג, ווען די זאכן האָבן זיך אריבערגעטראָגן צום פעטער מיט דער מומען.

דערנאָך איז אַ בעט אָוועק צום פרעמדן איד, וואָס האָט דאָס געדאַרפט אַראָפּבּרענגען אין שטאָט אַריין.

עפּעס אַ קישן האָט אַרומגעוואַנדערט אַ יאָר. איז אַראָפּ אין אַ קעלער־שטוב צו עפּעס אַ טויבער אידענע, וואָס האָט בשום־אופן נישט געקאָנט דערהערן, וואָס מ׳רעדט צו איר...

*

יאָרן גייען און גיטל יאָגט זיך נאָך די טויטע זאַכן. זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, ווי זיי זעען אויס. און נאָר אין דער שפּע־טער נאַכט, ווען זי ליגט אויפן האַרטן, אייזערנעם בעטל, קלערט זי לאַנג וועגן די זאַכן. זי געדענקט נישט דעם געשטאָרבענעם מאַן. אַלץ טראָגט זיך פאַר איר, ווי אַ שפּיל פון „נישט־גוטע״ און אין די ליידיקע שבּתים, אין אַ פריער שעה, לאָזט זי זיך אָוועק אין ווייטע הינטער־גאַסן, אָדער פאַרט אין דעם טונקעלן, בּרוּ־דיקן, פאַרנעבּלטן שטעטעלע, גייט ווייט און רעדט מיט פאַרבּלאָ־טיקטע, פאַרשטויבּטע מענטשן און קומט צוריק אַ פאַרמאַטערטע מיט אַן אַלט העמד אָדער אַ גזימס פון דער שאַנק.

און אין דעם דינסטישן קופער אין דער קיך, ליגט דער נייער, נאָך נישט גענוצטער, שוואַרצער קאַפּעלוש פון דעם גע־שטאָרבענעם מאַן...

## דער „פעטער הענריק"

אין דער אַלטער, אַמאַליקער, נגידישער שטוב זענען גע־בליבן נאָר די צוויי פאַרזעסענע טעכטער, בעלע און פּאַליע. זינט דער בעל־הבית ר' יואל איז געשטאָרבן, זענען די טעכטער ענלעך געוואָרן צו דער מוטער. די מוטער איז נאָר געוואָרן גראָ און איר פּנים האָט באַקומען די טויטלעכע ליכטיקייט פון אַ ליאַלקע. צו די טעכטער האָט מען שוין אויפגעהערט פירן חתנים און די שדכנים האָבן אָנגעהויבן גלאַט אַריינקומען, לאַנג זיצן ביים גרויסן, אַלטן דעמבענעם טיש און טרינקען טיי.

יעדן אָוונט האָט אָנגעהויבן קומען דער „פעטער הענריק", דער אַלטערס אינגסטער ברודער. אין זיינע שוואַרצע, גרויסע וואָנסעס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פּאַסמע ווייסע, געדרייטע האָר, און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אָנגעוווירן די שאַרפקייט, פאַר וועלכער מ'האָט אַלע יאָרן מורא געהאַט אין דער משפחה. דער פעטער הענריק האָט געהאַט אַ נישט קלאָרע פאַרגאַנגענהייט, וועגן וועלכער מ'האָט זיך אַ סך געסודעט אינם לעצטן צימער. אַ סך יאָרן האָט מען נישט געהערט פון אים. ער איז פאַרשוווּנדן ערגעץ אין אַרגענטינע. מ'האָט קוים געדענקט די מומע פלאָרא, זיין ווייב — אַ קליין ווייבעלע מיט אַ גאָלדן קעפּעלע, וואָס האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון אַ שעפּס. מען האָט נישט געדענקט, צי זי איז געשטאָרבן, צי זי איז געבליבן ביי אַ מאַמען אין רוס־לאַנד, און די צוויי טעכטער, וואָס זענען געבליבן פון איר, זענען

אין דער צייט פון דער מלחמה אויסגעכאַפּט געוואָרן מיט גליק־שידוכים. אָבער אין דער משפחה האָט מען שוין מער קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן זיי.

אין אַלע קריגערייען פון דער שטוב האָט מען זיך פאַרגע־וואָרפן דעם „פעטער הענריק" און ווען די קינדער זענען געווען נאָך קליין, האָבן זיי מורא געהאַט פאַר די שוואַרצע אויגן און וואָנסעס אויף זיין בלייך פנים. אין זיין פאַרביקער קליידונג, אין דעם שרייענדיקן גלאַנץ פון זיינע לאַקירטע שיך, אין די פאַרביקע שניפּסן איז געלעגן עפּעס א ווונק פון א קונצנמאַכער. און נישט איינמאָל, ווען ער האָט זיך באַוויזן, האָט זיך אין שטוב אריינ־געטראָגן עפּעס א פאַרקלעמטקייט. די אַלטע האָט מיט אים שטענ־דיק גערעדט מיט עפּעס א פאַרשטעלט לשון, און ער האָט איר געענטפערט דערויף מיט א דינער פייפנדיקער שטים און ס'האָט זיך געדאַכט, אז ער דראָט איר.

זי האָט געזאָגט:

— פון וואַנען ביזטו שוין ווידער געקומען, מיין ליב, זיס ברודערל? — און זי האָט געקוקט אויף אים מיט שעלטנדיקע אויגן.

דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעפירט אין א צווייטן צימער, מ'האָט לאַנג מיט אים גערעדט, זיך געאַמפּערט. פון דאָרט האָט מען געהערט זיין פייפנדיקע שטים. עס האָט לאַנג אַזוי געדויערט, דערנאָך האָט מען געהערט דעם מעטאַלענעם קלונג פון דער איי־זערנער קאַסע און דער פעטער הענריק איז פאַרשוווּנדן אויף א לאַנגער צייט...

דער אַלטער ר' יואל האָט עטלעכע טעג נאָך אַזא וויזיט זיך געהאַלטן פאַרן האַרץ און די אַלטע האָט געוויזן מיט ווונקען, אז מען זאָל נישט רעדן וועגן דעם...

אָבער אין די לעצטע חדשים, ווען דער אַלטער האָט שווער געקרענקט, האָט זיך דער פעטער הענריק פּלוצלינג באַוויזן. אין דער צערודערונג פון דער שטוב האָט קיינער נישט באַמערקט זיין אָנוועזנהייט.

דערנאָך האָט מען פּלוצלינג דערפילט, אז אין שטוב איז דאָ

א נאָענטער מענטש, און זיין שטים, וואָס איז איצט געוואָרן אַזוי אידישלעך, ווארעם און היימיש, האָט זיך אריינגעפלאָכטן אין אַלע ווינקלען פון דער שטוב. ער איז געוואָרן נויטיק. ער איז געלאָפן ביי יעדער נויטיקייט, ער האָט גערעדט מיט די דאָקטוירים, זיי באַגלייט ביז די טרעפּ. ער האָט דערמאָנט די צייט פון געבן די רעצעפּטן. ער האָט נישט איינמאָל געהאָלפן דעם קראַנקן איבערלייגן און ווען ער האָט זיך איינמאָל אָנגעבויגן צום קראַנקן מיט געטרייע אויגן און געפרעגט:

— וואָס ווילסטו, שוואָגער?... —

האָט דער אַלטער מיט זיין שטאַרן, שטאַרבנדיקן בליק אים לאַנג אָנגעקוקט. ער האָט פּאַמעלעך ארויפגעהויבן זיין גלעזערנע, איינגעפאַלענע האַנט אויף זיין אַקסל און שטיל געזאָגט:

— האָב רחמנות...

דער פּעטער הענריק האָט נישט אויף קלאָר פארשטאַנען, וועגן וואָס פאר א רחמנות דער קראַנקער רעדט. נאָר ער האָט זיך מיטאַמאָל און ראַשיק צעוויינט און פון זיינע שווארצע צעפּלאָנטערטע וואָנסעס אפער זענען געלאָפן עפּעס פרעמדע, צעקנייטשטע ווערטער.

— וואָס, וואָס?... כ'בין נישט קא איד?... מיין בלוט... וואָס וויל מען פון מיר?... מיין שוועסטער... און אייגענער ברודער...

דערנאָך האָט שוין דער קראַנקער זיך איבערגעגעבן אין זיינע הענט און דער פּעטער הענריק איז געוואָרן דער נאָענטסטער מענטש, וואָס איז געשטאַנען ביים שטאַרבן.

ביים גרויסן געוויין, ווען דער אַלטער איז אָפּגעשטאָרבן, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע משפחה. עס האָבן זיך אויסגעזוכט פריינט און אייגענע, וואָס מ'האָט זיי נישט געזען אין דער שטוב דורך לאַנגע יאָרן. און דאָ איז פּלוצלינג די אַלטע ארויפגעפאַלן אויפן פּעטער הענריק, ער האָט זי ארומגענומען און ביידע האָבן יאָמערלעך געוויינט. די אויסגעגעבענע טעכטער און די צוויי זין האָבן געקוקט אויף דער מוטער מיט חשד. זיי האָבן אין דעם געזען, ווי די מוטער וואָלט פאררעטן דעם געשטאָרבע־

נעם און האָבן שוין די שטוב נישט פאַרלאָזט, ביז וואַנען זיי האָבן נישט אַרויסגענומען אַלץ, וואָס זיי איז געקומען פון פאַר־מעגן. וואָכנלאַנג האָבן זיי אָפּגעווּוינט אין דער שטוב מיטן תּירוץ, אַז זיי זענען קראַנק און צעבראָכן פונם פאָטערס טויט. זייערע קינדער האָבן אָנגעפילט די שטוב, און נאָר די צוויי פאַר־זעסענע בעלע און פאַליע האָבן זיך געהאַלטן מיטן פעטער הענ־ריק, וואָס האָט נאָר געזוכט וואָס צו פאַרזאָרגן, צו לויפן און צו טון.

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן איינגעפאַלן. זיין קאָפּ האָט זיך באַדעקט מיט גראָע האָר, און זיין שוואַרצער ראָק איז אויף אים געוואָרן צו לויז. עפּעס אַ שוואַרצע אידישקייט האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט לשון־קודשדיקע ווערטער, און יעדן אָוונט געלאָפן צונויפרופן אַ מנין און אַליין זיך געשאָקלט בײַם דאַווענען. די צוויי זין מיט זייערע ווייבער האָבן אים נישט געקאָנט איבעריאָגן אין זיין צעבראָכנקייט נאָכן אַלטנס טויט. און זיי האָבן אַלץ מיט שרעק געוואַרט דערויף, וואָס ער וועט זיך ווען נעמען דערפאַר. און אין אַ וויַיטן צימער איז געגאַנגען אַ שטענדיק ראַשיק עצהן זיך. די שנורן מיט צעפּאַטלטע קעפּ און אָנגעהיצטע בליקן האָבן געגעסן די גאַל בײַ זייערע מע־נער, וואָס האָבן געטראָגן די קאַפּעלושן פּאַררוקט אויף די קעפּ מיט ראַציקע, נישט געגאָלטע פּנימער.

— דער „פעטער הענריקל” וועט שוין דאָ אָפּלעקן אַ ביינדל. געוואָלט, וואָס שווייגט ער?... ער וואַרט נאָר אָפּ די מי־נוט, ער זאָל מאַכן דעם אמתן קראַץ...

מען איז אים נאָכגעגאַנגען יעדן טריט און מ׳האָט באַ־האַלטן זאַכן, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ ווערט.

דער פעטער הענריק איז אין די טעג איבערגעבליבן אויף נאַכט־לעגער. ער האָט זיך אויסגעבעט אויפן קאַנאַפּקעלע און צו־געדעקט מיט עפּעס אַן אַלטער קאָלדרע. און דורך די נעכט האָט מען זיך אַרומגעדרייט און געהיטן. אין די פינסטערע צימערן האָט מען געקאָנט הערן דורך דער נאַכט עמעצנס אַ צעריסן קול פול פון שרעק:

— ווער איז דאָרט?

און די שנורן האָבן מיט גיפטיקער איידלקייט גערעדט צום פעטער הענריק:

— דער פעטער האָט זיך שוין דאָ אַזוי אָנגעמאַטערט... דער פעטער וועט אפשר אַהיימגיין זיך אויסרוען...

דער פעטער הענריק האָט געענטפערט:

— אַז מען ווערט־אַן אַזאַ טייערן שוואָגער... מעג מען זיך אַביסל מאַטערן...

די שנורן האָבן זיך געקניפּט מיט אויפגעריסענע אויגן:

— אַ בראָך איז אונז געשען... ער קלערט גאָרנישט אַוועקצוגיין...

*

דערנאָך האָט זיך די אַלטע פאַרמאַכט מיטן ברודער אינם לעצטן צימער און דאָס האָט לאַנג געדויערט. מינוטנווייז האָט מען געהערט אַ יאָמערלעך געוויין פון דער מוטער, אָבער דעם פעטער הענריק האָט מען נישט געהערט. עס איז געווען שוין טיפער אָוונט. אין די פענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ קאַלטע, בלינדע טונקלקייט. אין די שטובן איז געווען שטיל און ליידיק. ערגעץ אין אַן אַלט, סקריפּענדיק בעט האָבן זיך אַריינגעוואָרפן ביידע פאַרזעסענע טעכטער, איינגעגראָבן מיט הענט און פיס אין בעטגעוואַנט און שווער און היים געשלאָפן. דעמאָלט האָבן זיי מיטאַמאָל דערפילט, ווי עפּעס אַ האַנט וועקט זיי און גלעט זיי איבער די העלזער. פאַליע האָט זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקן און דערזען אין דער טונקל דעם פעטער הענריק. זי איז געבליבן ליגן מיט אַ האַסטיק קלאַפּן אין האַרץ. די האַנט, וואָס האָט זי באַרירט, האָט איר אַזוי גוט געמאַכט... איצט איז די האַנט לייכט געלעגן אויף איר ברוסט און זי האָט דערזען מיטאַמאָל נאָענט נעבן זיך די אויגן פון פעטער הענריק. ער האָט געאָטעמט אויף איר מיט אַ ביטערלעך־געשמאַקן ריח פון טיטון און מענערישקייט.

— שטיי אויף, לאָמיר טרינקען טיי.

און מיטאַמאָל האָבן זיינע וואָנסעס אָנגערירט איר פּנים,

און א גאַנצער בונט פון וואָרעמע שטראָמען איז זיך צעלאָפן אין אַלע ווינקעלעך פון איר לייב.

נאָכן טויט פון בעל־הבית איז דאָס געווען דער ערשטער אָוונט, ווען איבער דעם אַלטן דעמבענעם טיש האָט געברענט די גרויסע לאָמפּ און די גאַנצע ליכט האָט זיך דאָרט אויסגעגאָסן אויף די צוויי פאַרזעסענע מיידלעך. אַממייסטן באַלויכטן איז געווען פאַליע, וואָס איז געזעסן נעבן פעטער הענריק.

דער פעטער הענריק האָט זיך ערשט היינט אַרויסגעוויזן פאַר א פריילעך־מאַכער. ער האָט דערציילט פון אידישן „נאַראָד", פון א אידישער חתונה, ווי עס „פירט" זיך ביי די פּראָסטע מענטשן... ווי מען פירט די כלה צו דער חופה, ווי די ווייבער לויפן מיט די ליכטלעך... ווי אַזוי דער חתן איז א נאַר און ווייסט נישט וואָס צו טון...

די פּאַננעס זענען זיך פאַרגאַנגען פאַר געלעכטער און געשריגן:

— „ניעך וויאַשעק פּשעסטאַניע"... זאָל דער פעטער אויפהערן...

און צום ערשטן מאָל האָט מען געזען, ווי די אַלטע האָט א ברייטן שמייכל געטון און געזאָגט צו איר ברודער מיט איר געוויינלעכער נאַטירלעכער שטים:

— מאַכסט שוין דיינע אַלטע שמד־שטיק, הערשעלע גנבֿ!...

און דער פעטער הענריק האָט זי אַרומגעכאַפּט און צום ערשטן מאָל פאַר אַלע יאָרן א געשריי געטון:

— שוועסטערשי...

און דער פעטער הענריק איז געוואָרן דער מאַנספּערשוין פון דער אַלטער ווייבערישער שטוב...

## א „טיפּער" מענטש

איך האָב זיך מיט אים באַקענט ביי אַ געוויסער בעל־הבתי־שער פאַמיליע אויף אַן אָוונט. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן צוליב דעם, וואָס דער עלטסטער זון האָט געענדיקט אויף אַדוואָקאַט. עס זענען געווען יונגעלייט, סטודענטן, סטודענטקעס און עלטערע מענטשן פון דער משפּחה. דער יונגערמאַן האָט פאַרענדיקט זיין סטודענטן־צייט, ווי עס פּירט זיך, מיט אַן איבערגעטריבענעם רעש, די מאַמע האָט אים געקושט אויפן קאָפּ, ביי יעדער געלעגנהייט אים גערופן:

— הער אַדוואָקאַט...

און צוגעגעבן:

— דו מעגסט נאָך פאָלגן די מאַמע... כאָטש דו ביסט אַן אַדוואָקאַט.

„הער אַדוואָקאַט" — מיט אַ באַזונדערן דרוק אויפן „הער" — האָבן אים אויך גערופן אַלע פון דער משפּחה. און איינער אַ פעטער, אַ פּראָסטער מענטש מיט אַ רויטן קאַרק און אַ ווייסן פלאַצנדיקן קאָלנער, האָט אים אַלעמאָל ארומגעכאַפּט מיט אַ געשריי פון אַ לייב:

— און אַז דו ביסט אַן אַדוואָקאַט — ווערסטו נישט אַ קושטון דעם פעטער?

דער יונגערמאַן האָט אַ קוש־געטון דעם פעטער און די עטלעכע יונגע מיידלעך האָבן כסדר געהאַט מיט אים וואָס צו רעדן.

מען האָט אויסגעשריגן טאָאַסטן ביים טרינקען — פאַר דער בילדונג, פאַר דער קולטור, פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. די סטודענטן האָבן זיך געמאַכט שיכור און אַרויסרופנדיק, און די עלטערע מענטשן פון דער משפּחה האָבן אָנגעקוואָלן.

און דאָ האָט מען מיר צוגעפירט אַ מיטל־וווּקסיקן, פעטלעכן יונגנמאַן מיט אַ ווייס פּנים און טונקל־שוואַכע אויגן אונטער פּענסנע. ער האָט קורצזיכטיק אויף מיר אַ קוק־געטון, מיר קורץ דערלאַנגט די האַנט און געשוויגן. אַרום אים איז געשטאַנען אַ גאַנץ רעדל פרייליכע מענטשן, פון דער משפּחה און אַלע צוזאַמען האָבן אויסגערופן זיין מאָדנעם נאָמען.

— רוויזנשטרוים.

מיין נייער באַקאַנטער האָט געשוויגן. ער האָט אוועקגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט מיך נישט געוואָלט זען, און אַלע אַרום האָבן מיר גענומען אויסטייטשן, ווער דאָס איז:

— איר האָט קיינמאָל נישט געהערט פון אים?

— איר האָט זיך שוין פון לאַנג געדאַרפט מיט אים באַקענען...

— דאָס איז אַ קאָפּ...

— אַ טיפער מענטש... אַ „קאָפּ־מענטש"...

און די בעל־הביתטע פונם הויז, דעם נייעם אַדוואָקאַטס מוטער, וואָס האָט זייער ליב געהאַט אַ בעסערע געזעלשאַפט, האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט און צוגעגעבן:

— איך האָב שוין לאַנג געוואָלט, איר זאָלט זיך מיט אים באַקענען, נאָר ער ווערט פאַרפאַלן... אָט אַזוי קאָן ער קומען, און מיטאַמאָל באַווייזט ער זיך נישט... איך קאָן אים נאָך פון מיידלוויי... דעם אמת געזאָגט, איז ער געווען אַביסל נישט גלייכגילטיק צו מיר... און ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין מאַן — האָט ער שרעקלעך געליטן... אָבער מיר זענען געבליבן גוטע פריינט. איר דאַרפט מיט אים רעדן. דאָס איז אַ גרויסער קאָפּ, אַ טיפער מענטש... אַ „קאָפּ־מענטש"...

— נו, יאָ — האָב איך געזאָגט — ער רעדט דאָך אָבער גאָרנישט...

— נישט מיט יעדן וועט ער רעדן — האָט זי שוין גע־זאָגט מיט אַ שטילן טאָן — ער איז אַביסל מאָדנע... נישט צו־טריטלעך.

— אָבער וואָס איז ער? מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך?...

— אַזוי איז ער אַ בוכהאַלטער. אַרבעט שוין אַ סך יאָרן אין אַ געשעפט... מען דאַרף אים אָבער קענען... דאָס איז שוין איינמאָל אַ מענטשל...

איך האָב אויפגעזוכט דעם שווייגנדיקן מענטש און האָב אים געפונען אין אַ צווייטן, שטילן צימער, ווו עס איז געשטאַנען אַ ביכער־שענקל. דאָרטן איז ער געשטאַנען, און אין דער ליכט, וואָס האָט אַריינגעטריפט פון דעם צווייטן ליכטיקן צימער, האָט ער געבלעטערט אַ ביכל און קורצזיכטיק, זייטיק אַריינגעקוקט. ער האָט געהאַט קורצע, ברייטע פיס מיט אַ קיילעכדיקער פּלייצע, אויף וועלכער עס איז שלעכט געזעסן זיין דיקער, שוואַרצער אָנ־צוג. זיין גרויסער, ווייסער שטערן מיט בלאָנדע, שוואַכע האָר אַרום דעם בלייכן, פּלאַטשיקן פּליך, האָבן אַרויסגערופן אַ געפיל פון לאַנגווייליקייט, אָבער דאָך האָב איך געזוכט עפּעס באַזונ־דערס.

— איר לייענט אַזוי אין דער פינסטער? — האָב איך אַזוי אַ פרעג געטון.

ער האָט צעשטרייט אויף מיר אַ קוק געטון, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן, און צום ערשטן מאָל האָב איך דערהערט זיין ווייסלעכע, שוואַכע שטים:

— ערשטנס, ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך לייען; צווייטנס זענען דאָ אויגן, וואָס זעען אין דער פינסטער...

ער האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין מיט אַ דערמאָ־נישן שמייכל:

— איר פאַרשטייט? כע־כע!

— אַנטשולדיקט — האָב איך געזאָגט — איך זע, אַז איר זענט קורצזיכטיק...

— יאָ, איך בין קורצזיכטיק...

און ער האָט פּולדייטיק אַ קרעכץ געטון:

— דער מענטש איז איבערהויפּט קורצזיכטיק...

און ווידער:

— איר פאַרשטייט דעם געדאַנק?...

מיר איז געוואָרן אומעטיק.

דאָ האָט אונז ווידער אַרומגערינגלט אַ פרייליכער רעדל, מיט דער בעל־הביתטע און דעם בעל־הבית אינמיטן.

— אָ, איר שמועסט זיך אַדורך? — האָט די בעל־הביתטע געקוואָלן — גוט... איך בין זייער צופרידן... קומט, לאָמיר זיי נישט שטערן.

דאָ האָט זיך אָנגערופן דער הער רויזנשטראַוס:

— איך האָב דעם מענטש געזאָגט עטלעכע געדאַנקען... צי ער האָט פאַרשטאַנען, ווייס איך נישט...

עס איז געוואָרן שטיל און אַלע האָבן אויף מיר אַ קוק געטון, ווי מיט פאַרוואורף און ווידער אונז געלאָזן אַליין.

אַ לאַנגע ווײַלע האָבן מיר געשוויגן. דער בוכהאַלטער האָט צעשטרייט געקוקט אַרום מיר, מיטאַמאָל האָט ער ווידער דערנענטערט זיינע ברילן צו מיין פּנים און, אַרויסווייזנדיק זיינע קליינע, ראָזע, שיטערע ציין, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, יאָ...

איך האָב אים אָנגעקוקט און געוואַרט.

— יאָ... יאָ... איך האָב פיינט גלאַט צו רעדן מיט מענטשן... מענטשן זענען דאָ אַ סך — אָבער מענטשן — זענען דאָ ווינציק, איר פאַרשטייט? דאָס איז מיינס אַ וואָרט... איך האָב עס אפילו פאַרשריבן... גלאַט־אַזוי, פאַר זיך...

איך האָב אַ שמייכל געטון.

ער האָט אונטערגעכאַפּט מיין שמייכל און זיך פּלוצלינג צעלאַכט, ווי אַ משוגענער.

— כאַ־כאַ! איך זע, אַז אַביסל האָט איר שוין פאַרשטאַנען... יאָ, מיין פריינט, עס איז נישט אַזוי, ווי עס דאַכט זיך, די מענטשן קענען מיך: איך קאָן אַ זאַג־טון... מיין שעף ווייסט אויך... מיט מיר איז נישטאָ קיין סך צו טענהן... און איך, זעט

איר, האָב נישט געענדיקט... איך האַלט נישט דערפון... אַליין געלערנט אין דער היים, איר פאַרשטייט?...

מיטאַמאָל איז ער געוואָרן גאָר ערנסט. ער האָט זיך אַריינגערוקט אין דער טונקלקייט פון דעם נישט־באַלויכטענעם צימער, האָט אַרויסגעלאָזט אַ סך אָטעם, אַ שפּײַ־געטון און צוגעגעבן:

— יאָ, יאָ. דאָס לעבן דאַרף מען קענען... דאָס לעבן, מיין פריינט, איז אַ ים... איר מעגט אַביסל אַ טראַכט טון וועגן דעם, וואָס איך האָב אייך געזאָגט... אפשר וועט איר פאַרשטיין...

אין דער מינוט איז צו מיר צוגעקומען אַ מיידל, אַ סטודענטין, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל און מיר שטיל אַ זאָג געטון:

— קומט, דערציילט אונז, וואָס האָט ער אייך געזאָגט?

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין זאַל, ווו עס האָט שוין געוואַרט אַ גאַנצע גרופּע, צוזאַמען מיט די בעלי־בתים. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און אַלע צוזאַמען, מיט אַ שטיל־סודותדיק געפּליסטער, צוגעשטאַנען:

— זעט, דערציילט, וואָס האָט ער אייך געזאָגט? עס איז אינטערעסאַנט...

— ס׳איז מיר אַ וווּנדער, וואָס ער האָט מיט אייך אַזוי לאַנג געשמועסט...

— זענט אים, זעט אויס, זייער געפעלן געוואָרן...

— זאָגט כאָטש אַ פּאָר ווערטער...

— וואָס זאָגט איר, האַ?...

— ס׳איז אַ מענטשעלע!... אמת?

— ער קאָן אַ זאָג טון!...

— ס׳איז אַ „קאָפּ־מענטש״...

— און אַזוי איז גאָרנישט צו דערקענען...

— זעט זיך אויס אַזוי פּשוט...

— יאָ... יאָ...

איך בין געשטאַנען און האָב געפינטלט מיט די אויגן. מיין קאָפּ האָט גיך געאַרבעט — אפשר האָב איך עפּעס נישט דערהערט? אפשר האָב איך עפּעס נישט פאַרשטאַנען? — אַ פּאַליע

פון מוטנער נאַרישקייט האָט זיך לאַנגזאַם צעגאָסן איבער מיין זינען, און איך האָב אַ זאָג געטון:

— גאָרנישט! ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט...

— פאַרוואָס ווילט איר אונז נישט זאָגן?... אפשר וועלן מיר אויך פאַרשטיין...

און דער בעל־הבית האָט געמאַכט אַ פשרה:

— מילא, געווים האָבן זיי גערעדט זאַכן, וואָס ס'איז נישט פאַר אונזער שכל...

און די מאַדאַם האָט צוגעגעבן:

— אָבער ס'איז שוין איינמאָל אַ קעפּל, אַ?... — — — —

— אַ טיפער מענטש...

איך האָב גאָרנישט געענטפערט און, דערזעענדיק אַ מיידל, וואָס איז שטיל געזעסן אויף דער סאָפע, האָב איך מיך אוועקגע־זעצט נעבן איר...

*

מיר האָט זיך געוואָלט רעדן נאַרישקייטן, אַביסל פאַרברענ־גען. דאָס מיידל האָט געהאַט נייע, גלאַנציקע, זיידענע זאָקן, מיט פולע שטאַרקע פיס. דאָס ביסל קאָניאַק האָט זיך געוויגט ביי מיר אין קאָפּ.

ביי מיר איז אַרויסגעשפרונגען עפּעס אַ וואָרט, אַ וואָרט וואָס כ'האָב עס זעלטן גענוצט — עפּעס וועגן שיינע פיס, עפּעס אַ באַנאַל וואָרט, אַ פאַרגלייך צווישן פיס און בלומען. די נאַריש־קייט פון דעם פאַרגלייך האָט מיר אַ ברי געטון, אָבער מיר איז געוועזן גוט.

דאָס מיידל האָט אויף מיר אַ קוק געטון. זי האָט באַהאַלטן די פיס הינטערן קלייד. און פלוצלינג אַ זאָג געטון:

— וועגן עפּעס אַנדערש האָט איר שוין נישט מיט מיר צו רעדן...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט מיך אַ שטופּ געטון פון זיך. איך האָב געוואָלט עפּעס פאַרריכטן. איך האָב ווידער עפּעס געזאָגט. איך האָב געוואָלט פאַר יעדן פּרייז, מיר זאָל זיין גוט.

דאָס מיידל האָט מיטאַמאָל געזאָגט מיט פייער:

— איר האָט נאָר־וואָס גערעדט מיט א מענטש... וואָס האָט אייך געווים געזאָגט עפּעס וויכטיקס... ליגן אייך נאָך אין זינען אזעלכע נארישקייטן, ווי פּיס... ווען ער זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער זיכער מיט אייך נישט גערעדט...

מיר איז געוואָרן שלעכט. דער קליינער מענטש מיט דעם בלייכן, לאַנגווייליקן קאָפּ האָט דאָ פארסמט די לופט.

איך בין אויפגעשפרונגען און בין אוועק צו א צווייטער. דאָס איז געווען א שווארץ־חנעוודיק מיידל, מיינע א באַקאַנטע. איך האָב זי געפּרוּווט נעמען הינטער דער האַנט. דאָס מיידל האָט זיך א ריס געטון מיט דערשראָקענע אויגן:

— וואָס טוט איר... ער שטייט דאָ... ער קוקט אויף אונז...

איך בין אוועק צום גערעקטן טיש און געוואָלט מיר אָנגיסן א גלעזל קאָניאַק, אָבער אימיצער האָט מיך אָפּגעשטופּט און מיר אריינגעסיקעט אין אויער אריין.

— לאָזט אָפּ... נישט איצט... ער גייט רעדן.

א שטילער, איינגעהאַלטענער רעש האָט זיך א טראָג געטון. מ׳האָט מיך פארשטופּט אין א ווינקל. און איך האָב דערזען איבערן טיש די שווארצע אומעטיקע פּלייצע פונם „קאָפּ־מענטש" זיין ווייסלעכע מוטנע שטים האָט זיך א טראָג געטון. איך האָב נישט פארשטאַנען. כ׳האָב נאָר געכאַפּט איינציקע ווערטער עפּעס וועגן: „מענטש", וועגן „צוקונפט". א גערדיכטע פּאַטשעריי פון הענט האָט באַרעקט דעם אומעטיקן קלאַנג, האַלב־אָפענע מיילער און גלאַנציקע, פאַנאַטישע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר:

— איר האָט געהערט?...

— איר האָט פארשטאַנען?...

— שוין איינמאָל געזאָגט...

— א קעפּעלע...

— א מענטשל...

— א קאָפּ־מענטש...

און דער שווערער פעטער מיטן רויטן קאָפּ און ווייסן קאָלנער איז ארומגעלאָפן ווי א פארמשפּטער צום טויט און געבעטן רחמים:

— זאָגטס מיר, מענטשן... וואָס האָט ער געזאָגט... זאָגטס מיר...

אָבער קיינער האָט דאָס נישט געקאָנט נאָכזאָגן.

דערנאָך האָט זיך דער גאַנצער עולם אַריבערגעטראָגן אַרויף צום אויבן־אָן און אַרומגערינגלט דעם „קאָפּ־מענטש".

אפילו די גוטע זאַכן פונם טיש מיט דעם פלעשל קאָניאַק איז פאַרשוואונדן אַהין.

דער נייער אַדוואָקאַט איז געשטאַנען אויף א שטול און עפּעס געענטפערט דעם „קאָפּ־מענטש".

איך בין מיטאַמאָל מיד געוואָרן און געכאַפּט א דרימל אויף דער סאָפע.

*

און שוין גאָר שפּעט, ווען ס'האָט זיך שוין געבלייכט אויף טאָג, ווען מ'האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין, האָב איך, זוכנ־דיק מיין הוט אין פאָדערצימער, נאָך איין מאָל געזען דעם „טיפן מענטש".

איך האָב אים געזען, ווי ער איז אַרוים פון א געוויסן אָרט, איך האָב אים נאָכאַמאָל אָנגעקוקט מיט נייגיריקייט. כ'האָב גע־וואָלט געפינען אין אים דעם כוח פון זיין ווירקונג. כ'האָב אָבער גאָרנישט געזען. א חוץ דעם, וואָס זיין שוואַרץ, שלעכט־אויפגע־נייט רעקל איז געווען אויסגעשמירט אין קאַלך, אויף דער פּלייצע, און אויף ביידע זייטן אַרבל.

מער האָב איך אים שוין נישט געזען, ווייל מער בין איך שוין אין דער פיינער, בעל־הבתישער שטוב נישט געקומען...

# דער בלינדער „פוליע“

דאָס געסל געדענקט נאָך דעם בלינדן פוליע פון מיט א יאָר דרייסיק צוריק, ווען ער איז געווען א גרויסער סוחר פון עופות ביי די האַליעס. ער האָט געשפּילט א ראָלע. געווען א רייכער מענטש און א גרויסער גבור און דעמאָלט האָט מען אים נאָך גערופן „פוליע ריז“. ער האָט געקאָנט אויפהויבן דעם שווערסטן וואָגן אויף די פּלייצעס. עס איז נישט געווען עמעץ „פאַרן אייזערנעם טויער“ און פאַר די „האַליעס“, וואָס זאָל אים נישט קענען. מען געדענקט אים נאָך, ווען ער איז געקומען אויף „אָטפּוסקע פון סלוזשבע“ בעת ער האָט געדינט אין מאָסקווע ביי די „גרענאַדירן“. די מיידן פאַרן אייזערנעם טויער זענען „פאַר אים געוואָרן די כפּרה“, דער־נאָך, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט מענדל קצבס טאָכטער. „ריקל די ליאַלקע“, האָבן די האַליעס געשיכורט גאַנצע אַכט טעג. ווען דאָס יונגע פּאָר איז געגאַנגען שבת שפּאַצירן אין „יענע גאַסן“, אָדער אין „באַגאַטעלע־גערטל“, אָדער אין „עלדאָראַ־דאָ“־טעאַטער, האָבן די ווייבער נאָכגעקוקט מיט קנאה און זיך געווונטשן מיט זייער מזל.

ריקל די ליאַלקע איז געווען א שיינהייט אין דער געגנט פון „פאַרן אייזערנעם טויער“. זי איז געווען שלאַנק, הויך מיט א ראָ־זיק פּנים און לאַנגע, ברוינע האָר.

מ׳האָט שוין דעמאָלט ווען איר דערציילט, אז דער פּאָליציי־

מייסטער האָט זיך אין איר פאַרליבט און איז איר נאָכגעפאָרן אין א קאַרעטע. יונגען פלעגן זיך שלאָגן צוליב איר מיט מעסערס און זי האָט נאָר אַראָפּגעקוקט פון גאַנעק אין מאַרק אַריין מיט איר גלאַנציקן ליאַלקע־שמייכל.

אַזוי האָט דאָס פּאָרפאָלק אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, דערפאַר זענען די געשעפטן ביי זיי געגאַנגען אַרויף און דאָס געסל האָט געזאָגט, אַז זיי לעבן ווי די „מאַגנאַטן".

מיטאַמאָל איז פּוליע פּלוצלינג קראַנק געוואָרן אויף די אויגן, אין אַ קורצער צייט האָט ער פאַרקרענקט דאָס גאַנצע פאַרמעגן. מ׳איז אויסגעווען ווו נאָר אַ פּראָפעסאָר, ווו נאָר אַ דאָקטאָר, ווו נאָר אַ גוטער איד און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. מ׳האָט אים אָנגעהויבן זען אין מאַרק מיט פאַרבונדענע אויגן. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן דאַר און אַלט. עס זענען אים נאָך געבליבן די מעכטיקע פּלייצעס מיט דעם הויכן, שטאָלצן קאָפּ. ריקל די ליאַלקע האָט אים געפירט אונטערן אָרעם. פּוליע האָט שוין קיין סך נישט געקאָנט אויפטון, פונדעסטוועגן האָט ער נאָך געהאַנדלט און האָט נאָך לויטן בלויזן אָנטאַפּן אָפּגעשאַצט אַ פּאַרטיע עופות...

די ווייבער האָבן געלאָזט אַ טרער, קוקנדיק אויף פּוליען; און דאָס געסל האָט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער אויסרעדן אויף ריקל די ליאַלקע:

— אַזאַ ליאַלקעטשינע... קאָן נישט אַריינגיין אין די „האַליעם" מיט אַביסל סחורה...

אָבער ריקל האָט נישט געוואָלט הערן פון האַנדלען אין גאַס, אַזוי ווי פריער איז זי נאָך געגאַנגען אויסגעפּוצט און פאַרריסן די גאַס מיט איר שיינקייט...

פּוליען איז געגאַנגען וואָס אַמאָל ערגער. גוטע ברידער האָבן אים נאָך אונטערגעהאַלטן, צונויפגענומען אַ פּאָר רובל. דערנאָך איז ער אויף אַ לאַנגע צייט אַריין אין שפּיטאָל. דעמאָלט האָט ריקל נאַכט ביי נאַכט אָנגעהויבן פאַרשווינדן ווערן פון

שטוב. מ'האָט דערציילט, אַז מ'זעט זי אין די ווייטע גאַסן מיט אָפּיצירן און גענערעלער. עס האָט זיך געפונען אַ גוטער ברודער, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שפּיטאָל און דערציילט פוליען וועגן זיין ווייב. פוליע האָט אויסגעהערט. ער האָט געשוויגן, נאָר זיין קאָפּ איז געוואָרן העכער און שטייפער און נאָך אין זעלבן טאָג — ס'איז געווען שבת פּאַרנאַכט, אין געסל זענען אַלע גע־שטאַנען ביי די טויערן, חתן־כלה זענען געגאַנגען אויפן שפּאַ־ציר — איז געוואָרן אַ ווילדע בהלה, אַ געלויף. אין געסל האָט זיך באַוויזן פוליע אין אַ גראָען כאַלאַט מיט פאַרבונדענע אויגן. ער איז געלאָפן מיט אַ ווילדן ריטש ווי אַן אָקס, מיט שטעק־שיך אויף די באָרוועסע פיס, נאָך אים זענען געלאָפן טויזנטער מענטשן. ער איז אַרויף אין דעם שטיבל, ווו ער האָט געוווינט. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, „ריקל די ליאַלקע" איז נישט גע־ווען אין דער היים. מיט איין זעץ האָט ער אויפגעריסן די טיר, אויסגעטאַפּט אַלע ווינקעלעך און באַשמעקט אַלע זאַכן, וואָס זע־נען דאָרט געווען. ער האָט געשפּירט דעם ריח פון אירע קליידער. ער האָט אויפגעריסן די שאַנק, איז צו צום בעט, און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ וואָרף געטון ווי אַ לייב און איידער מענטשן האָבן זיך אַריינגעמישט, האָט ער אַ תל געמאַכט פון אַלעם אין שטוב. ער האָט צעבראָכן די שאַנק און צעריסן דאָס בעטגעוואַנט. מ'האָט גערופן די „שטאַרקע" פון געסל, וואָס האָבן אים קוים איינגענומען.

— גיט זי מיר אַהער, כ'וועל איר אָפּרייסן דעם קאָפּ, פו־ליע לעבט נאָך... — אַזוי האָט ער געברעוועט, ער האָט אַלץ נישט געוואָלט אוועקגיין, ביז וואַנען זי וועט קומען.

די גוטע ברידער האָבן אים אַרומגענומען און מ'האָט אין אים אַריינגערעדט:

— פוליע... לאָז געמאַך... פאַרגעס אַן איר... נאָט וועט דיר העלפן... ס'טוערן אַ מענטש... וועסט האָבן אַן אַנדערע יאַ־לאָווקע...

פוליע איז נאָך דעם געוואָרן שוואַך, ער האָט אָנגעהויבן ציטערן און ער האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קינד. מען דערציילט, אַז

אַלע מענער האָבן געוויינט, ווען מ'האָט אים צוריק אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל אריין.

פון דעמאָלט אָן איז ריקל די ליאַלקע פאַרשוואונדן געוואָרן.

*

עס האָט זיך געצויגן אַ קייט פון פינסטערע יאָרן. אין אָנ־הויב האָבן נאָך אַלטע „פּשיאַטשעלעס" געדענקט אָן פּוליען. מ'האָט נאָך מיט אים איבערגעשיקט אַ קוישל מיט עופות, מ'האָט אים צוגעשאַרט אַ פאַרדינסטל. די ווייבער האָבן אים אַראָפּגע־שיקט אַ „לעפל וואַרעמס" אין די האַליעס אריין, ווו ער איז כסדר געזעסן. ביסלעכוויז האָט מען פאַרגעסן אָן אים. דער בלינדער פּוליע האָט אָבער קיינעם נישט פאַרגעסן, כאָטש פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ שטענדיקע פינסטערניש, האָט ער אין זיין זינען כסדר געזען דעם גאַנצן פּלאַץ „פאַרן אייזערנעם טויער", מיט די „האַליעס". ער האָט געפילט יעדן טריט, יעדעס הויז, יעדן ווינקל און יעדן מענטש. מיט זיין שטעקן אין דער אויסגעשטרעקטער, הארטער האַנט, מיט אַ פאַרריסענעם קאַפּ, האָט ער געשפּאַנט אין דער ענגשאַפט פון מאַרק. אָט די ליכטיקע, רירעוודיקע וועלט, וואָס ער האָט פאַרלוירן, איז וואָס אַמאָל טיפער אריינגעדרונגען אין אים און אַלץ העלער און בולטער איז געוואָרן זיין געדעכע־ניש. ער האָט דערקענט לויט דער שטים יעדן מענטש, וואָס ער האָט אַמאָל געזען.

אין דעם גרויסן גערודער פון מאַרק, אין דעם געשריי און ליאַרעם פון גענז, הינער, קאַטשקעס, ווייבער, יונגען, מיידן און אידן קומט אויך פּוליע באַלד אין דער פרי, צוגלייך מיט אַלע הענדלער, קצבים, טרעגער און פורמאַנעס. ער איז הויך און גלייך, מיט אַ שטייפן, הארטן, בלאָען קאַפּ, ווי געשניצט פון האָלץ, מיט אַ ברייט, בלייך מויל און ווייסע, ברייטע, געזונטע ציין.

נאָר די אויגן זענען ביי אים פאַרשלאָסן און איינגעפאַלן. אַ שמאָל, ראָז שפּעלטל רייסט זיך דורך דאָרט, ווו עס זענען גע־ווען די אויגן.

דער בלינדער פוליע שטייט אָנגעשפּאַרט אָן זיין שטעקן מיט אויסגעשפּיצטע, שטייפע אויערן און הערט.

ער גייט פאַרביי א טרעגער. ער איז געבויגן אונטער א שווערן קאַסטן. פאַרבייגייענדיק פאַרן בלינדן, טוט ער א געשריי:

— א גוט מאָרגן, פוליע...

— גוט מאָרגן, לייבעלע „דזשאָבאָק".

אַרום ווערט א געלעכטער פון די יונגען מיט די ווייבער.

דער טרעגער שטעלט זיך אָפּ און, האַלטנדיק די משא אויף דער פּלייצע, שטעקט ער אים אָפּ א מטבע, זאָגנדיק:

— נאַ, פוליע — ביזט ווערט — אז דו האָסט מיך געקאָנט דערקענען...

מיטאַמאָל טראַסקעט א וואָגן אויף די שפּיציקע שטיינער, אין דעם גאַנצן רעש שרייט דער פורמאַן אַראָפּ:

— פוליע... א רוח אין דיין טאַטן אַריין...

דער בלינדער פוליע שפּיצט אָן די אויערן, שעפּטשעט א מינוט און טוט א וואָרף־נאָך א געשריי:

— מאָטקעלע שמדניק... גיב אהער א צענער...

אזוי דערקענט ער אַלע. ער האָט קיינמאָל קיין טעות נישט, דער עולם קוועלט אָן פון אים און שיט אים קליינגעלט.

אַלטע הענדלער רעדן זיך איבער.

— וואָס פון א מענטש קאָן ווערן...

— מ׳מעג עס פאַרמאָגן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט...

— גאָט שטראָפט א מענטשן...

קינדער מיט פינגערלעך אין די פאַרגאַפטע מיילער קוקן מיט שרעק אויף דעם בלינדן, וואָס באַוועגט מיטן מויל אַרויף, ווי ער וואָלט עפּעס אין זיך אַריינגערעדט.

און אַרום רוישט דער מאַרק, מען קויפט און מען פאַרקויפט. הענדלער באַרימען זיך מיט זייער סחורה. דער געשריי און ליאַרעם קוילערט זיך, ווי א האָגל פון שטיינער. עפּעס א פריצהטע איז געקומען איינקויפן, מען רופט זי פון אַלע זייטן, א זעלנער מיט א געלן לאַמפּאַס טראָגט איר נאָך צוויי קוישן.

די פריצהטע דאַרף איינקויפן אַ סך. זי שמייכלט מיט אירע בלאָע אויגן. זי ווייסט, אַז מען געגאַרט דאָ... זי ווייסט... און פּלוצלינג הויבט אָן דער שטעקן ביי דעם בלינדן צו ציטערן. זיין קאָפּ פאַר־רייסט זיך הויך, ער טוט אַ שפּאַן, ווי צום פאַלן. ער הויבט אויף די הענט און עס דערהערט זיך אַ ווילדער ריטש:

— „ריקל... ריקל... מיין ווייב ריקל..."

עס קאַכט אויף אַ ראָד פון מענטשן, אַ געדיכטער קנויל ראַיעט זיך אַרום, און אינמיטן דער זעלנער מיטן געלן לאַמפּאַס, וואָס האַלט די פריצהטע אַ פאַרחלשטע...

## יענע יאָרן

יענע יאָרן, די יאָרן פון סטודענטן, „קורסיסטקעס״ און סובלאָקאַטאָרן. די גאַנצע יוגנט. דער גאַנצער נייער דור האָט גע־וווינט אין די צימערלעך ביי דעם אידישן מיטלשטאַנד, צו צוויי און צו דריי מיידלעך, אָדער בחורים אין איין צימער. א טישל, א דאָר בעטל, און א פּאָר שטולן. אממייסטן איז מען געזעסן אויפן בעט.

מ׳האָט געוווינט קורץ. געטוישט אָפט די דירות. דאָס אי־בערציען זיך איז נישט שווער אָנגעקומען. א פּעקל ביכער און א לאָמפּ. א פּאָר אנזיכטס־קאַרטן, און שוין.

פריידיקע, ראָמאַנטישע יאָרן!

כדי נישט צו רייצן די בעל־הבתים, האָט מען נישט גע־קלונגען ביי דער טיר, און אזוי ווי די מיינסטן צימערלעך זענען געלעגן באַלד אין פאָדערצימער, איז געגנוג געווען אָנצוקלאַפּן אין דער וואַנט.

פאַרנאַכט־צו האָט מען דאָס קלאַפּן געקאָנט הערן כמעט אין אַלע הייזער.

אויך צו מיין באַקאַנטער פריילין אננא, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע זיך בילדן, פלעג איך אָפט קלאַפּן דורך דער וואַנט. עס איז געווען אזוי גוט צו זיצן ביי איר אויפן בעטל, פירן דיסקוסיעס מיט בליציקע אויגן. מ׳האָט זיך געאַמפּערט וועגן לי־בע, כאָטש מ׳איז שוין פון לאַנג געווען איינשטימיק, מ׳האָט

„אַנטוויקלט" געשפּרעכן, צו־הילף גענומען ביכער, ציטירט און אויפגעוויזן, און יעדע צופעליקע האַנט־באַרירונג האָט אַרויסגע־רופן אַ זיסן צאַפּל.

מ'האָט געלערנט, געגרייט זיך איינצושלינגען די וועלט...

פּריידיקע, ראָמאַנטישע יאָרן...

*

מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ האָב איך זיך געהויבן אויף די באַ־קאַנטע טרעפּ, צו צוויי־דריי טרעפּ מיט איין שפּאַן. נאָך עטלעכע חדשים האָב איך געוואָלט זי זען. כ'האָב געוואָלט זיצן נעבן איר און לעזן אין אירע אויגן די בליצן פון פרייד. אָט איז די וואַנט, די באַקאַנטע, גראָלעכע וואַנט. איך האָב האַסטיק אַ קלאַפּ־געטון און נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו קומען הינטער דער טיר, האָט זיך די טיר געעפנט. געעפנט האָט אַ הויך, אומעטיק מיידל. זי האָט מיך אָנגעקוקט פרעמד. איך האָב געפרעגט:

— איז נישטאָ דאָס פריילין אננאַ?

— אָך, ביטע, קומט אַריין...

זי האָט געבעטן וואַרטן... זי קומט באַלד.

מיר האָבן זיך באַקענט. מיין נאָמען האָט איר עפּעס גע־זאָגט. זי האָט געשמייכלט דיסקרעט, געבעטן זיצן.

איך האָב באַטראַכט דאָס צימער.

— ווי זעט זי אויס, אננאַ? כ'האָב זי שוין לאַנג נישט געזען...

— באַלד וועט איר זי זען.

כ'האָב געזוכט, וואָס צו רעדן:

— זי איז געווים געוועזן אין דער היים. וואָס מאַכן אירע עלטערן?...

— יאָ. זי איז געוועזן אין דער היים... נאָך די עקזאַמענס... אויף יום־טוב...

— האָט זי שוין געענדיקט?

— ניין, מיר האָבן נאָך אַ יאָר... מיר זיצן צוזאַמען אויפן לעצטן קורס...

— נו, שוין נישט לאַנג!...

— וואָס רעדט איר?... נאָך פיל צו אַרבעטן...

דאָס צימער האָט מיך פיל דערמאָנט אין דעם זומערדיקן אָוונט. דאָ זענען געווען פיל נייע, נישט באַקאַנטע זאַכן. נאָר די ווענט אין די ווינקלען פונם צימער, ווו מיר פלעגן אין די פאַר־נאַכטן זיצן ביי אַן אויסגעלאָשענעם לאָמפּ, האָבן מיך אויפגע־בּרויזט.

אַ גרויס בּילד פון אַ סטודענט מיט זייער שוואַרצע אויגן האָט צוגעצויגן מיין בּליק. איך האָב געקוקט אויף דעם סטודענט.

דאָס מיידל האָט אונטערגעכאַפּט מיין בּליק און פּלוצלינג אַ פרעג־געטון:

— איר קענט דעם מענטש?

— ניין.

זי האָט געשמייכלט דיסקרעט.

ער איז ענלעך צו אייך.

— צו מיר?

מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן שווער צו וואַרטן. אָבער דאָס מיידל האָט געזאָגט:

— אפשר וועט איר טרינקען טיי?

זי האָט אָנגעצונדן אַ קליינע ספּירט־מאַשינקע און געזאָגט:

— ווען זי וואָלט געוווסט, אַז איר זענט דאָ, וואָלט זי שוין דאָ געווען.

— אַזוי רעכנט איר?... האָט זי אייך עפּעס געזאָגט וועגן מיר?...

— אפשר יאָ...

מיר איז געוואָרן וואַרעם. איך בּין היימיש צוגעגאַנגען צו דעם פרעמדן מיידל און זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— וואָס האָט זי אייך געזאָגט?

— נו, דאָס זענען אונזערע סודות...

מיר איז מיט איר אויך געווען גוט. איך האָב מיר פאָרגע־שטעלט, ווי ליגנדיק אין בּעט, האָבן די מיידלעך גערעדט וועגן מיר. איך האָב דערפילט, אַז איך בּין אַ דערוואַרטעטער גאַסט.

און זופנדיק די טיי מיט היימישע מאמע־קיכלעך, פון ערגעץ א קליינער, רוּאיקער שטאָט, האָב איך געזאָגט:

— אָ, זי וועט זיין איבערראשט, אננא... זי וועט א פּאטש טון מיט די הענט...

דאָס מיידל האָט שטיפעריש געענטפערט:

— נעמט אייך אזוי נישט איבער... איר מיינט, אז מיר האָבן נאָך דאָ קיינמאָל קיין מאנסביל נישט געזען?...

איך האָב א קוק געטון אויפן בילד פונם סטודענט און גע־זאָגט:

— אָבער איך האָב זי ליב... אננאָ...

דאָס מיידל האָט א צאפּל געטון, א פארב איז ארויסגע־טרעטן אויף איר פּנים, זי האָט מיך לאנג אָנגעקוקט און לאנג־זאם, מיט א שטרענגן בליק, ארויסגערעדט די ווערטער:

— איר האָט איצט געזאָגט אַן ערנסט וואָרט... אזעלכע ווערטער זאָגט מען נישט גלאַט...

זי האָט מיך שטרענגער אָנגעקוקט:

— איך האָב זי אויך ליב... און איך וויל, זי זאָל זיין גליקלעך... זי האָט שוין גענוג געליטן. גיט מיר די האנט, אז איר וועט נישט צעברעכן איר לעבן...

זי האָט געדריקט מיין האנט אין א מאָדנער פארטראַכנ־קייט. איר האנט האָט געהאט א ליבע ווארעמקייט. איך האָב זי געגלעט. זי האָט פארמאכט די אויגן און געמורמלט:

— זייט אַן ערן־מאַן!

איך האָב אויך עפּעס געמורמלט, און מיטאמאָל האָב איך זי ארומגענומען, שטארק צוגעדריקט צו זיך, און אונזערע ליפּן האָבן זיך פארפלאָכטן אין א לאנגן, אומזיניקן קוש. אירע פינ־גער זענען ווי צוגעוואקסן צו מיין אָרעם.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט א קלאַפּן אין וואנט.

מיר זענען אָפּגעשפּרונגען איינער פון אַנדערן, און זי האָט א געשריי געטון:

— זי גייט!

זי איז צו דער טיר צוגעלאָפן און זיך אומגעקערט:

— באַהאַלט זיך דאָ הינטער דער טיר... איך וועל זי איג־טריגירן...

און זי האָט מיך אַ שטופּ־געטון הינטער דער טיר. איך האָב געהערט, ווי פריידיק מיין האַרץ האָט געקלאַפּט.

איך האָב געהערט עפענען די טיר און אויף דער שוועל האָב איך געהערט אַ שטימע:

— נישט געווען קיינער?

— געווען.

— ווער?

— טרעף...

זי האָט אויסגערעכנט עטלעכע פרעמדע נעמען. מיטאַמאָל האָט מען פון מיר צוגענומען די אָפענע טיר, וואָס האָט מיך פאַר־שטעלט, און אַקעגן מיר איז געשטאַנען אַ פרעמד בלאָנד מיידל מיט העלע, אויפגעריסענע, פאַרוווּנדערטע אויגן.

זי האָט געשמייכלט צעשראָקן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך געפין זיך אין אַ פרעמדער שטוב...

# דער פילם

אין דער קאַפע בין איך געקומען כמעט יעדן טאָג. די קאַווע, וואָס מ'האָט מיר דערלאַנגט, איז געווען ווייט נישט קיין גוטע. נישט דאָס געבעקס און נישט די פוטער האָט מיך באַפרידיקט. ס'קאָן זיין, אַז דאָס מיידל, וואָס האָט דערלאַנגט, דאָס מיידל מיטן קורצן קליידל, מיטן ווייסן קורצן פאַרטוך, מיט די הויכע, שלאַנקע פיס און ווייכע, וואַרעמע ליפּן, האָט מיך יאָ אַביסל גע־צויגן. כאָטש איך האָב נישט ליב געהאַט איר צוצוואַרפן ווערט־לעך און חכמהלעך, ווי אַנדערע, האָב איך, דעם אמת זאָגנדיק, נישט איינמאָל געטראַכט וועגן איר.

כמעט טאָג־טעגלעך האָט זי מיר איבערגעלאָזן אַ צופעליקן גלעט איבער דער האַנט, דערלאַנגענדיק מיר צו עסן, אָדער אַ דריק מיט איר קני אויף מיינער, אַ חוץ אַ גאַנצע גאַמע פון בליקן: רופנדיקע, בעטנדיקע, אַ בליק מיט אַ טענה, אָדער פאַרוואורף... ביים רעכענונג פלעגט זי זיך איינבויגן איבערן טיש אַזוי נאָענט צו מיר, אַז איר אָטעם זאָל זיך אָנשלאָגן אָן מיינע ליפּן...

איך האָב געהאַט אַלע סימנים, אַז זי איז נישט גלייכגיל־טיק צו מיר. און איינמאָל, ווען זי איז אַזוי גיך נישט אַוועק פון מיין טיש און ווען קיינער איז נישט געווען אין קאַפע, האָב איך, נעמענדיק פון איר אַ שוועבעלע, פאַרהאַלטן איר האַנט אין מיי־נער. איר האַנט איז מיטאַמאָל געוואָרן שווער און פייכט. איך

האָב זי אַ דריק געטון, אָבער די האַנט האָט נישט געענטפערט, דעמאָלט האָב איך געזאָגט:

— איר אַרבעט אַזוי גאַנצע טעג?

— נו, יאָ, אַוודאי.

— און איר האָט קיינמאָל קיין צייט נישט פאַר זיך?

— פאַר זיך? יאָ, נאָר איינמאָל אין דער וואָך...

— כ׳וואָלט אייך געוואָלט ווען־עס־איז זען...

— צו וואָס? איר זעט דאָך מיך...

מיר האָט שוין באַנג־געטון די גאַנצע געשיכטע:

— נו, דאָ זע איך דאָך אייך נישט אַליין... אַזוי ווי אַלע...

— אָך, איר ווילט זיך מיט מיר באַשטעלן...

— יאָ... מיר וואָלטן ערגעץ געגאַנגען...

— מאָנטיק בין איך פריי... קלינגט צו מיר אָן מאָרגן, זונ־טיק, וועל איך אייך זאָגן ווו...

זי איז אַוועק צו אַ גאַסט, וואָס האָט געקלאַפּט מיטן לעפע־לע איבערן גלאָז.

אויף מאָרגן האָב איך געגעסן אָנבייסן אין אַן אַנדער קאַ־וויאַרניע. מיר האָט זיך נישט געוואָלט, זי זאָל מיר דערלאַנגען עסן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ׳וועל עפּעס קאַליע מאַכן. אין דעם טאָג איז געווען אַ מאָדנער זים־מאַטערנדער פאַרנאַכט — האָב איך מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ אָנגעקלונגען אין דער קאַוויאַר־ניע און געבעטן צורופן די פאַננע פעלע. ס׳האָט לאַנג געדויערט, איידער די ווייכע טריט פון אירע שטוב־פּאַנטאָפל האָבן זיך דער־הערט און מיר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע געסט, דער בעל־הבית און אַפילו די דינסטן פון דער קיך, וואָס מען זעט אַרויס דורכן אויסגעשניטענעם פענסטערל, ווייסן, אַז דאָס קלינג איך און רוף צו פריילין פעלע צום טעלעפאָן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט לאַכן אַלע פון מיר, און מיר האָט זיך שוין געוואָלט הערן די צוזאָגנדיקע שטימע פון דער פריילין פעלע. אין אַ מינוט אַרום האָב איך דערהערט איר שטים — מיט גאָר אַ פרעמדן קלאַנג... איך האָב קוים געגלויבט, אַז דאָס רעדט זי...

— פּראַשען... ווער רעדט?

איך האָב איר אָפּגעמשלט, ווער עס רעדט — דער, וועלכן זי האָט צוגעזאָגט אויף מאָנטיק זיך צו טרעפן... יאָ, זי ווייסט... זי האָט גערעדט זייער הויך און פריי — גוט, זי קאָן זיך מיט מיר טרעפן מאָרגן נאָכמיטאָג. דאָ און דאָ. זעקס אַזייגער וועט זי אַראָפּגיין פון איר קאָלעזשאַנקע. זאָל איך שטיין ביים ראָג, ווו דער טראַמוואַי 0 שטעלט זיך אָפּ.

אַז איך האָב אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל פונם טעלעפאָן, האָב איך געפילט, אַז איך בין אָנגעפילט מיט עפּעס אַ לעבעדי־קער, קיצלדיקער זאַך... מאָרגן זעקס אַזייגער — איך זאָל נאָר נישט האָבן קיין טעות! דאָרט, ווו עס שטעלט זיך דער טראַמוויי נומער 0. איך בין אַרויס אין גאַס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע פרויען וועלן זיך מיט מיר באַשטעלן, אָבער איך האָב גאָר־נישט באַדאַרפט. מאָרגן זעקס אַזייגער! איך האָב אַלץ מיר אויס־געמאָלט די קעלנערין, אירע הענט, אירע פיס, איר בליק און אירע ליפּן, אָבער מערקווירדיק —זי האָט זיך פאַר מיר פאַרהוילן, ווי הינטער אַ נעפּל. איך האָב מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זי געפינט זיך איצט אין דער קאַוויאַרניע, אַז זי דערלאַנגט איצט וועמען קאַווע. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז זי גרייט זיך צו דער מאָרגנדיקער באַגעגעניש מיט מיר, און דעם גאַנצן אָוונט האָב איך אויסגעמיטן די גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען די קאַ־וויאַרניע, און אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, — זיך געלייגט שלאָפן פריער ווי געוויינלעך.

*

איינשלאָפנדיק האָב איך געקלערט וועגן דער פריילין פּעלע. מיר איז זייער געפעלן, וואָס זי איז אַ קעלנערין. דאָס האָט פאַר מיר אויסגעזען זייער פּיקאַנט. דאַכט זיך אַ קעלנערקע, דערלאַנגט קאַווע — און האָט זיך איר געפיל מיט איר באַהאַלטענער וועלט! פאַרוואָס האָט זי מיר אַרויסגעוויזן איר געפיל? פאַרוואָס האָט זי אויף מיר געקוקט מיט אַזאַ בליק? עס קומען דאָך דאָרט אַזוי פיל מענטשן דורכן טאָג. פאַר זיי איז זי נאָר אַן אַפּאַראַט, אַ טויטע זאַך, פאַר וועמען זי פירט אויס איר פונקציע, ווי

א מאשין און שטייט אויס יעדנס קאפריז. איך האָב דערפילט א האס צו די אַלע אויסגעפוצטע משרתים, וואָס וואַרפן איר צו ווערטלעך און פּרוּוון זי אריינציִען אין געשפּרעכן. און איך האָב דערפילט, אַז איך בין איפּערזיכטיק. מיר האָט זיך געוואָלט אוועקגיין אהין און זי אוועקנעמען פון דער קאַוויאַרניע, פון די געסט מיט דעם גראָבן, ברוגזן בעל־הבית. איך האָב זי מיטאמאָל דערזען א טרויעריקע און א לײַדנדע און מיר האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז איך ווייס, פאַרוואָס איר סימפּאַטיע איז געפאַלן אויף מיר.

א גאַנצן טאָג בין איך ארומגעגאַנגען מיט א מאָדנער גרינג־קייט.

אַלץ האָט זיך מיר איינגעגעבן. איך האָב גערעדט צו מענטשן מיט אַן אויפגעהויבענער שטים, גלייך מען וואָלט אין מיר אריינגעגאָסן עפּעס א קאָכעדיקן ווײַן... איך האָב מיך אַלע מאָל דערמאָנט אָן דעם, אַז אויף מיר וואַרט נאָך היינט עפּעס אזוינס, וואָס מען קאָן נישט קריגן, ווען מען וויל, וואָס מוז אַליין קומען, און געקומען איז עס — צו מיר. נאָר צו מיר... אזוי איז אוועק דער טאָג. און זעקס אזייגער פאַרנאַכט בין איך שוין גע־שטאַנען אויף דעם אָפּגעשמועסטן אָרט.

זי האָט נישט געלאָזן לאַנג אויף זיך וואַרטן. זי איז געקו־מען אָנגעטאָן אין א העלן זשאַקעט און א הוט, מיט נייע הענטש־קעס. איך האָב זי אין ערשטן אויגנבליק נישט דערקענט און מיר איז געוואָרן מיטאמאָל אומבאַקוועם. כ'האָב קיינמאָל נישט באַ־מערקט, אַז זי גייט אַזוי שווער. אירע הענטשקעס האָבן זיך נישט געפּאַסט צו אירע גרויסע הענט. מיר האָט זיך מיטאמאָל אויסגע־וויזן, אַז מיר האָבן זיך צופעליק געטראָפן און כ'האָב נישט גע־ווּסט, וואָס צו רעדן.

איך האָב געפרעגט:

— ווּהין גייען מיר?

— אַלץ איינס! ווּהין איר ווילט...

איך האָב געוואָלט פאָרליגן א קאַפע, נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז זי אַרבעט אין דער קאַוויאַרניע, האָב איך מיך צוריק־

געהאַלטן. ווען איך האָב נישט דרייסט אַ קלער־געטון וועגן מיין צימער, האָב איך מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ שטיל געזאָגט:

— פרייליין פעלאַ! אפשר וואָלט איר געוואָלט אַרויפגיין צו מיר, מיר וועלן אַביסל זיצן, פאַרברענגען...

— צו אייך... אַהיים... איז דען ביי אייך קיינער נישטאָ?

— ביי מיר? קיינער נישט... אַ באַזונדערער אַריינגאַנג...

— נו, גוט.

מיר איז געוואָרן וואַרעם אויף דער פּלייצע. איך האָב זי אַ כאַפּ־געטון אונטער דער האַנט, אָבער איר אָרעם האָט זיך פאַ־מעלעך צוריק אַרויסגערוקט.

*

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך אויפגעשלאָסן די טיר. זי איז געווען ביי מיר אין צימער. איך האָב איר אויסגעטון דעם פרעמדן פּאַלטאָ מיט די הענטשקעס, מיט דעם הוט. איך האָב וואָס גיכער געוואָלט זען פאַר זיך דאָס מיידל פון דער קאַוויאַרניע. איך האָב זי העפלעך געבעטן זיצן, זייענדיק זיכער, אַז זי איז גע־קומען צו מיר, נאָר צו מיר...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, אומגעקוקט זיך איבערן צימער און אָנגעהויבן.

— יענע וואָך בין איך געווען אין קינאָ.

— אַזוי... — האָב איך געזאָגט און זי גענומען ביי דער האַנט. זי האָט לאַנגזאַם צוריקגענומען די האַנט און ווייטער גע־רעדט:

— מ'האָט געשפּילט אַזאַ טראַגעדיע... איך האָב אַזוי גע־וויינט... איינער אַן אָפיציר, אַזאַ שיינער, אַ ברונעט, האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָרעם מיידל, אַן אַרבעטערין... זייער אַ שיינע..

— אַזוי? — האָב איך געזאָגט און זיך געזעצט נאָענט נעבן איר. זי האָט זיך אָפּגערוקט און ווייטער דערציילט:

— זיי פלעגן זיך באַגעגענען אין אַ וואַלד... און האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט... יעדער קוש האָט געדויערט אפשר פינף מינוט... מיר געפעלט אַזאַ ליבע... מ'האָט געזען, ווי זיי ברענען פון ליבע...

דאָ האָב איך געפּרוּווט זי אַרומנעמען, אָבער זי האָט מיך מיט כּוח אָפּגעשטופּט און טרוקן אַ זאָג געטון:

— נאָר אָן דעם... טאָמער וועט איר מיך אָנרירן, גיי איך שוין אַוועק... איך האָב דאָס נישט ליב...

— איר האָט דאָך נאָר־וואָס געזאָגט, אַז איר האָט ליב ליי־בע!... אַז מען ווערט פאַרבּרענט פון ליבע...

זי האָט אָבער נישט געהערט, וואָס איך האָב גערעדט און ווייטער דערציילט פון קינאָ:

— דערנאָך קומט זי צו דעם אָפיציר... זי קושט אים די הענט און די פיס... זי ווערט משוגע פון ליבע... און זי דערציילט אים, אַז זי... נו, איר פאַרשטייט דאָך שוין!...

— אַז וואָס?...

— אַז זי שוואַנגערט... — האָט זי פאַרשעמט אַרויסגע־רעדט און זיך אָפּגערוקט פון מיר, אַראָפּוואַרפנדיק מיין האַנט, וואָס איז לייכט געלעגן אויף איר פולער, וואַרעמער פּלייצע.

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיך. איך האָב אָנגעהויבן:

— פרייַלין פעלאַ!... פאַרוואָס זענט איר אַזוי פרעמד צו מיר?... איר זענט דאָך געקומען צו מיר אין צימער, כּדי מיר זאָלן זיין אַליין... אָט דערציילט איר מיר פון דער ליבע צווישן דעם מיידל מיט דעם אָפיציר... און איר זענט אַזוי אַנטציקט... און איר לאָזט זיך אַפילו קיין קוש נישט טון...

— וואָס?... — האָט זי זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט — איר האַלט מיך פאַר אַזעלכע, ווי יענע!? אָ, איר באַליידיקט מיך... איך בין אַן אָרנטלעך מיידל...

איך בין געבליבן ווי אָפּגעשמיסן. מיר האָט זיך שוין איצט געבענקט נאָך דער צופעליקער באַרירונג פון איר האַנט און קני אין דער קאַוויאַרניע... וואָס האָט זי געמיינט? נאָך וואָס איז זי געקומען צו מיר?...

*

און ווידער אַ״ז זי געזעסן אָפּגערוקט פון מיר און דערציילט דעם אומגעלומפּערטן פילם, וואָס זי האָט געזען אין קינאָ, ווי דער אָפיציר האָט זיך געליבט מיט דעם מיידל, ווען זייער הייסער ליבע, וואָס געפעלט איר אַזוי... ווי אַזוי ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט אירע הענט, אירע פיס, און יעדער קוש האָט געדויערט ,,אפשר פינף מינוט״...

איך האָב שוין פון לאַנג פאַרלוירן דעם פאָדעם פון דעם, וואָס זי האָט דערציילט. אין מוח האָט מיר אַלץ געקלאַפּט די פראַגע: ,,נאָך וואָס איז זי געקומען?״, און ווען כ׳האָב איר גע־האַלפן אָנטון דעם זשאַקעט, האָב איך געמאַכט דעם לעצטן פּרוּוו, זי מיט כוח אַרומגענומען און אַ דריק־געטון, אָבער אירע דיקע, קרעפּטיקע הענט האָבן מיך מיטאַמאָל אָפּגעשטופּט:

— פע — האָט זי געזאָגט — איך האָב מיך נישט גע־ריכט אויף אייך... איר זאָלט זיך אַזוי אויפפירן... איך האָב גע־רעכנט, אַז איך וועל נאָר צו אייך אַרויפקומען... זיצן... פיין פאַר־ברענגען... מענטשלעך...

איך האָב זי איבערגעבעטן און, אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, האָב איך אַרויסגענומען דעם זייגער מיט אַן אויסרייד, אַז איך דאַרף אַוועקגיין געשעפטלעך.

— אַזוי?... איך דאַרף אויך זיך גיין זען מיט מיינעם אַ גוטן באַקאַנטן...

און זי איז אַוועק...

*

אין דער קאַוויאַרניע קום איך נישט מער צוליב דער שלעכ־טער קאַווע און דער נישט־פרישער פּוטער, וואָס מען דערלאַנגט דאָרט, און איך ראָט אייך, איר זאָלט אויך אַהין נישט גיין.

## א „לעבעדיקער" גרוס

איך בין ארומגעגאנגען אויפן פעראָן מיט דער גרינגקייט פון א פאסאזשיר אָן באגאזש. איך בין געפאָרן פארזאָרגן גע־שעפטלעכע קלייניקייטן, נאָך מער צוליב דעם, וואָס ס'איז געווען אָנהויב פרילינג. עס האָט געגרינט און געלויכטן און א שמעקעדי־קע פייכטקייט האָט געבלאָזן פון הינטער דער שטאָט. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך פאָר אויף א קאָנצערט, וואָס שפילט זיך אָפּ אויף די פעלדער און וועלדער אונטערוועגנס. און נאָך עפּעס איז געווען — עפּעס א נעפּלדיקער צוזאָג, ווי די בלאָע ווייט איז א זומער־טאָג, עפּעס א ווארטן פון זיסע באגעגענישן — אָט דאָס ווארטן, וואָס קלאפּט נאר אין יונגע, געזונטע, פריידיקע הערצער...

ס'איז געווען נאָך א פאָר מינוט צום אָפּגאנג פון צוג און איך האָב צייט געהאט אָנצוקוקן די איילנדיקע פאסאזשירן. מיט־אמאָל האָב איך דערזען א יונגנמאן אין א סטודענטיש היטל. ער איז מיר געווען באקאנט פון די אידישע, אינטעליגענטע קרייזן. ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע העלע אויגן דורך די ברילן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. אין האנט האָט ער געהאלטן א בריוו: ער האָט א קוק־געטון אויף מיר, ווי מיך וואָלט ער טאקע געזוכט, און אויפהויבנדיק דאָס היטל, האָט ער אָנגערופן מיין נאָמען:

— קאָן מען וויסן, צי איר פאָרט קיין ג.?

— יאָ, איך פאָר קיין ג.

— אנטשולדיקט... מיר זענען אייגנטלעך באַקאַנט... מײַן נאָמען איז...

ער האָט אָנגערופֿן זײַן נאָמען. אַ פֿאַרב איז ארויסגעטרעטן אויף זײַן פּנים:

— איר וואָלט מיר געקאָנט טון אַ גרויס געפֿעליקייט... דאָרט וווינט אַ פֿאַמיליע... נו, אייגנטלעך, מײַן כּלה... איך וואָלט זייער, זייער געוואָלט זיי איבערגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פֿון מיר... זיי האָבן עס מיך געבעטן... ווען איר וואָלט עס געוואָלט טון... די שטאָט איז קליין... דאָס זענען ליבע מענטשן... אַ בעסערע שטוב... איר וועט בײַ זיי גוט פֿאַרברענגען... אָך, זיי וואָלטן גע־ווען גליקלעך...

מיר איז געוואָרן פֿרייַלעך און גרינג... איך האָב אַ מינוט אָפּ־געהאַלטן דעם ענטפֿער, ווײַל איך האָב מיר געוואָלט אויסמאָלן די „בעסערע" שטוב, די ליבע מענטשן, די כּלה. דער יונגערמאַן האָט נאָך געהאַט אויפֿן פּנים אַ קינדישן, נישט־דרייסטן שמייכל

— גוט — האָב איך געזאָגט — איר ווילט אייגנטלעך, אַז איך זאָל איבערגעבן דעם בריוו — גוט...

דער יונגערמאַן האָט מיר געדריקט די האַנט, אויף גיך גע־שריבן אויפֿן קאָנווערט פּונם בריוו עטלעכע ווערטער. איך בין אַרײַן אין וואַגאָן. דער יונגנמאַנס דאַנקבאַרער בליק האָט מיך באַגלייט אַ שטיק וועג. איך האָב מיך אָוועקגעזעצט און אַרויס־גענומען דעם בריוו פֿון טאַש. איך האָב געלייענט דעם אַדרעס און די צושריפֿט מיט אַ בלײַשטיפֿט. „דעם בריוו גיט אייך איבער מײַן פֿרײַנט (דאָ איז געשטאַנען מײַן נאָמען)... „מײַן פֿרײַנט". איך האָב מיך באַמיט זיך צו דערמאָנען, בײַ וואָס פֿאַר אַ געלעגנ־הייטן איך האָב דעם יונגנמאַן באַגעגנט. יאָ, ער האָט מיך, זיכער געקאָנט קענען גיכער, ווי איך — אים. און ווי נאָר איך האָב אַ קוק־געטון אויף מײַנע שכנים אין קופּע, האָב איך פֿאַרגעסן אָן דעם יונגנמאַן און אויך אָן דעם בריוו.

*

אין דער שטאָט ג. בין איך אָנגעקומען ארום עלף אזייגער אין אָוונט.

דאָס איז געווען א קליינע, רוסישע פּראָווינץ־שטאָט מיט גרינע דעכער. די לבנה איז געשטאַנען א גלאַנציקע, א פרילינגדי־קע און האָט באַגאָסן די ברעגעס הייזער מיט ווייסע ליכט. א פרי־לינגס־ווינט האָט געוויט, און דער פרילינג האָט, ווי יונגער ווײַן, געריזלט אין דער ערד און אין דער לופט. פון איבער יעדן פּלויטל האָבן געמורמלט אויפגעוועקטע צווייגן פוןביימער. די גאַסן זע־נען שוין ליידיק געווען, נאָר עס האָט זיך געפילט, אז נישט אין קיין שלאָף זענען די מענטשן פאַרזונקען, נאָר אין א פריידיקן דרימל. דאָס פרעמדע אָרט האָט מיך גערייצט. נישט געקוקט אויף די עטלעכע שעה פאָרן, בין איך נאָך אלץ גרינג געווען, און עס האָט מיך געטראָגן פון געסל צו געסל. איינציקע שאָטנס האָב איך באַגעגנט אין די טונקעלע ערטער פון די שמאָלע גאַסן. הינטער ביימער האָבן נאָך פאַרשפּעטיקטע פּאָרלעך ארומגעוואַנדלט, און א זיסע רעגונג און בענקשאַפט נאָך ליבע, וואָס פאַרכאַפּט אין פרעמדע שטעט, האָט מיך אָנגעפילט מיט א נחתדיקן אומעט און פריידיקער געקלעמטקייט צו זיך אליין.

אין דער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דעם בריוו פון דעם יונגנמאַן צו דער כלה. און מיר האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט שוין איצט אריינגיין אין דער פרעמדער שטוב. די שפּעטע שעה אָבער האָט מיך אָפּגעהאַלטן. איך האָב ארויסגענומען דעם בריוו. ביי דער שיין פון א לאַמטערן האָב איך נאָך אמאָל איבערגעלייענט דעם אדרעס און גלאַט אזוי צוליב א מאָדנער, ווינטיקער גרינגקייט האָב איך מיך געלאָזט אויפזוכן די גאַס און דאָס הויז פון דער פאַמיליע. איך בין געשטאַנען פאַר אַן איינשטאָקיקן מויער, מיט דיקע, גרינע, בעל־הבתישע לאָדן. עס איז געווען אויסגעלאָשן און שטיל אין אלע פענסטער. ארום הויז, דער גאָרטן, איז געווען באַלויכטן מיט דער ווייסלעכער ליכט פון דער לבנה. איך האָב עטלעכע מאָל, ארומגעקרייזט דאָס הויז און שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט האָב איך אָפּגעזוכט א האָטעל, גענומען א צימער און

אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך שוין געשלאָפן מיט אַ קרעפּ־טיקן, יונגן שלאָף.

*

ווען איך האָב אין דער פרי געעפנט די אויגן, איז שוין הינטערן פענסטער געשטאַנען אַ זוניקער טאָג. איך בין פאַר־שלאָפן און ווען כ׳האָב דורכן פענסטער געזען די באַלעבאַטע גאַס, ווו מענטשן האָבן זיך געטראָגן הין און צוריק, האָב איך מיך איי־ליק גענומען אָנטון. שוין אַן אָנגעטוענער, גרייט אַרויסצוגיין אין גאַס, ווו כ׳האָב געדאַרפט געשעפטלעך זיך מיט וועמען באַגעגע־נען — האָב איך געפרעגט דאָס האָטעל־אינגל:

— צי קענסטו די פאַמיליע, וואָס שטייט דאָ אויף דעם אַדרעס? — דערביי האָב איך אים דערלאַנגט דעם בריוו.

— אַ פראַגע!... אַוודאי קאָן איך זיי... אָ, דאָס איז אַ פיינע שטוב...

— נו, און די טאָכטער?

— די פרייליין?... יאָ, אַ שיינע... אַ געבילדעטע... זי האָט אַ חתן... אַ סטודענט...

— יאָ... יאָ... זי האָט אַ חתן אַ סטודענט... וועסט צוטראָגן אָט דעם בריוו און זאָגן, אַז דער, וואָס האָט דעם בריוו געבראַכט, האָט אַ גרוס פון דעם חתן...

דאָס אינגל האָט געכאַפּט דעם בריוו און איז אַוועק.

איך בין אַוועק צוליב מיינע געשעפטן.

ביז נאָך האַלבן טאָג בין איך אין שטאָט געווען פאַרנומען. דערנאָך בין איך צוריקגעקומען אין האָטעל. און ווי נאָר איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל, האָט מיר שוין דער בעל־הבית מיטן אינגל איבערגעגעבן, אַז פון דער פאַמיליע איז מען שוין דאָ צוויי מאָל געווען און געבעטן, איך זאָל וואַרטן, ווייל נאָך מיטאָג וועט דאָס פרייליין אַליין קומען אָפּנעמען דעם גרוס פונם חתן. איך האָב מיך צוגעשפּאַרט אויפן בעטל, אָבער איך האָב נישט געקאָנט איינ־דרימלען, נישט־ווילנדיק האָב איך אָנגעהויבן וואַרטן אויף דעם פרייליין. מיר האָט באַנג געטון, וואָס כ׳האָב אַליין דעם בריוו נישט

אוועקגעטראָגן. ס'איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן. און איך האָב אָנגעהויבן וואַרטן מיט אומגעדולד...

אַזוי בין איך אָפּגעלעגן אַ פּאָר שעה, זיך געוואָרפן אויף דעם דאַרן האָטעל־בעטל. די פענסטער־ראַמען האָבן זיך שוין געגילדט פון דער אונטערגייענדער זון, און די פרייליין איז נישט געקומען.

מיינע געשעפטן האָב איך שוין געהאַט פאַרזאָרגט, און אָט־דאָס נאַרישע וואַרטן אויף דעם פרעמדן מיידל האָט מיר קאַליע געמאַכט די שטימונג. איך האָב מיר אַליין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די זאַך איז געענדיקט, דעם בריוו האָב איך איבערגעגעבן און דאָס איז אַלץ. מיר האָט אָבער כסדר געקלונגען די בעטנדיקע שטים פון דעם סטודענט, וואָס האָט געוואָלט איבערגעבן דעם „לעבעדיקן" גרוס, „כאַפּט אים דער טייוול, פאַרוואָס איז זי נישט געקומען?"

עס איז שוין געווען גוט טונקל, ווען איך בין אַרויס פון האָטעל. איך האָב געדענקט אָפּצופאָרן ביינאַכט. אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ וואַרעמער ווינט מיט אַ ריח פון ערשט־געבוירן גראָז. די שפּיצן פון די הייזער זענען געווען באַגילדט פון רויטן זונען־גאָלד און אויפן טונקעלן לילאַ־הימל איז געשטאַנען אַ גרויסע, שפּיגלדיקע לבנה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער וועלט איז יום־טובדיק און פריילעך.

אויף יעדער יונגער פרוי האָב איך געקוקט; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דאָס פרייליין, וואָס האָט געזאָלט קומען נאָכן גרוס. מ'האָט אויך געקוקט אויף מיר מיט נייגיריקייט, ווי מע־קוקט אין דער פּראָווינץ אויף פרעמדע מענטשן. איך בין געגאַנגען אָן אַ ציל און ביסלעכווייז האָט זיך מיין שטימונג צוריק אויפגעהויבן. מיטאַמאָל בין איך שטיין געבליבן פאַר דעם זעלבן הויז פון דער פאַמיליע, וווּ כ'בין נעכטן ביינאַכט געווען. איך האָב דערקענט די גרינע לאָדן, מיט דעם גערטל, און מיר איז איינגעפאַלן, אַז ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, ווען איך וועל אַריינגיין איבערגעבן דעם גרוס און אוועקגיין.

איך בין אַרויף אויף דריי טרעפּלעך און אַ קלונג־געטון ביי

דעם דריי־גלעקל. די טיר פון דעם פאָדער־הויז האָט זיך באַלד גע־עפנט. פאַר מיר איז געשטאַנען א יונגע פויערטע מיט העלע האָר אויפן שטערן, זי האָט געקוקט אויף מיר מיט א דערשראָקענעם שמייכל אין די בלאָע פויערישע אויגן:

— דאָ וווינט די פאַמיליע...?

— יאָ, דאָ...

— איז דאָס פריילין אין דער היים?

די דינסט האָט נישט געענטפערט, זי האָט נאָר א שפּרונג־געטון מיט א ווייכן קלאַפּ פון אירע שווערע, באָרוועסע פיס און א רוף־געטון:

— „באַרישניא"... דאָ פרעגט זיך א „באַרין"...

דערויף האָט זיך באַוויזן א באַיאָרטע פרוי מיט גראָלעכע האָר, מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן. זי האָט א מינוט געקוקט אויף מיר איבערראַשט און מיטאַמאָל זיך זיס צעשמייכלט:

— אַך, דאָס איז געווים דער הער... וואָס האָט געבראַנגט דעם בריוו... פון מישאַן... זייט אַזוי גוט, „פּאָזשאַלוּיסטאַ"... קומט ווייטער... איך בין די מוטער, אַך, א שאָד... מיין טאָכטער... זי האָט געוואָלט צו אייך אַריינגיין... מיר זענען אייך אַזוי דאַנק־באַר, ביטע... זיצט...

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין א גרוים, בעל־הבתיש עס־צימער, מיט טונקעלע טאַפּעטן. אויף א טיש איז געשטאַנען א גרויסער סאַמאָוואַר און לויטן וואַרעמען געשמאַק האָט מען דערפילט א גוט־פאַרפונדרעוועטע, אַלטע בעל־הבתישקייט.

— זיצט, איך בעט אייך, אָט דאָ אויף דער סאָפע, וועט אייך זיין באַקוועמער... אפשר טיי... וואַרקאַ! איז זי נישט גע־ווען ביי אייך, מיין טאָכטער?... זעט, א שאָד, וואָס איר האָט זי נישט געטראָפן. וואַרקאַ, טו א לויף צו די ליבערמאַנס, צי איז דאָרט די „באַרישניא" נישטאָ... אָדער צו דעם דאָקטאָר... זאָג, זי זאָל שוין קומען... מען וואַרט אויף איר... אַך, וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטער גאַסט... א גאַנצן טאָג רעדן מיר וועגן אייך... ס'טייטש מישאַס א גוטער פריינט!...

זי האָט געעפנט אַ זייטיק צימער און עטלעכע מאָל אויס־געשריגן:

— מאַטיאַ... מאַטיאַ... קום אריין, מיר האָבן אַ גאַסט.

אין אַ מינוט אַרום איז אויף דער שוועל פונעם צימער גע־שטאַנען אַ איד פון אַ יאָר 50, אַ הויכער, אַ טרוקענער, מיט אַ פיין שוואַרץ בערדל און דינע, גאָלדענע ברילן, מיט יונגע, רויטע ליפן. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ לאַנגן שלאָף־ראָק און איז, זעט אויס, אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ דרימל.

ער האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ שווערע, טרוקענע האַנט, פאַרריסן דעם קאָפּ און אַ זאָג־געטון מיט אַ טונקעלער שטים:

— „אַטשען ראַד"... ווען זשע זענט איר אַהערגעקומען?... זענט איר דאָך מיד פון וועג... אפשר זיך צולייגן?

ער איז געווען זייער צופרידן. מיר איז אויך געוואָרן גוט. נאָר איין משונהדיק געפיל האָט מיך געפּלאָגט: דאָס, וואָס כ'האָב קוים געדענקט דעם נאָמען פון דעם חתן, פון דעם פרעמדן סטו־דענט, פון וועלכן איך האָב גאָרנישט געוווּסט. האָב איך מיך אויפגעהויבן און שטיל געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך... איך פאָר שוין אָפּ. איך האָב נאָר גע־וואָלט אייך אָפּגעבן אַ לעבעדיקן גרוס... פון... פון אייער חתן... איך האָב אים געזען, נו... און...

דאָ זענען ביידע צו מיר צוגעלאָפן און מיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— וואָס הייסט, איר פאָרט אַוועק... און מיר ווילן אייך אַזוי אָפּלאָזן... „גאָלובטשיק"... מישאַ איז אַ פריינט, וואָס הייסט?... ער איז דאָך ביי אונז אַזוי ווי אַן אייגן קינד, און זיינס אַ נאָענ־טער פריינט...

איך בין געשטאַנען און נאַריש געשמייכלט, נאָר זיי האָבן מיך מיט ליבע צוריק אוועקגעזעצט, צוגענומען ביי מיר דעם הוט, וואָס כ'האָב געהאַלטן אין דער האַנט, און די פרוי האָט אין איין מינוט פון ערגעץ אָנגעהויבן אַרויסשטעלן אויפן טיש געבעקס, זיסקייטן און „וואַרעניע". מען האָט מיך מיט כוח אוועקגעזעצט

צום טיש, דער אַלטער האָט געבּרענגט ציגאַרן, און די מוטער איז נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן, זוכנדיק מיט וואָס מיר צו דינען.

דער אַלטער האָט געקוקט אויף מיר דורך די גאָלדענע ברילן. ער האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אינם פאָטעל, און שפּילנ־דיק מיט זיינע לאַנגע ווייסע פינגער פון אַ נגידישן גאַרנישט־טון האָט ער אַ פרעג־געטון, שאַרף סיקנדיק די ווערטער מיט זיינע רויטע, ווייבערישע ליפּן.

— איז וואָס זשע מאַכט ער דאָרט, מישאַ? ער לערנט, האַ?... איר לערנט צוזאַמען אפשר?

— ניין... איך לערן שוין נישט... אייגנטלעך בּין איך דאָ געקומען צוליב מיינע געשעפטן... נאָר כ׳האָב אים געזען...

— וואָס הייסט, געזען... ער שרייבּט דאָך דאָ צום בּריוו, אַז איר וועט אונז אָפּגעבּן אַ גרוס... און מישאַס אַ פריינט איז דאָך אונז שוין אַן אייגענער, ווי זשע זעט ער אויס?... האָט ער זיך פאַפּראַוויעט? דאָס לערנען נאָגט אויס דעם מאַרך... וואָס זשע זאָגט איר... ער מאַכט עפּעס פאַרשריטן?...

— יאָ... — האָב איך געזאָגט — ער זעט גוט אויס... ער...

איך האָב געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, איך האָב געוואָלט מיך דערמאָנען, אפשר האָט ער מיר נאָך עפּעס געזאָגט און איך האָב צוגעגעבּן:

— ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס איך פאָר אַהער...

און איך האָב מיך אַרומגעקוקט איבּער דער שטוב.

פון אַלע ווינקעלעך האָט אַרויסגעקוקט אַ וואַרעמע זאַטקייט און בּאַקוועמקייט. דאָס אַלטע מעבּל איז געווען, ווי צוגעמויערט צו די ווענט און דער סקריפּענדיקער דיל האָט געגלאַנצט מיט אַ היימישער אויסגעטרעטנקייט.

מיר זענען געזעסן שטיל אַ מינוט. דאָס האָט מען, זעט אויס, געוואַרט, איך זאָל דערציילן עפּעס וועגן מישאַן. צום סוף האָט דער אַלטער ווידער אָנגעהויבּן:

— אַזוי, אַזוי... וואָס־זשע וועט איר אונז נאָך דערציילן?...

— יאָ... — האָב איך ווידער אָנגעהויבּן — האָב איך אים געזען. זייער פיין...

— און וואָס איז מיט זיינע אויגן?... וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר? — האָט געפרעגט די אַלטע.

— נישט שלעכט — האָב איך געענטפערט — ער באַקלאָגט זיך נישט...

און כדי אונטערצוהאַלטן דעם געשפּרעך, האָב איך צוגעגעבן:

— אַ פיינער יונגערמאַן...

— וואָס הייסט, אַ פיינער יונגערמאַן?... דאָס איז דאָך אַ מלאך... גאָט זאָל העלפן, ער זאָל שוין ענדיקן...

— ער וועט ענדיקן... — האָב איך צוגעברומט.

דערווייל איז צוריקגעקומען די דינסט און דערציילט, אַז זי האָט די באַרישניע אומעטום געזוכט און זי נישט געפונען.

די מוטער איז געווען אויסער זיך:

— אַך, אַזאַ „דאַסאַדע"!... אַ מיידל זאָל פאַרפאַלן ווערן!...

זי האָט זיך אַלץ פאַרענטפערט פאַר מיר:

— איר פאַרשטייט, ס'איז איר אומעטיק... אַ קליינע שטאָט.

מיר איז אָבער געווען אַ ווונדער, וואָס, ווייסנדיק, אַז איך ברענג איר אַ גרוס פונם חתן, האָט זי זיך נישט באמת מיט מיר צו טרעפן. איך האָב צוגעטרונקען דאָס גלאָז טיי און ביסלעכווייז זיך געקליבן אַוועקגיין:

— נו, איך וועל שוין גיין...

דאָ איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ רעש אַרום מיר. די מוטער, דער פאָטער האָבן זיך אויפגעהויבן און מיר פאַרשטעלט דעם וועג. אין דער זעלבער מינוט זענען אַריינגעקומען עפּעס אַ יונגערמאַן מיט אַ שמייכלענדיק ווייבל, וואָס האָבן באַלד גענומען אויף מיר קוקן מיט ברייטע, פריינטלעכע שמייכלען. דאָס זענען אויך געווען מענטשן פון דער משפחה, און אַלע צוזאַמען האָבן אויף־אַמאָל גענומען רעדן:

— וואָס איילט איר אייך? די פּאָגאָדע איז שיין... און ס'מיידל וויל אייך זען, אַז ס'גייט איר אויס דאָס חיות... זיצט, מיר האָבן געשיקט זאָגן אונזערע פריינט און דער משפחה... דערווייל וועט אָנקומען אונזער טאָכטער.

עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע מיינע טענות, אַז איך מוז היינט פאָרן. עס זענען אָנגעקומען מענטשן און מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום מיר, ווי אויף אַ שמחה, און יעדער באַזונדער האָט אויפסניי אָנגעהויבן פרעגן אויף מישאַן. דאָסמאָל האָב איך געזען, אַז איך וועל שוין מיט איינציקע ווערטער נישט אָפּקומען, האָב איך אָנגעהויבן צוטראַכטן נייעסן פון דעם יונגנמאַן, אַז מיר זעען זיך יעדן טאָג, אַז מיר זענען די בעסטע פריינט און אַלץ, וואָס ס׳איז מיר נאָר געקומען אין קאָפּ אַריין. מען האָט מיך אויסגעפרעגט, צי ער האָט דערהאַלטן די „פּאָסילקע", צי ס׳האָבן אים געשמעקט די המן־טאַשן, צי די פּוטער איז געווען פריש, און איך האָב אויף אַלעם געמוזט געבן אַ קלאָרן ענטפער...

אַזוי זענען דורכגעלאָפן עטלעכע שעה און דאָס פריילין איז אַלץ נישט געקומען. איך האָב אָבער געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל שוין היינט נישט פאָרן, און איך בין אַוועקגעגאַנגען אונטער די פריינטלעכע באַגלייטונגען פון אַ צענדליק מענטשן.

מיר האָט זיך אָבער נאָך נישט געוואָלט גיין אין האָטעל, האָב איך עטלעכע מאָל דורכשפּאַצירט דורכן בולוואַר, וווּ מען האָט נאָך געזען גרופּעס יונגעלייט און מיידלעך, און ערשט אין שפּעטן אָוונט בין איך געקומען אין האָטעל. ווי נאָר כ׳האָב אָבער איבערגעטרעטן די שוועל, האָבן מיר דער אייגנטימער מיטן אינגל פאַרשטעלט דעם וועג, און מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט איבערגעגעבן, אַז דאָ האָט מיך געזוכט דאָס פריילין. זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט מיך נישט געטראָפן, און געזאָגט, אַז זי וועט זיין אינדערפרי.

איך האָב שוין וועגן אַוועקפאָרן נישט געקלערט. דאָס פריילין האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר, ווי אַ רעטעניש. מיך האָט שוין געריצט אָט דאָס פאַרכישופטע ראַד, וואָס דרייט זיך צווישן אונז און לאָזט זיך אונז נישט באַגעגענען. און ווידער האָט זיך מיין שלאָף איבערגעריסן. פאַרטאָג, ווען די זון האָט זיך נאָר פאַרנומען, האָב איך שוין נישט געקאָנט מער איינשלאָפן און געוואָרט. איך האָב מיך אָנגעטון, זיך געבראַכט אין אָרדענונג, גע־

היסן אויפרוימען דאָס צימער און זיך צוגעגרייט צו באַגעגענען דאָס מיידל. אַזוי איז אָפּגעלאָפן ביז צוועלף אַזייגער בייטאָג. איך האָב געזען, אַז מיין וואַרטן איז אומזיסט, אַז זי קאָן נישט קומען אויך. האָב איך באַשלאָסן צום לעצטן מאָל צוגיין צו דער שטוב זיך געזעגענען און אַוועקפאָרן. איך האָב באַצאָלט אין האָטעל און אַרויס אויף דער גאַס. איך האָב נישט געוואָלט אַוועקפאָרן אומגעזעגנט מיט די מענטשן, וואָס האָבן מיך אַזוי וואַרעם אויפגענומען. דעם אמת געזאָגט, אָבער, בין איך געווען נייגיריק צו זען דאָס פריילין, וואָס איז אַזוי אומדערגרייכבאַר. איך האָב געוואָלט האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן איר פּנים, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז דער יונגערמאַן, דער חתן, וועט מיך אויפזוכן, אפשר וועט מען מיר מיטגעבן אַ בריוו. דאָס האָט מיך פאַרבונדן, און איך האָב אַ דריי געטון דאָס גלעקל.

— דאָס פריילין איז דאָ? — האָב איך שוין געפרעגט זאַכלעך.

מ'האָט זיך אַ לאָז־געטון זי רופן איבער אַלע שטיבן. אַלע זענען געווען זיכער, אַז זי איז דאָ ערגעץ פאַראַן. אַט אפשר אין גאָרטן? אפשר אין שלאָפצימער? זי איז אָבער ווידער אין ערגעץ נישט געווען.

איך האָב מיך גענומען ענדגילטיק געזעגענען — און ווידער האָבן אַלע, דער פאָטער, די מוטער, עפּעס אַ יונגערמאַן, וועלכן איך האָב נאָך דאָרט נישט געזען און אויך אַ שכנטע, מיך געגלעט און באַשוווירן, איך זאָל נאָך בלייבן, כאָטש ביז איבער מיטאָג:

— מיר זענען געווען זיכער... מיר האָבן זיך געריכט אויף איך... זי דאַרף שוין אַריינקומען.

און אינמיטן פון דער גאַנצער סצענע, פון בעטן און פריינטלעכן געזעגענען זיך, איז געוואָרן אַ געשריי:

— זי איז דאָ! די באַרישניאַ איז געקומען!...

— פריילין בעלאַ איז געקומען!...

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט פון דערוואַרטונג, ביז־

וואַנעז דאָס פּריילין האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פונם צווייטן צימער.

*

דאָס איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר פינף־זעקס און צוואַנ־ציק מיט אַ סך שווערע, געקרויזטע האָר. זי האָט געהאַט הויך־אַרויפגערוקטע, דינע, שאַרף־אָנגעצייכנטע ברעמען מיט ווייכע, טונקל־אַרומגעשאָטנטע אויגן און אַ פולבלוטיק, זאַפטיק מויל. זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר מיט אַ בלייכן שמייכל און פאַררייסנדיק דעם קאָפּ, מיר דערלאַנגט אַ וואַרעמע, פולע, גלאַטע האַנט:

— אַך, אַנטשולדיקט... „פּראָסטיטיע"... איך בין אַזאַ צע־שטריטע... איר מוזט מיר אַנטשולדיקן מיין ווילדע האַנדלונג... מיט מיר קומען אָפט פאָר אַזעלכע פאַטאַלע פאַרוואַנדלונגען...

זי האָט געקוקט אויף מיר מיטן פולן גלאַנץ פון אונטער אי־רע לאַנגע, ווייכע וויעס און פאַרשאַרצט אירע פרישע, פייכטע ליפּן.

אַרום אונז זענען געשטאַנען די שטוב־מענטשן און געקוקט. מיט איר אַריינקומען האָט זיך אויפגעהויבן אַ נייער אינטערעס צו מיר, די מוטער האָט געהאַלפן זי פאַרענטפערן.

— איר ווייסט נישט דערפון?... מ'איז יונג, לויפט אַרום אַ ווינט אין קאָפּ...

און ווידער בין איך געשטאַנען און כמעט פאַרגעסן, וואָס עס האָט מיך דאָ אַהערגעבראַכט. איך האָב קוים געדענקט דעם בלייכן יונגנמאַן, דעם סטודענט מישאַ, מיט זיין בריוו, מיט דעם גרוס. אַרום האָט מען זיך געפּאָרעט, מ'האָט געגרייט צום מיטאָג. דאָס פריילין איז פאַרשוווּנדן און באַלד צוריקגעקומען איבערגע־טון אין אַ העל, לייכט קליידל. דער פאָטער איז שוין געזעסן פון אויבנאָן און דאָס מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן. קעגנאיבער מיר איז געזעסן ס'מיידל. זי האָט אַ מינוט געקוקט אויף מיר און פּלוצ־לינג מיט אַ פרייען, פריילעכן טאָן אַ פרעג־געטון:

— נו, וואָס־זשע הערט זיך ביי מישאַן?... — און אַ לייב־

טע פאַרב איז אַרויסגעטרעטן אויף איר געזיכט, — זייט מיר מוחל, וואָס כ'וועל אייך דערעסן מיט פראַגן.

איך האָב פּשוט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. דאַן האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער:

— לאָז דעם מענטש אָפּעסן, דערנאָך וועט איר זיך נאָך אויסשמועסן. איר וועט דאָך נישט זאָרן פריער, ווי ביינאַכט אייער צוג גייט־אָפּ שפּעט...

— אַך, אַנטשולדיקט! — האָט דאָס פריילין אויסגעשריגן און זיך צעלאַכט.

מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַנדערע זאַכן, וועגן דער שטאָט, פון וועלכער איך בין געקומען, וועגן דעם, מיט וואָס איך פאַרנעם זיך, און ביסלעכווייז איז מען ווידער אַרויף אויף דעם גע־שפּרעך וועגן מישאַן: אַז ער דאַרף אָפּהיטן די אויגן, אַז ער האָט שוואַכע אויגן...

איך האָב אַלץ פאַרזיכערט, אַז די אויגן זענען ביי אים גוטע און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ צופרידנקייט ביי די אַלטע. אַזוי האָט מען אָפּגעגעסן מיטאָג, אַ זאַטן, בעל־הבתישן מיטאָג. דער פאָטער איז אַוועק דרימלען, די מוטער איז פאַרשוווּנדן. אין צי־מער איז געוואָרן שטיל און טונקל און נאָר דורך די אָראַנזשעלאַזטע שטאָרן האָבן דורכגעקלאַפּט פאַסקעלען נאָכמיטאָג־ליכט.

— אפשר ווילט איר זיך צושפּאַרן?... — האָט די מוטער געפרעגט. און דאָס פריילין האָט, אויסציִענדיק זיך, פאַרריכט אירע האָר און לייכט געזונגען עפּעס אַ רוסישן ראָמאַנס.

איך האָב געדאַנקט.

— אויב אַזוי... — האָט געזאָגט דאָס פריילין בעלאַ — קאָ־נען מיר אַריינגיין צו מיר אין צימער, וועלן מיר שמועסן...

אַ ווייס צימער פון אַ קליינשטעטלדיקער, נגידישער טאָכ־טער, מיט אַנזיכטס־קאַרטן אויף די ווענט, מיט פּאָרטרעטן פון טאָלסטאָיען, באַטיסטינין, גאָרקין, און פאָטאָגראַפיעס פון סטו־דענטן, צווישן וועלכע כ'האָב קוים דערקענט דאָס בילד פון מישאַן. איך האָב געקוקט אויף דער בלייכער, געלבלעכער, פּראָווינצער פאָטאָגראַפיע און געוואָלט פון איר אַרויסקריגן עפּעס צו דער־

ציילן דעם מיידל. זי האָט זיך נעבן מיר אוועקגעזעצט באַקוועם אויף אַ קליינער, העלער סאָפאַ און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק שטיל געפרעגט:

— ווען האָט איר אים צום לעצטן מאָל געזען?...

איך האָב אויף איר אַ קוק־געטון. מיר האָט זיך געוואָלט איר מיטאַמאָל זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז מיין באַקאַנטשאַפט מיט מישאַן איז אַ צופעליקע, אַ נעפּלדיקע, אַז דעם מענטש האָב איך רעכט נישט געזען... מיר האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אַנ־ווערן איר וואַרעמען, פריינטלעכן בליק, און איך האָב געענטפערט, ווערגנדיק זיך מיט די קאַרגע ווערטער:

— ביים צוג... ער האָט מיך באַגלייט... דאָס הייסט, אַז ביים צוג האָבן מיר זיך צופעליק באַגעגנט, ווייל ער האָט נישט געוווּסט, אַז איך פאָר אַהער...

זי איז שטיל געבליבן, ווי ס׳וואָלט איר געוואָרן עפּעס קלאָר.

אַזוי האָט זי לאַנג אָפּגעשוויגן און שטיל געזונגען, קאַקע־טירנדיק מיטן מויל. איך האָב מיטאַמאָל געזאָגט:

— נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן?... איר ווייסט דאָך גע־ווים מער וועגן אים... מענער זענען דאָך צווישן זיך נישט אַזוי אָפּנהאַרציק... איצט, ווען איך זע אייך, קאָן איך אים בעסער, ווי פריער... ווייל איך זע זיין פאַרמעגן... איך זע, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן און איך בין אים מקנא.

זי האָט זיך פּלוצלינג צעלאַכט:

— איר זענט אים מקנא?...

— יאָ, איך בין זיך מודה...

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פריידיקע שמייכלען:

— ער האָט מיט אייך קיינמאָל נישט גערעדט וועגן מיר?

איך האָב מיך דערשראָקן פאַר דער פּלוצלינגער פראַגע.

— ער איז אַ באַהאַלטענע נאַטור, מישאַ... — האָב איך געזאָגט.

— אַ באַהאַלטענער?... מיר דאַכט זיך, אַז — נישט...

— נו, פאַרשטענדלעך, אַז... ער האָט מיר געזאָגט וועגן אייך... אָבער דאָס איז דאָך נישט אַלעס...

צום סוף האָב איך איר געזאָגט אַ סך וועגן דער גרויסער שטאָט. מיינע דערציילונגען האָבן זי אויפגעברויזט, פון צייט־צו־צייט האָט זיך נאָך דורכגעפלאָכטן אין געשפּרעך דער נאָמען מי־שאַ, אָבער אַלע מאָל זעלטענער, זי האָט געוואָלט, איך זאָל איר דערציילן פון זיך. און מיר האָבן זיך מיטאַמאָל דערמאָנט שיינע און טרויעריקע איבערלעבונגען, וועלכע איך האָב צוגעגעבן אַ פּאָעטישע פאָרם. זי האָט מיר געגלויבט און זיך איבערגענומען מיט מיינע דערציילונגען.

עס איז שוין געווען גוט טונקל אין צימער, ווען עס האָבן זיך דערהערט שטילע טריט און אַ קלאַפּ אין דער טיר, די מוטער האָט מיט לייכטנדיקע אויגן געעפנט די טיר און געזאָגט:

— בעלאָטשקאַ, בעט דעם גאַסט טרינקען טיי, דער סאַ־מאָוואַר איז שוין אויפן טיש...

עס האָט זיך נישט געגלוסט אויפצוהויבן פון דער סאָפע און איבעררייסן די שטילע, מילדע שעה פון רואיקן, פּראָווינצער פאַרברענגען.

דאָס מיידל האָט דאָס אַראָפּגעלייענט פון מיין געזיכט און מיט אַן אַנטציקטן שמייכל מיר אַריינגערעדט אין די אויגן:

— מיר וועלן נאָך שמועסן, אמת?... איר וועט דאָך זיך נישט איילן...

און זי האָט מיך לייכט אַ כאַפּ־געטון אונטערן אָרעם.

*

עס האָט געזאָטן אַ גרויסער, נגידישער, ניקלנער סאַמאָוואַר און צעטראָגן אַ בלאַנקענדיקע, געשמאַקע, וואַרעמע ריינקייט. אַרום,ביים טיש, איז שוין געזעסן דער פאָטער און געלייענט אַ צייטונג:

— נו, טאָכטער, האָסט עפּעס אָפּגענומען גוטע גרוסן?— האָט ער געפרעגט.

— יאָ, פּאַפּאַ — האָט זי געענטפערט, אַ ווינק טוענדיק צו מיר — מיר רעדן די גאַנצע צייט וועגן מישאַן.

און אונזערע בליקן האָבן זיך ווידער געטראָפן.

ווידער זענען צום טיי זיך צונויפגעקומען עטלעכע מענטשן פון דער משפחה און פון שכנים, און ווידער איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן געשפּרעך און אויספרעגעניש וועגן מישאַן.

ווען מ'איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט שוין געברענט אַ לאָמפּ, נאָר דורכן פענסטער האָט מען נאָך געזען פאַסן ליכ־טיקן הימל. דעמאָלט האָט זיך פרייליין בעלאַ געווענדט צו מיר:

— אפשר וואָלטן מיר זיך אַביסל דורכשפּאַצירט דורכן בולוואַר? ס'איז אַזאַ שיינער אָוונט!

און מיר זענען, באַגלייט פון געטרייע בליקן, אַרויס פון דער שטוב.

די לאַמטערן אין דער לענג פונם בולוואַר האָבן געבלינצט אין אַ לילאַ־טויאיקן נעפּל. ערגעץ האָבן געשפּילט מאַנדאָלינעס און פון די אַרומיקע פעלדער און גערטנער האָט זיך געטראָגן אַ זיסער ריח פון קנאָספּן און גראָז. מיר זענען געגאַנגען, פילנ־דיק איינער דעם צווייטנס קרעפטיקע טריט, אין איין ריטם.

— קומט, מיר וועלן גיין צום שלאָס...

און זי האָט מיך געפירט דורך אַ געדיכטן, שמאָלן וועג צווישן אַלטע ריזן־ביימער. פונדערווייטנס האָבן זיך געצייכנט שפּיצן פון רואינען, ווי צעבראָכענע פליגל. אַ טיפע, זיידענע טונקלקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט און אַ שטילקייט פון אייבי־קייט האָט אונז אַרומגעהילט.

קלעטערנדיק אויף בערגלעך און שטעגלעך צווישן די חורבות, האָט זי מיך אָפּט געכאַפּט אונטערן אָרעם, פון וואָס עס האָט אַריינגעשטראָמט אין מיר אַ פאַרלאַנג איר אָרעם צוצודריקן, זי האָט אָבער אין דער מינוט פאַרטראָגן אַרויסגערעדט:

— אָט דאָ שפּאַצירן מיר מיט מישאַן אָפּט...

מיך האָט אָנגעהויבן רייצן אָט דער נאָמען מישאַ, דער פרעמדער מענטש, וואָס איז דאָ געשטאַנען צווישן אונז. זי האָט אָבער דעם נאָמען דערמאָנט ביי יעדער געלעגנהייט. זי האָט גע־

רעדט וועגן זיין גוטסקייט, וועגן זיין איבערגעגעבנקייט, און אלע מאל צוגעגעבן:

— איר ווייסט נישט, וואס פאר אן אויפריכטיקער ער איז... וואס פאר א גוטער...

ווען מיר זענען צוריק אריין אין דער הויפט־גאס פון דער שטאט, האט זיך שוין אויפגעהויבן א שפעטע לבנה. די גאס איז געווען פול מיט מענטשן. זי איז ווידער געגאנגען הארט נעבן מיר, און מיר האבן געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון אלע שפאצירנדיקע, וואס האבן שוין, זעט אויס, פון מיר געוווּסט און, פארלויפנדיק פאראויס, מיר אריינגעקוקט אין די אויגן.

גייענדיק, האב איך באשלאסן היינט אין שפעטן אוונט אפצופארן. דאס האלטן זיך נעבן דער שטוב האט מיך אנגעהויבן מיד מאכן. עס איז נאך אבער געבליבן א פאר שעה צייט. כדי די צייט זאל פארלויפן און כדי מיט עפעס אפדאנקען פאר דער גאסטפריינטלעכקייט, האב איך מיך פארהאלטן נעבן א באלויכטענער קאפע־טיר.

— איר וועט מיר נישט אפזאגן... אויף א גלאז קאווע... פאר מיין אפפארן?...

— אויב איר וועט זיך נישט אפזאגן נאך היינט ביי אונז אפצועסן אוונט־ברויט... — און זי איז מיט גראציע און צוגעוווּנטער פרייקייט אריין אין קאפע.

אין דער קאפע איז כמעט ליידיק געווען, ביי א טישל זענען געזעסן עטלעכע מיליטער־לייט. דער קעלנער האט אונז דער לאנגט קאווע מיט געבעקס און דרימלענדיק געווארט ביים בופעט

מיר זענען געזעסן און געשמועסט ביי דער קאווע. זי האט מיר דערציילט, אז זי קומט אמאל דא אין דער קאפע מיט חבר־טעס און באקאנטע, אבער נישט מיט יעדן גייט זי אהער — האט זי צוגעגעבן מיט א פראווינצער באחנטקייט. דערביי האט זי געוואלט, איך זאל וויסן, אז זי איז נישט אזא שטוב־זיצערין, און צום סוף האט זי אויסגעשאסן:

— נאר זאגט נישט דארט מישאן, ער וועט זיין אייפער זיכטיק.

נאָך דעם האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס קאַפע. איך האָב גע־פּרוּווט זיך אָפּבעטן, אַז מיר איז שוין צייט זיך צו גרייטן אין וועג אַריין, דער צוג גייט אָפּ אין צוויי שעה אַרום. זי האָט מיך אָבער געהאַלטן פאַרן וואָרט. איך מוז נאָך בײַ זיי אָפּעסן אָוונט־ברויט. אַלע וואַרטן אויף אונז.

— נו, און איר מוזט דאָך מיטנעמען גוטע זאַכן פאַר מישאַן... די מאַמע האָט דאָך צוגעגרייט... איר וועט דאָך נישט אָפּזאָגן...

און מיר זענען געגאַנגען אַהיים.

און ווידער בין איך געזעסן בײַם טיש און מ'האָט גערעשט אַרום מיר. דער טיש איז געווען יום־טובדיק געדעקט און ס'האָט זיך געפילט, אַז דער אָוונט־ברויט איז אַ ספּעציעל־געגרייטער. דאַסמאָל זענען אויך געקומען עטלעכע מענטשן פון דער משפחה, עפּעס אַ חתן מיט אַ כלה און אַ יונגערמאַן מיט אַ ווײַב. אַלע האָבן געקוקט אויף מיר און געשיקט גרוסן פאַר מישאַן.

מ'האָט גערעדט וועגן בילדונג. דאָס כלה־מיידל האָט פאַר־מסרט דעם חתן, אַז ער לאָזט זי נישט פאָרן אין שטאָט אויף קורסן. דער חתן האָט געטענהט, אַז ער דאַרף נישט קיין געביל־דעט ווײַב, ער האַלט נישט דערפון. ער האָט געדינט אין אַ וואַלד אַלס „פּריקאַזטשיק" און האָט געטראָגן גלאַנציקע שטיוועלעך מיט אַ היטעלע איבער די אויגן.

די פּריילין בעלאַ איז געזעסן נעבן מיר. זי האָט געשוויגן, געווען פאַרקלערט און אַלע מאָל אַ זיפץ געטון.

— זי זיפצט, נעבעך — האָט זיך אָנגערופן די מוטער — זי וואָלט אוודאי אויך געוואָלט זיך אַראָפּכאַפּן אין שטאָט אַריין צו מישאַן... אמת, טאָכטער?...

די טאָכטער האָט דערויף נישט געענטפערט. זי האָט נאָר געקוקט אויף מיר מיט אַ שפּילנדיקן בליק. באַלד דערויף האָט זיך די בעל־הביתטע געווענדט צו מיר:

— ווילט איר טאַקע הײַנט פאָרן?... טאָמער ווילט זיך אײַך נישט — קאָנט איר בלײַבן ביז מאָרגן... שלאָפן וואָלט איר געקאָנט בײַ אונז...

איך האָב מיך עפּעס, ווי פאַרשעמט פון זייער צוגעלאָזנ־קייט — און נישט באַשטאַנען:

— ניין... אַ דאַנק... דאָס איז שוין באַשטימט... איך פאָר היינט!

— דאָס וועלן מיר נאָך זען... — האָט זיך פּלוצלינג דער־הערט בעלאַס שטים.

זי האָט אַ לאַנגן בליק געטון אויף מיר פון אונטער אירע פאַרטונקלטע וויעס.

עס איז שוין געווען שפּעט. אָבער עס איז אוממעגלעך גע־ווען איבערצורייסן די געמיטלעכקייט אַרום מיר ביים טיש. איך בין שוין באַשטאַנען צו פאַרבלייבן איבער נאַכט אין דער שטוב. אָבער כ'האָב עס נישט געוואָלט. דאָס געפיל, אַז איך בין אַ פרעמדער מענטש, כמעט אַן אומבאַקאַנטער, האָט מיך געפּיי־ניקט, ווי כ'וואָלט באַגאַנגען אַ גנבה.

נאָך דעם זאַטן אָוונט־ברויט בין איך אַרומגענומען גע־וואָרן מיט יענער רואיקער מידקייט, וואָס נייגט צו אַ ווייכער סאָפע.

— נו, מיר איז שוין צייט — האָב איך מיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט און, אַרויסנעמענדיק דעם זייגער, צוגעגעבן:

— מיר איז געבליבן פופצן מינוט...

— איר וועט שוין נישט באַוויזן... — האָט פריילין בעלאַ אויסגעשריגן, און איז מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן.

— אויב ס'איז אייך נישט אַזוי שטאַרק נויטיק — האָט זיך אָנגערופן דער פאָטער — וואָס־זשע דאַרפט איר לויפן?... אפשר מאָקע בעסער מאָרגן?

— מאָרגן... מאָרגן... — האָבן אַלע אויסגערופן און דער בחור מיט די שטיוועלעך האָט מיר אפילו אַ קלאַפּ־געטון איבער דער פּלייצע.

— בלייבט ביי אונז, וועט מען נאָך אַביסל שמועסן...

די מינוטן זענען דערווייל געלאָפן און מיר איז מיטאַמאָל גוט געוואָרן דערפון, וואָס איך דאַרף איצט נישט איילן צום צוג און אַרומקוקנדיק די פּנימער פון אַרום טיש, האָב איך

דערזען: אַלע זענען צופרידן פון מיין פאַרבלייבן, און דאָס געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי. ס'איז געוואָרן פריילעך. דער חתן האָט אָנגעהויבן דערציילן אַנעקדאָטן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשריבן אין אַ ביכעלע. און נאָך יעדן וויץ האָט דאָס כלה־מיידל מיט טריאומף אַ זאָג געטון:

— איי, איז דאָס אַ „משומד"!...

בעלאַ איז געזעסן נעבן מיר און ווען איך האָב אַ קוקגעטון אויף איר — האָב איך אין איר דערזען אַ מאָדנעם יום־טובדיקן גלאַנץ. זי האָט געפּעכלט מיט אַ בליציקער פייערלעכקייט. און דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט מיך אַ ציי־געטון אַ נאָענטקייט צו איר.

ווי דורך אַ נעפּל האָב איך געזען, ווי די געסט זענען זיך צעגאַנגען. דער פאָטער איז נאָך געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר, און נאָר די מוטער מיט דער דינסט האָבן זיך געפּאָרעט. דאָס האָט מען געגרייט אין אַ זייטיקן צימער אַ נאַכטלעגער. איך בין געזעסן מיט דער פריילין בעלאַ און מיר האָבן גערעדט מיט האַלבע ווערטער. זי האָט געזאָגט:

— איר ווילט דאָך נאָך נישט שלאָפן... אמת?...

— ניין — האָב איך געזאָגט — איך וואָלט נאָך געקאָנט אַזוי זיצן ביז טאָג. אַזוי גוט און רואיק איז ביי אייך...

— נו, בין איך צופרידן... — האָט זי אויפגעלויכטן. און, אויסציענדיק זיך מיט די הענט אין דער הויך, האָט זי אַ שפּאַן־געטון איבערן צימער, דערביי האָט זיך בולט אויסגעשניטן איר שלאַנק מיידלש געשטאַלט.

— פּאַפּאַ... נאָך וואָס דאַרפסטו אָנשטרענגען די אויגן? גיי, לייג זיך...

דער פאָטער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן:

— נו, אַ גוטע נאַכט...

און ער איז פאַרשוווּנדן אין אַ צווייטן צימער. מיר האָבן זיך געזעצט אויף דער סאָפע. מיר האָבן געשוויגן.

*

מיר זענען לאַנג אַזוי געזעסן, ווי מיר וואָלטן געוואַרט אויף עפּעס. בעלאַ האָט שטיל געזונגען עפּעס אַ רוסישן ראָמאַנס. זי האָט, זעט אויס, געבענקט. עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטילער. מ'האָט נאָר געהערט די ווייכע טריט פון דער מוטער, וואָס האָט אַרומגעשוועבט איבער די שענק און שופלאָדן, ווי אַ גרויסער, ווייכער שטוב־פויגל. מיטאַמאָל האָט זי זיך באַוויזן אין עס־צימער און שטיל, מיט לויכטנדיקע אויגן געזאָגט:

— נו, אייער געלעגער איז שוין פאַרטיק... טאָכטער, ווילסט נאָך אַביסל שמועסן?...

און זי איז אַוועק.

פריילין בעלאַ האָט אָפּגעשפּאַרט דעם לאָדן, און מיטאַמאָל האָט זיך אַ גרינע, דורכזיכטיקע ליכט פון דער לבנה אַ גאָס־געטון אין צימער אַריין.

— אַך, ווי שיין! — האָט בעלאַ אויסגעשריגן און אויס־געלאָשן דאָס ליכט.

דאָס גאַנצע צימער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ בלאָ־געלבלעכער ליכטיקייט. זי האָט אויפגעשטופּט דאָס פענסטער און אַ קילער, שמעקנדיקער שטראָם לופט האָט זיך אַריינגעטראָגן.

מיר זענען ביידע געשטאַנען ביים פענסטער מיט פאַררי־סענע קעפּ צו דער בלאָער הויך.

מיטאַמאָל האָט זי געזאָגט:

— קומט אַרויס אויף דער וועראַנדע... עס איז אַזוי שיין...

זי האָט מיך דורכגעפירט דורך אַ שמאָל פּאָדערהייזל און איז אַריין אין אַן אַלטאַנע מיט געגלאָזטע ווענט, ווו די לבנה־ליכט האָט זיך געגאָסן פון אַלע זייטן. זי האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אַלטער לעדערנער סאָפע און אַליין, איינגאַנצן אַ באַגאָ־סענע מיט בלויער ליכט, זיך געזעצט נעבן מיר.

— לייגט אייך, וועט אייך זיין באַקוועמער — האָט זי גע־זאָגט און, אויפהויבנדיק הויך אירע קני, האָט זי זיי אַרומגע־כאַפּט מיט אירע הענט.

— אין אַזעלכע נעכט קאָן מען משוגע ווערן...

— יאָ, עס איז שיין — האָב איך געענטפערט.

— ווען מישא איז געווען דאָס לעצטע מאָל, האָבן מיר אויך געהאַט אַזעלכע נעכט...

איך האָב געשוויגן.

— ער האָט אייך גאָרנישט דערציילט? ער זאָגט, אַז איך בין צו־פּאָעטיש... עס קאָן זיין... אין אַזעלכע נעכט פאַלט אויף מיר אָן עפּעס אַ טרויער... אָך, זאָגט, איר האָט אים ליב, מישאַן?...

— יאָ, ער איז אַן אײדעלער מענטש — האָב איך גע‏ענט־פערט פאַרטראַכט.

— נו, האָב איך אייך ליב דערפאַר — האָט זי מיר פּלוצ־לינג די האַנט אַ דריק־געטון.

— לאָמיר אים ביידע ליב־האָבן... — האָט זי אַרויסגע־רעדט פאַרטראָגן — אָך, זייט מיר מוחל... איך בין אַזאַ ווילדע!

און זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין שוים.

איך האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ איבער אירע געדיכטע, פייכ־טע, קילע האָר, וואָס האָבן געאָטעמט מיט דער פרישקייט פון טוי, און אַליין נישט־וויסנדיק ווי אַזוי, האָט זיך מיין האַנט לייכט איבערגעגליטשט איבער איר קאָפּ.

זי האָט אַ ציטער־געטון און זייטיק אַ לאַנגן, שאַרפן בליק אויף מיר געוואָרפן:

— לאָמיר רעדן וועגן מישאַן...

איך האָב נישט געענטפערט.

— איר ווייסט, ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַקענט מיט אים?... ביי באַקאַנטע. מיר האָבן דיסקוטירט... ער האָט זייער אינטערעסאַנט גערעדט. מיר איז עס געפעלן געוואָרן... אָבער פאַרוואָס שווייגט איר אַזוי?... אפשר ווילט איר שוין שלאָפן?...

— ניין.

— נאָך וואָס? איר בייזערט זיך אויף מיר?...

— ניין, פאַרוואָס דען?... — האָב איך לייכט אַ שמייכל־געטון און ווידער באַרירט אירע האָר.

זי האָט געמאַכט אַ צעשטרייטע באַוועגונג, ווי זי וואָלט דאָס נישט באַמערקט, און פּלוצלינג שנעל גענומען רעדן:

— אַך, ווי מיר האָבן זיך אין אָנהויב געקריגט!... איך בין קיינמאָל מיט אים נישט געווען איינשטימיק... איר הערט? מישאַ האָט מיר שטענדיק פאַרגעוואָרפן, אַז איך בין אַ פאַנטאַזיאָרקע... און איך ווידער פלעג אים רופן „פעטשאָרין"... איר געדענקט? ביי לערמאָנטאָוון... כאַ־כאַ־כאַ! נו, נו, רעדט עפּעס! איך האָב פיינט, אַז מען שווייגט... אַלע מענער האָבן אַזוי ליב צו שווייגן... קוקט נישט אַזוי אויף מיר...

און זי האָט איר קילע, שמעקנדיקע האַנט אַרויפגעלייגט אויף מיינע אויגן. מיין האַנט איז לייכט געלעגן אויף איר פולן, קרעפּטיקן אַקסל.

דאָס שווייגן האָט לאַנג געדויערט. איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, פילנדיק די קילע, זיידענע גלאַטיקייט פון אירע גלידער.

די נאַכט האָט געדרימלט אין בלאָען זילבער, און שטילע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבער דער שלאָפנדיקער וועלט.

מיינע אויגן זענען זיס צוגעפאַלן און איך האָב פאַרלוירן אַ שטיק צייט — איך ווייס נישט ווי לאַנג — אפשר שעהן און אפשר מינוטן — ביז וואַנען איך האָב דערהערט איר שטים:

— זעט, מיר האָבן געוואָלט שמועסן... דערציילט מיר עפּעס אינטערעסאַנטעס...

אָבער אירע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט אין פאַרטראַגנ־קייט...

*

זי האָט אויסגעזען, ווי אַ קליין, פאַרלוירן מיידל, איצט, ווען זי איז איינגעטוליעט געלעגן אין מיינע אָרעמס. איר קאָפּ איז געווען ווילד פאַרוואָרפן אָן אַ זייט און די פּאַסעקלעך ליכט זע־נען אַרומגעקראָכן איבער אירע פאַרמאַכטע אויגן, נאָז און ליפּן. ווי גלי־ווערעם. איך האָב געשפּירט דעם אָטעם, וואָס האָט גע־קלאַפּט פון איר פרישן מויל, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט־גוטע האָבן אונז פאַרנאַרט און טראָגן אונז ערגעץ אונטער דעם אומהיימלעכן ליכט צווישן הימל און ערד. עטלעכע מאָל האָט

אונז עפּעס אַ כּוח אויפגעריסן און צוריק פאַרטראָגן אין דעם זיסן דרימל.

איך האָב נישט געקאָנט מיטן מידן קאָפּ כאַפּן דעם אָנ־הויב פאָדעם פון דעם, וואָס עס האָט מיך אַהערגעבראַכט און ווי אַ דינער שטאָך אויף דער הויט, האָט געפּיקט דער נאָמען: „מישאַ"...

איך האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין אירע ווייכע אָרעמס און געקלערט וועגן די גרויסע פריידן און גליקן, וואָס ליגן צע־וואָרפן איבער אַלע וועגן פאַר דעם מענטשן. איך האָב געהערט דעם לויף פון דער נאַכט און ס'איז געווען אַ שאָד זיך צו שיידן מיט דעם ווילדן קלאַפּן פון די הערצער, מיט אירע דרימלענדיקע, דאַכט זיך, בלינדע באַוועגונגען, וואָס האָבן זי אַלץ ענגער אַריינ־געגראָבן אין מיר...

אַזוי האָט אונז אויפגעוועקט דער ליכטיקער ווייס פונם טאָג, ווי צוויי שיכורע. זי האָט מיך צוגעפירט צום ווייסן געלע־גער, וואָס איז פאַר מיר אָנגעגרייט געווען און, איבערלאָזנדיק אַ לאַנגן, זאַפטיקן קוש אויף מיינע ליפּן, איז זי פאַרשוווּנדן.

באַלד האָט זיך די זון גענומען רייסן דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס. איך בין בין שווער און קורץ אַפּגעשלאָפן און האָב גע־עפנט די אויגן אין אַ פרייען, זוניקן פרילינגס־טאָג אַריין. איך בין געלעגן מיט אויפגעריסענע אויגן און געוואַרט.

די נאַכט איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי אַן ערגעץ געזעען בילד און דער טוי פון דער נאַכט און פון איר פרישן לייב האָט אויפגעהויבן אַ גליקלעך צאַפּלען אין האַרץ. איך האָב נישט גע־ווּוּסט, ווי שפּעט ס'איז, און זוכנדיק דעם זייגער, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך ליג האַלב־אויסגעטון.

אין דער מינוט האָבן זיך דערהערט די ווייכע, באָרוועסע טריט פון דער דינסט. זי האָט אַ קלאַפּ־געטון און געעפנט די טיר:

— די „באַרישניאַ" פרעגט, צי דער „פּאַניטש" שטייט שוין אויף...

עס איז נאָך געווען פרי און כ'האָב נאָך געקאָנט אוועקפאָרן מיט דעם פרימאָרגן־צוג. אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך אָן אָנגעטוענער שוין געווען אין עס־צימער.

בײם טיש איז שוין געזעסן דער פאָטער מיט דער מוטער. מיר האָבן געטרונקען טיי. פריילין בעלאַ איז נישט געווען בײם טיש, און איך האָב נאָך געהאַט צייט זיך האַרציק צו געזעגענען מיט די עלטערן.

— אָט דאָס קליינע פּעקעלע איז פאַר מישאַן — האָט די מוטער געזאָגט. דאָס איז געווען אַ קליין קלומיקל, אַרומגעהילט מיט ווייסע לייוונט.

— איר וועט אים זאָגן, אַז דער קוכן איז נישט זייער גע־ראָטן... פאַרפאַלן! נאָר וווּ איז ערגעץ בעלאַ?...

אין דער מינוט איז בעלאַ שטיין־געבליבן אויף דער שוועל. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ לייכטן מאַנטל, אויפן קאָפּ גע־טראָגן אַ גרויסן, ווייסן הוט.

אַ לייכטע ראָזיקייט האָט באַדעקט איר פּנים, ווען זי האָט אַ קוק־געטון אויף מיר.

— מאַמאַ, איך באַגלייט אַביסל דעם גאַסט...

און מיר זענען אַרוים פון שטוב. דרויסן האָט שוין גע־וואַרט די דינסט מיט אַ דראָזשקע.

מיר האָבן זיך אויפגעזעצט און דאָס פערדל האָט גערירט. מיר האָבן געשוויגן. ערשט ווען מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן ביז עק־גאַס, האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריגן:

— דאָס פּעקל! דאָס פּעקל פאַר מישאַן!...

*

מיר האָבן פאַרקערעוועט.

און נאָכאַמאָל האָב איך געזען דאָס פריצישע הויז מיט די גרינע לאָדנס. דאָס ווייסע לייוונט־פּעקעלע האָב איך גענומען אויף די קני. מיר האָבן זיך געזעגנט אָן ווערטער, נאָר מיט לאַנ־גע. אומעטיקע בליקן, וואָס האָבן באַדויערט און צוגעזאָגט.

איך האָב איר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר קיין שום וואָרט האָט נישט אריינגעפּאַסט אין דעם בלאָען, היילקן געוויין פון דער נאַכט.

דאָס ווייסע פּעקעלע האָב איך אין וואַגאָן מיר אונטער־געלייגט צוקאָפּנס און זיס געדרימלט דעם גאַנצן וועג. און נאָר ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים וואָקזאַל פון שטאָט, האָב איך מיך געכאַפּט, אַז איך ווייס גאָרנישט דעם אדרעס פון מישאַן...

און לאַנג נאָך איז דאָס פּעקל געלעגן ביי מיר אין שטוב...

## א באגעגעניש

איך האָב זי באגעגנט מיט איר דריי־יעריק קינד, וואָס זי האָט געפירט ביי דער האַנט. כ'האָב נישט געדענקט, צי איז עס א אינגל, צי — א מיידל. זי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס כ'האָב געקאָנט נישט וויסן, אַז איר לעאָנעק איז אַ אינגעלע. זי האָט, מיט אַ בייזן קנייטש ביי אירע נאָך אַלץ שיינע ליפּן, געזאָגט מיט איראָניע:

— נו, יאָ... איר זענט דאָך אַ גרויסער מענטש... ווי קאָנט איר געדענקען אַזעלכע נאַרישקייטן...

איך האָב מיך געפילט געפּלעפט און כ'האָב איבערטריבן אויסגעלויבט איר קינד. ערשט דעמאָלט האָבן זיך אונזערע בליקן באגעגנט. זי איז געווען אומפריינטלעך, גלייך זי וואָלט מיך אָן עפּעס באשולדיקט.

איר פּנים איז נאָך אַלץ שיין געווען, נאָר די פּיס, די הענט און די פּלייצע האָבן באקומען עפּעס א קרומקייט, ווי איר קער־פּער וואָלט פון א שטאַרקן זעץ באשעדיקט געוואָרן. איר הויט האָט באקומען א טרוקנקייט, ווי עס וואָלט פון איר אראָפּ עפּעס א טוי. זי האָט דערפילט מיינע געדאַנקען און מיט אַן אומבאַ־קוועמען זשעסט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באהאַלטן, האָט זי ווידער מיט דעם שלעכטן קנייטש ביי די ליפּן געזאָגט:

— איר באטראַכט מיך, ווי אַלט כ'בין געוואָרן... יאָ, אַזוי גייט עס... די צייט לויפט...

איך האָב געוואָלט עפּעס פאַרריכטן און כ'האָב געזאָגט.

— ניין... איר האָט זיך גאָרנישט געענדערט, נאָר...

— נאָר מיאוס געוואָרן... — האָט זי געלאַכט מיט א שלעכט געלעכטער.

— ניין... נאָר מיר וואָלט זיך געוואָלט, איר זאָלט זיין פריינטלעכער צו מיר... מיר פלעגן דאָך זיך אזוי גוט באַגעגענען... איך בין אַן אַלטער אָנהענגער פון אייער שיינקייט... נו, און ווי געפינט איר מיך...

איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל זאָגן, אַז איך בין אַלט און מיאוס.

— איר?... נו, מענער דאַרפן דאָך נישט זיין שיין... כ'וויים... כ'וועל אייך זאָגן... כ'האָב מיך קיינמאָל אזוי נישט צוגעקוקט צו אייך...

זי איז געווען שלעכט. איך האָב מיך אין דער מינוט דערמאָנט: ווייט־פאַרלאָפענע טעג, פרילינגס־טעג... אַן אָנהויב פון א ליבע, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אינם לויף פון די יאָרן. דער שנעלער לויף פון דער גליקלעכער צייט האָט זיך אריינגעריסן צווישן אונז... ביידע האָבן מיר פאַרגעסן די שבועות, וואָס מיר האָבן זיך געשוווירן... ווי א חלום זענען פאַרבליבן שעהן פון זיסן ווארטן... א צאַפּל פון זיסקייט און גליק... לאַנגע שפּאַצירן... אָפּגעריסענע פון דער גאַנצער וועלט. ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז קיין שום כוח קאָן אונז נישט צעשיידן און אוועקרייסן איינער פונם אַנדערן... דעמאָלט האָבן מיר נישט געוווּסט, אַז איין אומבאַזיגבארער כוח איז דאָ, וואָס וועט אריינדרינגען צווישן אונז — אָט די נישט־געזעענע, צעשטערבאַרע קראַפט: די צייט... און איצט זענען מיר געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן און נישט געוואָגט צו רעדן, צו דערמאָנען יענע טעג אונזערע...

*

מיר זענען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן, שווייגנדיקע. איר בליק איז געווען פאַרטראַכט אין דער ווייט און אַרום איר מויל איז געלעגן אַן איינגעבאַקענער שטריך פון א באַהאַלטענער קוועל. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זי וויינט און זי לאַכט

צוזאמען. פאר מיר האבן זיך נאך אלץ אנגעטראגן פארגעסענע בילדער פון אונזערע באגעגענישן, און איך האב פלוצלינג פאר־לוירן א ווארט:

— איר געדענקט?...

— איך געדענק גארנישט — האט זי פלוצלינג אויף מיר א קוק־געטון מיט א געעפנטן, טרוקענעם בליק און באלד דע־רויף גענומען פארריכטן דעם קינדס הייזעלעך. זי האט שנעל גע־נומען רעדן צום קינד וועגן דעם, אז באלד וועט קומען דער „טאטא", ברענגען אים מתנות...

איך האב דערפילט, אז איר איז אומבאקוועם מיין גיין נעבן איר, און איך האב נישט געפונען קיין פארם, ווי אזוי אוועקצוגיין.

— ווי געפעלט אייך מיין זון?... — האט זי פלוצלינג א זאג געטון — ער איז נישט ענלעך צו מיר... ער איז ענלעך צום פאטער.

— יא?... אבער לײדער קען איך נישט אייער מאן...

— אך, אזוי... איר קענט אים נישט... א שאד... דאכט זיך, אז מיר האבן זיך יא אמאל באגעגנט... אין טעאטער...

— צום באדויערן... דערמאן איך מיך נישט...

— נו... איר קאנט דאך נישט געדענקען אזעלכע קלייני־קייטן... אזא מענטש, ווי איר...

— איר מאכט פון מיר חוזק...

— איך — פון אייך?... א, איך וואלט עס מיר נישט דערלויבט... אזא מענטש...

און זי האט הארציק א לאך־געטון. דא האב איך דערזען ביי איר אין מויל צוויי קאלטע, שטייפע, קינסטלעכע ציין. זי האט מיטאמאל דערכאפט מיין באוועגונג אוועקצוגיין און מיט אן אנ־דערער שטים צוגעגעבן:

— איר ווילט שוין אוועקגיין?...

— נו, יא... ס'איז שווער זיך צונויפצורעדן... נאך יארן...

איך האב געוואלט וואס גיכער אוועקגיין, און זי האט אי־בערגעחזרט:

— אזוי... ווילט איר שוין גיין... נו, גייט... אדיע... — האָט זי אויסגעשריגן, ווי זי וואָלט מיך אַ שטופּ־געטון.

*

איך בין האַסטיק אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט און זיך אומגעקוקט: זי איז געשטאַנען אָנגעבויגן צום קינד און געגלעט זיין קעפּל, אָבער איר געזיכט איז געווען געווענדט נאָך מיר מיט אויפגעריסענע אויגן. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין איר בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט באַדויערן, אומעט און בענקשאַפט, האָט זיך אויך געפלאַנטערט דער גלאַנץ פון אַ טרער...

# אין מושב זקנים

— נאָך אמאָל: אייער מאַמעס עלטערער ברודער האָט גע־הייסן יאָסל, דער אינגערער האָט געהייסן משהל און דער דריטער?

— דער דריטער איז געווען אַ שטיף־ברודער פון ערשטן מאַן. דער ערשטער מאַן האָט געהייסן חיים, געווען אַ הויכער איד. ער האָט געהאַט דאָס גרויסע געוועלב פון פּאַפּיר אין מאַרק אין סאַמע מאַרק...

— נו, דאָס געדענק איך שוין נישט... כ׳בין דאָך נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, נאָר דעם פעטער יאָסל האָב איך גוט געקענט. כ׳געדענק, ער איז געווען אַ טאַבאַטשניק, האָט גע־האַנדלט מיט טיטון.

— אָ, מיט טיטון האָבן געהאַנדלט צוויי ברידער, מיינע פעטערס פון טאַטנס צד... האָט איר, הייסט עס, אַ טעות...

— וואָס הייסט, כ׳האָב אַ טעות? כ׳האָב נישט געקענט יאָסל דעם טאַבאַטשניק? אַ געלער איד מיט אַ באָרד, אַזוי ווי טיטון.

— יאָ, יאָ...

— טאָ וואָס־זשע זאָגט איר, אַז כ׳געדענק נישט? דאָס איז דאָך געווען די מאַמע עליה־שלומס אַ ברודער!

— ניין, דאָס איז געווען מיין טאַטנס אַ ברודער, וואָס

איז געווען מיין מומעס א צווייטער מאן... איר ערשטער מאן איז געווען יהושע, ער איז גאר געווען א סארוועך.

— זע איך דאך שוין טאקע, איר זאלט מיר מוחל זיין, אז איר ווייסט נישט, וואס איר רעדט. יהושע סארוועך איז דאך געווען מיינער א חבר... ווי הייסט, איך געדענק נישט, יהושע סארוועך?

— ווי אזוי האט איר אים געקענט קאנען, אז ווען איך בין נאך געווען א אינגל, איז ער שוין אלט געווען א יאר זעכ־ציק? איך געדענק אים נאך אויך קוים!...

— אז איר האט אזא קאפ, ווער איז אייך שולדיק? איך, זעט איר, געדענק אלץ, ווי ס'וואלט איצט געווען. איך געדענק, אז ווען אייער ברודער אייזיק האט חתונה געהאט מיט ר' שלמהס טאכטער פון לובלין, האט מען געטיילט בולקעס אויף דער גאס.

— מיין ברודער אייזיק?... איך האב נישט געהאט קיין ברודער אייזיק!

— איר האט שוין יא געהאט א ברודער אייזיק! שאט, מיט וואס האט ער געהאנדלט? יא, ער האט געהאט לעדער... זיין געשעפט איז געווען לעדער...

— לעדער? קיינער פון אייך האט נישט געהאט קיין לע־דער! מיר אלע האבן געהאט נאפט... אוי, איך ווייס שוין, וועמען איר קערט מיינען: איר מיינט דעם אייזיק, וואס האט געהאט אייזן, ער האט געהאנדלט מיט אייזן!... ער האט טאקע געוווינט מיט אונז אויף איין גאס... ער האט נעבעך געהאט א מיאוסן טויט. ער איז דערשטיקט געווארן מיט אביינדל אום סאמע פריי־טאגצונאכטס. וואו־וואו... די גאנצע שטאט איז געווען אויף איין ארט!...

— הכלל... זאגט איר, אז ניין? מילא... ניין, איז ניין, אפשר טויג אייך נישט צו זאגן, ווער איר זענט?

— וואס הייסט: מיר טויג נישט צו זאגן?... וואס הייסט? איך זאג דאך אייך. פון די טענענבוימס בין איך! אייער פאמיליע האב איך גאנץ גוט געקענט... כ'געדענק, נאך ווי איצט, ווי

כ׳פלעג ארײנקומען נאָך אַ פלאַש ווײַן אויף שבת און יום־טוב צום טאַטן ע״ה. ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן ווערטלעך, זיך אויסצופרעגן...

— ווי האָט איר געקאָנט קומען צו מײַן טאַטן נאָך ווײַן, אַז מײַן טאַטע האָט נישט געהאַט קײן ווײַן, ווײַן האָט גאָר געהאַט מײַן שוואָגער. כ׳ווייס, עפּעס אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה, דערלייגט דעם נדן. ווי־זשע קומט דאָס צו מײַן טאַטן, אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט ער גאָר געהאַנדלט מיט קאַלך?...

— וואָס־זשע מיינט איר, אַז ווײַן איז מיאוסער, חלילה, ווי קאַלך?... צווייטנס, וואָס איז די נפקא־מינה, מיט וואָס אַ איד האַנדלט, אבי פרנסה... כ׳לעבן פּאַסט פאַר אַ איד אין אייערע יאָרן צו דרייען אַ ספּאָדעק?... כ׳וועל אײַך באַלד דער־מאָנען. שאַט, אייער מאַמע איז געווען אַ הויכע אידענע, אַ שיי־נע אידענע, ווי גאָלד, געווען אַ גוטע נשמה...

— יאָ, יאָ... דאָס איז אמת...

— האָט זי אוודאי נישט געהייסן דאָבעלע?...

— דאָס נישט... מײַן מאַמע ע״ה האָט געהייסן מרימל... מרימל... אַזוי האָט מען זי גערופן...

— נו, לאָזט מיך שוין אָפּ... איר וועט באַלד זאָגן, אַז איר פאָטער, אייער זיידע, האָט נישט געהייסן ר׳ אהרן און האָט נישט געהאַנדלט מיט גלאָז?...

— אוודאי נישט...

— זענט איר, איר זאָלט מיר מוחל זײַן, אַן אַלטער נאַר.

— און איר זענט אַ בהמה!...

*

ביידע אַלטע לײַט זענען געזעסן אַזוי ווי קינדער אויף דער לאַנגער באַנק, אינם דאָרן, טרוקענעם גערטל פון מושב־זקנים, מיט קליינע, פאַרצוויגענע, בייזע אויגן איינער אויפן אַנדערן:

— מען קאָן זיך מיט אײַך גאָרנישט דעררעדן... איר האָט נישט קײן קלאָרן קאָפּ... האָט איר אַלץ פאַרגעסן...

— איר גייט מיר זאָגן, ווי אַזוי מײַן מאַמע ע״ה האָט געהייסן? שוין געהערט?...

נאָך אַ לאַנגן שווייגן זאָגט איינער צום אַנדערן:

— וויפל זענט איר אַלט?

— וואָס איז דען?

— וואָס ט'איר מורא צו זאָגן?

— איך בין אַלט: אַזוי אַרום אַכט און זעכציק...

— אין מיינע יאָרן...

— נו, זעט איר שוין?... דאַרפט איר דאָך געדענקען!

— כ'געדענק טאַקע.

— שאַ, כ'וועל אייך פרעגן אַ זאַך... דאָס מוזט איר דאָך אוודאי געדענקען: ווי האָט געהייסן דער אַלטער רבֿ?

— ווי הייסט דער אַלטער רבֿ: ווער ווייסט דאָס נישט? ר' זיינוועלע...

— ר' זיינוועלע גאָר... אַי, דער איד איז משוגע! הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: ס'זאָל אייך נישט פאַרדריסן, מיר דאַכט, אַז איר זענט אינגאַנצן נישט קיין ראַדאָמער...

— ווער זאָגט דען, אַז איך בין אַ ראַדאָמער?

— איר זענט נישט קיין ראַדאָמער?

— אוודאי נישט.

— טאָ וואָס־זשע דרייט איר מיר אַ ספּאָדעק...

און ביידע אַלטע האָבן זיך ברוגז אוועקגערוקט איינער פונם אַנדערן...

## מען פארט נישט

ארום איז געלעגן דאָס קליינע אידישע שטעטל, ווי אַן אַל־טע, פאַרגעסענע, אויסגעלאָשענע חורבה. אין דעם ווינטערדיקן בלאָטיק־שנייאיקן אָוונט האָט מען זעלטן געזען אַ מענטש דורכ־פינטלען, און נאָר אין דער גרויסער, שטויביקער בודע פון וואָק־זאַל איז געווען די איינציקע ליכטיקייט, וואָס האָט דערמאָנט אָז אַן אָרט באַוווינט פון מענטשן. דאָ האָבן געברענט עטלעכע לאָמפּן. די באַן־באַדינער, וואָס מען האָט דערקענט נאָר צוליב די בלעכלעך אויף די היטלען, זענען געלעגן אויף די בענק און האָבן געדרימלט.

אינמיטן דער הוילער ליידיקייט פון וואָקזאַל, צווישן מיסט און שטרוי, זענען געשטאַנען עטלעכע אידן מיט לאַנגע, פאַר־בלאָטיקטע כאַלאַטן, מיט צעקניטשטע און צערודערטע בערד און נערערדט אויף אַ גיכן, כאַפּנדיקן לשון, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין די הויכע, ליידיקע ווענט פון וואָקזאַל.

עס איז געווען נאָך אַ האַלבע שעה צום צוג, יעדע מינוט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אַנדערער איד מיט פּעקלעך און זעקלעך. ווי שטענדיק, האָט מען זיך געפרעגט איינער ביים אַנדערן, צי דער צוג וועט גיין, ווען ער וועט גיין. מען האָט געקוקט אויף זייגערס, גערדייט און זיך געשפּאַרט.

דאָס האַלב־קיילעכדיקע טירל פון דער בילעטן־קאַסע איז געווען פאַרמאַכט, פונדעסטוועגן האָבן זיך שוין די פּאַסאַזשירן

אויסגעשטעלט אין אַ ריי, און דער ערשטער, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטערל, ר׳ וואָלף, אַ פלינק אידל מיט אַ פאַררוקט היטל, האָט געגראַבלט מיטן געלט ביים פאַרמאַכטן ברעטל, שטיל־לינקערהייט, נישט דרייסט אָנגעקלאַפּט, און אַלעמאָל געקוקט אויף דעם זייגער:

— אידן, כ׳האָב מורא, אַז מען וועט נישט פאָרן... עס איז שוין שפּעט, און דער פּריץ איז נאָך נישטאָ ביי דער קאַסע...

— וואָס־זשע הייסט עס? היתכן? אפשר טוט ער עס עקסטרע, כדי מיר זאָלן נישט קאָנען פאָרן? דאַרף מען דאָך עפּעס טון. אפשר צום נאַטשאַלניק? וואַ... וואַ...

— און אויף צו־להכעיס פאָרן בלויז אידן! וואָלט כאָטש געווען אַ גוי, אַ פּריץ, אָדער אַ „וואַיסקאָווע״, וואָלט מען אים שוין אָנגעלערנט...

— עס קען זיין, ער זעט בלויז „זשידקעס״... איז וואָס אַרט אים?

— ר׳ וואָלף, האָט מען נישט קיין מורא. טוט אַ קלאַפּ ווי ס׳געהער צו זיין! אפשר שלאָפט ער דאָרט, דער פּריץ... זאָגט אים, אַז עס איז שוין שפּעט...

— וואָס הייסט איר מיר קלאַפּן? קלאַפּט איר! אַ קלוגער...

— לאָזט מיך צו! יאַך בין „שמיאַלע״! — האָט זיך אָנגערופן אַ יונגערמאַן מיט אַ הויך היטל און אַ לאַנגער נאָז.

דאָס גערודער איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. מען האָט געגומען וועקן די באַן־באַדינער, די גויים האָבן זיך געקראַצט אין די פאַרשלאָפענע טשופּרינעס און געזאָגט, אַז ווייסן גאָרנישט.

מיטאַמאָל איז געקומען צו לויפן אַ איד מיט אַ נייעס. אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט, און ער האָט דערציילט, אַז דאָרט, אין טונקעלן ווינקל, נעבן דעם ליידיקן „בופעט״, ביים טיש, זיצט דער קאַסירער מיט „יאַנקעלע מעקלער״ און שפּילט אין שאַך.

דאָס גאַנצע בינטל אידן האָבן זיך אַהינגעלאָזן מיט אַ געטומל, און מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען דעם קאַסירער אַן איינ־

געבויגענעם איבער א שאך־ברעטל, שטארק פארטיפט. קעגנאיבער אים איז געזעסן יאנקעלע מעקלער. פאררוקט דאס היטל, די פאות ארויסגעלאזן, מיט א האנט ארומגעכאפט די באָרד, האט ער גע־זונגען א טרויעריקן ניגון פון יום־כפורדיקן דאוונען.

די אידן האבן זיך אפגעשטעלט פונדערווייטנס, זיי האבן נישט געהאט די דרייסטקייט דעם קאסירער איבערצורייסן די שפיל. זיי האבן נאר שטיל געמורמלט צווישן זיך:

— וואַ, וואַ... וואס א גוי קאן זיך „פאזוואליען״!

— ער איז אזוי פארטראגן, אז ער זעט גארנישט, וואס ארום טוט זיך.

— הכלל, אידן, דאכט זיך, אז די באן גייט שוין. איך מוז דאך פארן.

מען האט זיך צוגערוקט נענטער, און איינער האט שטיל א רוף געטון:

— יאנקל... יהודי... לאז אפ דעם פריץ!

און מ׳האט אים געוויזן מיט די הענט פארשידענע סימנים, אז מען דארף פארן, ער זאל אפלאזן דעם גוי.

— „פראשען פאנא, בילעטי״!...

אבער ווער, וואס? נישט דער קאסירער און נישט יאנקל האבן גארנישט געהערט און נישט געזען. יאנקל האט אנגעהויבן א נייעם ניגון פון „מאדזשיצער״ רבין, און דער גוי האט גע־מורמלט.

— יאנקל, „טי יעסטעש כיטרי״.

דעמאלט האבן די אידן בישלעכוויז, מיט שטילע טריט, אזוי ווי ציגן, וואס גנבענען זיך צו צו היי, ארומגערינגלט די צוויי שפילער, און ווען מען האט א קוק געטון אויפן ברעטל, האט מען געזען, אז דער קאסירער געפינט זיך אין זייער א שלעכ־טער לאגע. ער איז אריין מיט דער מלכה צווישן יאנקלס צוויי פערד, א „פיאן״ און א „לויפער״. דער גוי האט געקנייטשט דעם שטערן, זיך געקראצט. אלעמאל, געכאפט די מלכה און נישט גע־פונען, ווו מיט איר צו אנטלויפן.

— דער פריז איז אין פעקל... — האָט זיך אָנגערופן ר׳ וואָלף.

— די מלכה איז נעבעך... — האָט געענטפערט אַ צווייטער.

און איידער וואָס־ווען, האָט איינער אונטערגעכאַפּט יאַנקלס ניגון. די אידן האָבן פאַרגעסן, אַז מען דאַרף פאָרן פאַרדינען אויף פּרנסה. מען האָט געוואָרט, וואָס וועט טון דער גוי אָן אַ מלכה. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט, און אַלע אידן אַרום האָבן אויפן קול, מיט איינגעגראָבענע בערד אין שאַך־ברעטל, גע־זונגען איין ניגון נאָכן צווייטן. מען איז אַריבער פון זמירות אויף שטיקלעך פון דאַווענען, פון כל־נדרי — אויף קינות... אַלע האָבן געזונגען, אונטערהוסטנדיק און קרעכצנדיק. און ווען יאַנקל האָט מיט אַ נייעם צוג אַראָפּגענומען דעם קאַסירערס מלכה פון ברעטל, איז שוין געגאַנגען אַזאַ זמר, אַז דער גוי האָט זיך מיט־אַמאָל אויפגעכאַפּט און אַ געשריי געטון:

— „צאָ טו יעסט? צאָ טאָ זאַ זשידאָווסקאַ בוזשניצאַ?"

ערשט דעמאָלט האָט מען דערהערט, ווי דער צוג האָט אַ פייף געטון און איז אַוועק...

# א באקאנטע דענטיסטקע

מיר האָבן ווי געטון די ציין. א דינע, אָנגעגליטע שפּילקע האָט געשטעקט ערגעץ צווישן מוח און אויג, ביז אראָפּ צו די שפּיץ פּיס. ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין ווארעמס און קיין קאַלטס. כ׳האָב נישט געקאָנט פארשטיין, ווי אזוי מענטשן קאָנען ארומגיין אויף דער גאַס, ווי אזוי מען קאָן לייענען א צייטונג, ווי אזוי מענטשן ליבן זיך, האנדלען און גייען אין טעאטער.

דעמאָלט האָב איך מיך דערמאָנט אין מיינער א באקאַנטער דענטיסטקע. איך בין געלאָפן, ווי א פייל פון בויגן, איך האָב אָנגעקלונגען ביי דער טיר, די דינסט האָט מיר געעפנט און איך האָב געפרעגט פון אונטערן פארבונדענעם טיכל:

— די דענטיסטקע איז דאָ?

פונם צווייטן צימער האָב איך געהערט א קינדעריש לידל. די טיר האָט זיך געעפנט, און די דענטיסטקע איז געשטאַנען פאר מיר.

איך האָב אוועקגעבויגן דאָס טיכל פונם פּנים און געמאַכט א רואיקן אויסדרוק, כדי די דענטיסטקע זאָל מיך דערקאָנען.

— אָך, איך האָב אייך שיער נישט דערקאָנט, קומט אריין...

איך בין אריין אין צימער. דאָרט איז געשטאַנען א טיש מיט שטולן. אויף א סאָפע איז געזעסן א קליין קינד פון עטלעכע יאָר און זיך געשפּילט מיט דענטיסטישע אינסטרומענטן.

די דענטיסטקע האָט זיך דערפרייט מיט מיר:

— וואָס מאַכט איר? ווי לאַנג כ'האָב איך שוין נישט געזען!...

— יאָ — האָב איך געזאָגט און קוים געכאַפּט דעם אָטעם— איך האָב אַ שטאַרקן צאָן־ווייטאָג... כ'וואָלט איך געבעטן...

— שוין לאַנג?

— שוין דעם צווייטן טאָג... כ'האָב געמיינט, ס'וועט איבערגיין...

— איר זענט נאָך אַלץ אַזאַ שלים־מזל... אַלץ טשעפּעט זיך צו אייך... ציין דאַרף מען היטן... מסתמא האָט איר פאַרלאָזן...

איך האָב זויער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַ צאָן, אַז עס ווערט נאָר אויף אים אַ פּינטעלע, דאַרף מען שוין פאַרכאַפּן.

דער ווייטאָג האָט גענאָגט, ווי אַ שלאַנג.

איך האָב אַ קרעכץ געטון און נאָכגעזאָגט:

— מען דאַרף היטן...

זי האָט מיר אַ ווייז־געטון אירע געלע, גאַנצע ציין און אַ זאָג־געטון:

— איר זעט ביי מיר?... ווייל כ'האָב געהיט...

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און געטרונקען פייער.

— איך וואָלט געוואָלט אייך בעטן, איר זאָלט אַ קוק־טון — האָב איך קוים אַרויסגערעדט.

— אַ קוק־טון קאָן מען... — האָט זי גיך אַרויסגערעדט און זיך נישט אויפגעהויבן פון אָרט.

איך האָב געקוקט, ווי דאָס קינד קלאַפּט מיט אַ צאָן־צוואַנג אין דער שטול.

זי האָט אונטערגעכאַפּט מיין בליק און אויסגעשריגן:

— איר קענט נישט מיין זון?... אַדוש, שטעל דיך פאַר... דאָס איז אַ „וווּאַשעק"...

דאָס קינד האָט מיר דערלאַנגט אַ הייס הענטל, איך האָב אַ שמייכל־געטון, און אַ הייסער ווינט האָט דורכגעגבערט מיין קאָפּ.

— דאַכט זיך, אַז איך געדענק נאָך אייער פֿאַמיליע — האָט די דענטיסטקע רואיק געזאָגט — דאַכט זיך, אַז איר הייסט...

איך האָב געקוקט אויף איר מיט אַן אומזיניקן בליק און בשום־אופן זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווי איך הייס...

דעמאָלט האָט זי זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו מיר:

— עס טוט איך ווי? — האָט זי געפֿרעגט.

— זייער... זייער שטאַרק.

— זייער שטאַרק... עס ווייזט זיך איך געווים אויס... איך ווייס עס פֿון דער פּראַקטיק... איר זענט געווים נערוועז... עס זע־נען דאָ טיפּן פֿון נעווראַסטעניקער, אָדער היפּאָכאָנדריקער, וואָס יעדע קלייניקייט וואַקסט ביי זיי אויס... איר זענט, דאַכט זיך, אויך אַ היפּאָכאָנדריקער... ניין?... דאַכט זיך, אַז...

— כ'ווייס נישט... — האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— איר ווייסט נישט?... איר מעגט שוין זיין רואיק, אַז ס'איז אַזוי, ווי איך זאָג, ווייל איך האָב אַ גוט אויג אויף די זאַכן... אַזעלכע פּאַציענטן זענען זייער שווערע... מיין פּראָפֿעסאָר האָט דאָס מיר דערקלערט... מען דאַרף שטענדיק זיין גרייט, טאָמער מאַכט זיך עטוואָס... ווייל זיי האָבן אַ טבע צו חלשן און אַ סך מאָל קאָן זיך עס ענדיקן נאָך ערגער...

זי האָט אָנגעכאַפּט מיט אַ פֿינגער מיין ליפּ און אַ ריס־געטון דאָס מויל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז טויזנט שפּיציקע האַמערס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיין קאָפּ.

— ס'איז שווער אַזוי צו זען... — האָט זי אַ זאָג־געטון — מען וואָלט געדאַרפֿט זען מיט אַן אינסטרומענט ביי אַ לעמפּל.

און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

— וואָס־זשע זאָגט איר?... — האָב איך געזאָגט. נאָר אין דער מינוט האָט דאָס קינד איבערגעריסן דאָס שפּילן זיך און אויסגערופֿן:

— מאַמע... „ע—"...

די דענטיסטקע האָט זיך אַ וואָרף־געטון צום קינד, עס אַ כאַפּ־געטון און שרייענדיק צו דער דינסט, אַריינגעלאָפֿן אין קיך.

*

איך בין געבליבן אליין. איך האב אויפגעהויבן פון דער ערד א דענטיסטישע צוואנג און אומזיניק, ווי א משוגענער גע־קוקט אויף איר, דערנאך האב איך מיך טיף איינגעהערט אין דעם ברענענדיקן ווייטאג און מיר האט זיך געדאכט, אז איך פאר־זינק אין א שלאף. א צוקן און א רייסן האט באדעקט מיין קאפ, און די גאנצע וועלט איז פאר מיר אפגעשטארבן.

עס האט געמוזט געדויערן א שטיק צייט, ווייל ווי דורך א קאשמארן חלום האב איך געהערט זיך פארען. איך האב גע־הערט מיטאמאל דייטלעך, ווי די דענטיסטקע האט געזאגט צו דער דינסט:

— מאך „קלוסעטשקעס"... ווייל דער „פאן" האט נישט ליב קיין לאקשן...

דאס האב איך געהערט מאדנע דייטלעך, ווייל צוזאמען דערמיט האט זיך ביי מיר אויפגעהויבן א נייע כוואליע פון ווײ־טאג. איך בין אויפגעשפרונגען פון ארט און אנגעהויבן שטארק צו קרעכצן.

דעמאלט איז די דענטיסטקע צוריק אריינגעקומען מיטן קינד. דאס קינד האט געהאלטן אין דער האנט א קיבעלע. עטלעכע אזעלכע קיבעלעך האט די דענטיסטקע געהאלטן אויף א טעצעלע. זי האט א קוק־געטון אויף מיר און געזאגט.

— א שיינער מאנספערשוין זענט איר, זע איך... פארזוכט מיין ארבעט...

זי האט מיר צוגערוקט די קיבעלעך.

— איר זעט, כ'בין געווארן א בעל־הביתטע... וואס־זשע הערט זיך עפעס?... טרעפט איר עמעצן פון די אלטע באקאנטע?...

איך האב אויף איר געקוקט מיט א משוגענעם בליק, לעכנ־דיק דעם ברענענדיקן ווייטאג.

— איר געדענקט די אלטע צייטן?... שאט, וויפל איז שוין, אז איך האב חתונה־געהאט?... שוין טאקע פינף יאר... אך, ווי די יארן לויפן... איר געדענקט דעם סטודענט וויסאקאגורא?... א מאדנער טיפ... איר ווייסט, אז ער איז געווען אין מיר שטארק

פאַרליבט?... ער האָט זיך אַפילו געוואָלט נעמען דאָס לעבן... כאַ—כאַ... מ'זאָגט, אַז ס'איז אים פון גאָרנישט געוואָרן...

איך האָב אַ שמייכל־געטון, ווי אַ מאַלפּע...

— מען דערזעט אַן אַלטן באַקאַנטן, דערמאָנט מען זיך אַלץ... איר געדענקט, ווי כ'האָב אויסגעזען אויף דער זומער־וווינונג? כ'וועל אייך ווייזן, כ'האָב נאָך די פאָטאָגראַפיע... מיט די צעלאָזענע האָר, ווי אַ ציגאַנקע... איינער, אַן „אַרטיסטאַ־מאַלאַזש", איז מיר נאָכגעלאָפן און האָט מיך נאָר געוואָלט אַזוי מאָלעווען...

איך בין מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען. איך האָב מיך שטאַרק אָנגעהאַלטן אינם בענקל, ווייל אין מיין קאָפּ האָט זיך געדרייט אַ פייערדיקער ראָד. איך האָב אַ קרעכץ־געטון:

— איך בין געקומען... איך בעט אייך, טוט מיר עפּעס... איך ווער משוגע...

— איר וועט נישט משוגע־ווערן... איר זענט, זע איך, אַ וואַזשנער העלד... באַלד וועל איך מיר אָפּוואַשן די הענט, וועל איך אַ קוק־טון...

אין דער מינוט האָט זיך די טיר געעפנט, עס איז אַריינגע־קומען אַ יונגערמאַן מיט אַ דיק, קיילעכיק פּנים. ער איז צוגעלאָפן צום קינד און עס אַ קוש־געטון.

די דענטיסטקע האָט אים אַ כאַפּ־געטון אונטער דער האַנט און צופירנדיק אים צו מיר, אויסגעשריגן:

— דאָס איז מיין מאַן... און דאָס איז מיינער אַ באַקאַנ־טער... פון דער זומער־וווינונג... איינער פון מיינע אַמאָליקע פאַר־ערער... דער מענטש קען דיר זאָגן, ווי אַזוי כ'האָב דעמאָלט אויס־געזען... ווי אַזוי אַלע מענער זענען מיר נאָכגעלאָפן. אמת?...

— אמת... — האָב איך אַ כליפּע געטון — נאָר כ'בעט אייך, טוט מיר עפּעס צום צאָן...

— דער מענטש אַליין איז אויך געווען אין מיר אַ ביסל פאַרליבט... זייט זיך מודה... אמת?...

— אמת... — האָב איך געוויינט — נאָר אפשר קאָן מען כאָטש פאַרסמען... אַרויסרייסן...

— און דעם וויסאָקאָגורא, וואָס כ׳האָב דיר דערציילט, האָט דער מענטש אויך געקאָנט...

דער מאַן האָט אויף מיר אַ קוק־געטון און פּלוצלינג אַ פרעג־געטון:

— וואָס איז אייך דען?...

— אַ צאָן... ס׳טוט מיר שרעקלעך וויי...

— טאָ לויפט צו אַ דענטיסט... וואָס ווארט איר?...

דעמאָלט האָט די דענטיסטקע מיט דער גרעסטער רואיקייט אַרויסגערעדט:

— אַ שאָד, וואָס כ׳האָב פאַרקויפט דעם קאַבינעט... פונ־דעסטוועגן מאַכט זיך אַמאָל אַ פּאַציענט...

אַ ווילדער צאָרן, אַזוי שטאַרק, ווי דער ווייטאָג, האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב מיך ווי אַ טיגער אַ וואָרף־געטון צו דער טיר און נאָך באַוויזן אויסצושרייען:

— אידיאָטקע... „וויסאָקאָגורא״... צאָנווייטאָג... נאָר צאָנ־ווייטאָג זאָל אויף אייך קומען...

און איך בין אַוועק צו אַ דענטיסט.

# דער אלטער מאריץ

דער אַלטער מאָריץ האָט נאָכאַמאָל געפּרוּווט זיינע אַלטע, געשוואָלענע פיס, ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזן פונם בעט.

— צוויי פּעסער — האָט ער אַ זאָג־געטון צו זיך — צוויי פּעסער, נישט קיין פיס.

און ער האָט זיך צוגעריַרט צו זיין ראַציק, פאַרוואַקסן פּנים.

— סימע! — האָט ער אַ געשריי־געטון — סימע, דערלאַנג מיר ס'שפּיגעלע.

פונם פינסטערן, פאַרפאַרעטן קיכל האָט אַריינגעשפּאַנט אַ קליינע, דיקע אידענע מיט גראָע שטיקער האָר איבערן רויטן, ווי אָפּגעבראָטענעם פּנים. זי האָט געהאַט צוויי נאַסע, אַראָפּגעהאָנגענע הענט. זי האָט אים באַטראַכט מיט אַ לאַנגן בליק און אַ בורטשע־געטון:

— דאַרפסט זיך נאָך שפּיגלען?...

און זי האָט אים דערלאַנגט פון דער קאָמאָדע אַ קליין, פאַרהויכט שפּיגעלע.

— מ'עט אַ קוק־טון, צי דער פּראַק ליגט אויף מיר גוט — האָט דער אַלטער מאָריץ אַ זאָג־געטון און קלאָוניש זיך פאַרקרימט.

ער האָט דערזען אין שפּיגעלע זיין פּנים — אַ וויס־געלבלעכער אָנלויף פון ראַציקע האָר, ווי פאַרזשאַווערט דראָט, האָט באַדעקט זיין וואַסערדיק־געלבלעך אָנגעבלאָזן געזיכט.

דאָס שפּינגעלע איז געבליבן הענגען אין זיין פאַרלוירענער, געלער האַנט, און מיט אַן אָנגעבלאָזן מויל, ווי ער וואָלט געפּייפט, איז זיין קאָפּ געזונקען. זיינע בולטע, גרויסע, מידע אויגן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טונקעלער פּאָדלאָגע, ווי ער וואָלט דאָרט דערזען עפּעס אַן איבערראַשנדע זאַך. ער איז לאַנג אַזוי געזעסן. דאָס אַלטע, שווערע ווייב סימע האָט שוין עטלעכע מאָל דורכגע־שפּאַנט פאַרביי אים מיט די פאַרלוירענע, שווערע, פייכטע הענט. זי האָט מורא געהאַט איבערצורייסן זיין פאַרטראַכטנעם, וויטן פון דאַנען, בליק. צום סוף האָט זי אים אַ ריר־געטון ביים אַקסל:

— מאַריץ... וואָס זיצסטו אַזוי? אפשר?... לייג דיך... —

מאַריץ האָט אויפגעוואַכט. ערשט איצט האָט ער זיך עפּעס דערוווּסט. ער איז איצט געווען אין אַלע ווינקעלעך פון זיין קראַנקן לייב און אומעטום האָט ער געפונען חורבן און אָנמעכ־טיקייט. אין די פּאָר מינוטן איז ער געווען אומעטום. כמעט אויף אַלע וועגן, ווו זיינע פיס האָבן אַמאָל געטרעטן. מענטשן, ערטער און ווינקלען האָבן זיך אויסגעשטעלט פאַר אים, ווי אין אַ ריי, שטיקער לעבן זענען פאַרלאָפן איינס דאָס אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געוואָלט רעדן און טאַנצן אַ ווילדן, פאַרביקן טאַנץ פון נקמה.

און איצט, ווען מאַריץ האָט צוריק דערזען דאָס אַלטע, אָרעמע שטיבל, איז אים שוין געוואָרן קלאָר, אַז פון דאַנען וועט ער שוין נישט אַנטלויפן. ער האָט איצט מיט נייער דייטלעכ־קייט דערזען די אַלטע, געלע קאָמאָדע, דאָס קרומע טישל, די לאָמפּ אויפן קרומען האָק. דאָס אַלץ איז איצט געשטאַנען האַרט, זיכער און אייביק און אים געהיטן. צום ערשטן מאָל פאַרן גאַנצן לעבן איז דעם אַלטן מאַריץ באַפאַלן אַ מיסטישע שרעק.

— „שטאַרבן", „שטאַרבן"! — האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען די שוואַרצע ווערטער, ווי שפּיציקע פייגל, אין זיין קאָפּ.

ער האָט געפילט, ווי די לעצטע כוחות פאַרלאָזן אים, די גראָע ליכטיקייט פונם פענסטער לעשט זיך פאַר אים אויס — און ווי אַ שווערע, ליימיקע מאַסע האָט ער אַ פאַל־געטון צוריק אויפן בעט.

*

ער האָט צוגעקוועטשט די אויגן און געפּילט, ווי דאָס ווייב סימע שטייט אין פאַרלוירנקייט איבער אים. זי האָט געפּרוּווט אים וועקן, עפּעס פרעגן, אָבער מאַריץ האָט נישט געוואָלט אַרויס־ווייזן קיין סימן פון לעבן, ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. אַז ער איז שוין געשטאָרבן.

— זאָל ער קומען שוין! — האָט ער ווי גערעדט צו עפּעס אַ טונקעלן כוח, וואָס האָט געוואַכט איבער אים — שוין זאָל ער קומען, דער טויט...

אַ מידע וואַרעמקייט האָט דערוויילֿ אָנגעפּילט זיין גאַנצן גוף, אַרום האַרץ האָט זיך אוועקגעלייגט אַ פרעסנדיקע ענגשאַפט און אַ הייסער נעפּל האָט זיך אויפגעהויבן אין זיין קאָפּ. עפּעס האָט אים אַ כאַפּ־געטון און געטראָגן. ער האָט מיטאַמאָל דערפּילט דעם עסנדיקן ריח פון ביר, ציבעלע און רוי פלייש פון דער אַלטער רעס־טאָראַציע, וווּ ער האָט אָפּגעאַרבעט מער ווי אַ האַלב לעבן. ער האָט דערזען די גרינע, אומעטיקע וואַנט פונם גאַסט־צימער, די בילדער פון שמשון־הגבור, וואָס שלאָגט די פלשתים, אַ קורצער, נאַקעטער איד מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ באָרד... אָט ברענט שוין דאָס בלאָע גאַז־רערל... אַ פייכטקייט קלאַפּט־אַרויס פון דער שוואַרצער פּאָדלאָגע, באַשיט מיט געל זאַמד, און עס קומען אַריין די געסט — ברייטע, רויטע מענטשן, אין בורקעס מיט אָנגע־רוקטע היטלען. אָט קומט אַריין דער בייזער פּריץ, דער משוגענער גוי מיט די שפּיציקע וואָנסעס, און פון אַלע ווינקעלעך שרייט מען: „מאַריץ, קעלנער מאַריץ!"

דער אַלטער מאַריץ איז געווען דער בעסטער קעלנער, זיינע פיס האָבן נישט גערוט. פינפאונדרייסיק יאָר האָט ער געטרעטן אויף די פייכטע, מיט זאַמד באַשיטע פּאָדלאָגעס פון די רעסטאָ־ראַציעס.

איצט האָט ער אַלץ געזען אַזוי שאַרף און דייטלעך, און ערשט ווען דער געדאַנק וועגן דעם, אַז ער שטאַרבט, האָט אָנ־געפּילט זיין גאַנצן מוח מיט אַ טויבער פינסטערניש, האָט ער פאַר זיך דערזען שוין לאַנג־פאַרגעסענע שטיקער לעבן.

אָט איז די גליענדיקע קיך. די „סאָגאַנעס" און קעסלען

זידן און עס דרייען זיך אַרום קעכינס, מיידן און ווייבער מיט רויטע, נאַסע הענט און גראָב לייב, צעוואַרעמטע... אויף זייערע פּנימער גייען די רויטע פלאַמען פון דער קיך, און מאָריצן טוט אַ ציי צו דער וואַרעמער, בלוטיקער קרעפטיקייט. ער באַשטעלט, ער שרייט און טשעפּעט מיט די קעכינס... איינע איז דאָרט געווען, סאַלקע, אַ הויכע מויד, אַ פאַרוויינטע יתומה, געדענקט ער זי מער פון אַלע. ווען זי האָט אים דערזען אין קיך, פלעגט איר אַלץ פאַלן פון די הענט, און מאָריץ האָט נישט געטשעפּעט מיט איר. זי איז אַליין געקומען צו אים און אים אָוועקגעגעבן אַלץ... זי האָט אים געליבט... ער געדענקט אירע גרויסע, גראָע, געטרייע אויגן און איר שטילקייט. פאַרוואָס איז זי איצט נישט נעבן אים? ער ווייסט נישט, ער איז געווען יונג, און ווען מ'איז אים געקומען זאָגן, אַז זי האָט זיך געסמט, האָט ער גענומען דעם פּאַלטאָ, נאָר אינמיטן איז אָנגעקומען אַ גאַנצע חברה רייכע קצבים און האָבן פאַרלאַנגט, אַז מאָריץ זאָל זיי באַדינען. איז מאָריץ נישט געגעגאַנגען צו דער לוויה.

דערנאָך זענען געווען אַנדערע. ווען מאָריץ האָט זיך שבת אָנגעטון דאָס נייע גאַרניטור מיט די לאַקירטע שיך און איז אַוועק אין טאַנץ־קלאַס — האָט זיך שוין עפּעס צוגעקלעפּט צו אים.

*

...„מאָריץ"! עמעץ שרייט מיט אַ שיכורער, רייסנדיקער שטים. דאָס איז דער בייזער פּריץ. אַ מוטנע פּאַליע פון ביר און בראַנפן קלאַפּט פון זיין מויל:

— מאָריץ, מיך זאָלסטו זען באַדינען ווי עס געהער צו זיין... אז נישט...

און אַ שיכורער גוי, אַ מעסערשטעכער, קוקט אויף אים מיט אַ בלאָנדן, שפּיציקן קאָפּ.

אָבער מאָריץ איז אַ גוטער קעלנער. ער קוקט מיט אַ שמייכל, גרייט צו דינען.

דערנאָך — די קליינע, גראָבע סימע, אַ קוויטשעדיקע מויד. די חתונה איז געווען אין פּראַגע, ביי איר מומע, די רייפּערקע,

האַלב פּראַגע איז געקומען און גוטע ברידער פון „פּאַרן אייזערנעם טויער".

סימע האָט געהאַט אַ קניפּל, געוואָלט מאַכן אַ שטיקל גע־שעפט פאַר זיך.

און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, ווי עס האָט אים צום ערשטן מאָל אַ שטיקנדע ענגשאַפט אָנגעכאַפּט פאַרן האַרץ, אַ קאַל־טער שווייס און אַ מישונג אין קאָפּ... ער איז געפאַלן מיט דריי גלעזער ביר. און ער דערמאָנט זיך, אַז דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, האָט עפּעס אַ האַנט אָפּגעשניטן אַ שטיק פון זיין לעבן, אָפּגע־שניטן און פאַרוואָרפן ערגעץ ווייט, אין אַן אומבאַוווּסטן, נעפּל־דיקן תהום...

פון דעמאָלט־אָן האָט שוין די צעגליטע קיך מיט די צע־וואַרעמטע קעכינס נישט אויפגעהויבן מאַריצעס געמיט. מאַריץ האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן די קלעם פון טויט, וואָס האָט אים איינמאָל נעכאַפּט מיט אַ שטיקנדער האַנט, זיינע פיס האָבן זיך, ווי אונטערגעבויגן און ווען די רויטע, פאַרטרונקענע, רווישנדיקע געסט האָבן אים פון אַלע זייטן גערופן, פלעגט ער בלייבן שטיין אינמיטן מיט דער טאַץ אין דער ציטעריקער האַנט, און דער פון לאָמפּן און פלאַמען בלענדנדיקער זאַל, האָט זיך אָנגעהויבן דרייען פאַר זיינע מידע אויגן.

אין קיך האָט אים געשטיקט דער גליענדיקער טשאַד, עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, און אַזוי, מיטן האַנטוכל אויפן אַרבל, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם, פלעגט ער דורך דער הינטערטיר אַרויסלויפן אויפן הויף, אין דעם פייכטן ווינקל נעבן דעם מיסט־קאַסטן, וווּ די קעץ האָבן זיך אַרומגעשלענדערט.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קייט פון וויסטע טעג און נעכט. סימע איז מיטאַמאָל געוואָרן אַלט און בייז. זי האָט אים נישט אַנדערש גערופן, ווי. „זדעכליאַק". זי האָט אין אים נקמה־גענומען פאַר אירע אַלע אַלט־מוידישע יאָרן, וואָס זי איז געוועזן אַ דינסט, פאַר דעם צעפאַלענעם חלום וועגן האָבן אַן אייגן „גע־שעפט", פאַר די צוזאָגעכצן פון די חתן־כלה־טעג, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן דעם געשעפט „פאַרן אייזערנעם טויער", ווי מאַרק־

מענטשן וועלן קומען צו זיי עסן. דאָס ביסל געלט, וואָסביידע האָבן אָנגעקליבן, איז אַוועק אויף דאָקטוירים און רעצעפּטן. ווי נאָר אַ פרייע שעה, האָט מען אָפּגעוואַרט אין די וואַרטע־זאַלן פון דאָקטוירים און אַמבולאַטאָריעס.

נאָך יעדן דאָקטאָר האָט זיך מאָריצן געדאַכט, אַז עס איז אים בעסער און דער דראַנג צום אַמאָליקן, הפקרדיקן קעלנער־לעבן האָט זיך צעשפּילט.

שטילערהייט האָט ער געטרוימט וועגן אַ נייער געליבטער, עפּעס וועגן אַ דינסט־מויד, אָדער אַ פרייליכער אַלמנה. ער האָט געקוקט אין שפּיגל, זיך געדרייט די וואָנסעס און זיך באַמיט אַריינצוגעבן אַ טראָפּן פאַרב אין זיין געלבלעך־וואַסערדיק פּנים און אַן אומרואיקע כוואַליע פון אַלטער, ווילערישער פרייליכקייט האָט אַ קלאַפּ־געטון אין זיין האַרץ. אין אַזעלכע שעהן האָט ער געאַרבעט, ווי אַמאָל. ער איז געלאָפן ווי אַ טענצער פון טיש צו טיש. ער האָט געזאָגט ווערטלעך, און אין דער קיך האָט זיך ווידער געלאָזט הערן זיין באַפעלעריש שרייען צו די קעכינס. און דעמאָלט האָט ער אַליץ געקלערט וועגן סאַלקען, וועגן דער אָרעמער יתומה, וואָס איז פאַרשוווּנדן פון דער וועלט. אפשר האָט זי זיך מאַקע געסמט צוליב אים. עס ווערט אים טרויעריק און אַ משונה־דיקער פאַרלאַנג צו לויפן אין דער טונקעלער וועלט אריין זי זוכן, באַפאַלט אים. ער גלייבט, אַז איר נשמה גייט ערגעץ אַרום... און דאָס האַרץ זיינס רופט זיך אָן מיט אַ רייסנדיקן שטאָך, ווי אַ קראַנקער פויגל. אַ שווערקייט גיסט זיך צוריק אַריין אין זיין קאָפּ און ער פאַרלירט די לייכטע וואָג פון זיין באַוועגונג.

„מאָריץ, ס'איז נישט דאָס" — זאָגט ער צו זיך אַליין.

און בויגט אָן דעם קאָפּ אונטער דעם שווערן יאָך פונם גורל.

*

צווישן טאָג און נאַכט, אין די גראָע שעהן, קומען אָפּט אַלטע, גוטע ברידער, קעלנער, פריזירער און כלי־זמרים, וואָס מען קען זיך פון אַלטע װאַרשעווער יאָרן, פון לאַנגער צוזאַמענאַרבעט אין רעסטאָראַנען, אויף בריתן און חתונות.

צווישן אנדערע קומט אויך „אבישעל דער פאַרשטעלער״, און אַלטער בדחן פון „פאַרן אייזערנעם טויער״.

דאָ, אין דעם אומעטיקן שטיבל, קומען זיך אַלע צוזאַמען די „אַלטע גוואַרדיע״, ווי זיי רופן זיך אַליין.

מען זעצט זיך אוים אויף וואָס עס איז, אויף דער אַלטער קאַנאַפּע, אויפן קופערט, אויפן קויש, וואָס סימע האָט מיטגע־בראַכט נאָך פון די דינסטישע יאָרן. מיט געזונקענע קעפּ און אַלטע פאַרקוועטשטע מיילער, ווי די מאַלפּעס, און עס הויבט זיך אָן דער שטענדיקער געשפּרעך וועגן יאָרן. ווי אַלט יעדער איז? מען זאָגט ווערטלעך וועגן די גראָע האָר, וואָס באַדעקן זייערע אויסגעקראָ־כענע שאַרבנס, און „אבישעל פאַרשטעלער״ מאַכט נאָך זיינע שטיק, וואָס ער פלעגט מאַכן אויף אידישע חתונות.

אַלע זענען שוין אָפּגעשטאַנענע און אַרויס פון געברויך, אַ חוץ עטלעכע קעלנער, וואָס אַרבעטן נאָך אין שטילע געשעפטן אין די הינטערגעסלעך, אַזוי ווי אַלטע פערד, וואָס שטעלן קרומע ביינערדיקע פיס...

דער אַלטער מאַריץ ליגט און קוקט שטאַר אויף די מענטשן, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים דורכגעגאַנגען דאָס לעבן, און הערט זיך צו צו זייערע שמועסן.

סימע גייט אַרום און שעלט. זי שפּריצט מיט פייער אויף די „אַלטע קאַטאַזשאַנעס״ און „טריפהנע ביינער״, אָבער די אַלטע לאָבוסעס האָבן נישט קיין מורא פאַר איר, און אבישעל רעדט איר אין דער גאַל אַריין:

— סימע... ביסט געוואָרן אַ גרויסע מאַדאַם... האָב יאָך געהערט... שפּילסט אויפן פאַרטעפּיאַן...

און ער מאַכט נאָך, ווי מען רוקט די טעפּ אויף דער פּליטע אַלע לאַכן. און סימע שעלט.

עס ווערט אַלץ טונקעלער אין שטיבל. די אַלטע וויל נישט אָנצינדן קיין ליכט.

צוויי אַלטע קעלנערס, וואָס וווינען אין מושב־זקנים, שפּילן אין דער פינסטער אין „דאַמקע״. אין דער ליכט פון פאַרנאַכטיקן

הימל, וואָס רייסט זיך אַריין דורכן פענסטער, זעען זייערע צוויי אַלטע קעפּ אויס, ווי צוויי הינט, וואָס קוקן זיך אָן.

און אַרום מאַריצעס בעט ווערט שטיל אַ שמועס וועגן אַלטע צייטן און די אַלטע אויסגעקראָכענע מענער הויבן מיט אַ שטי־לער, קרענקלעכער זיסקייט אָן צו דערציילן וועגן ווייבער. פון צייט צו צייט הערט זיך אַן אַלט, מוטנע געלעכטערל, ווי מען מען וואָלט עמעצן געקיצלט. דאָס דערציילט ער, אבישעל, וועגן כלות און ווייבער, וואָס ער האָט געפּאַקט אויף חתונות.

מאַריץ האָט אויך עפּעס וואָס צו דערציילן. אים דאַכט זיך, אַז ערשט דאָ נישט לאַנג האָט ער פאַרפירט אַ גרויסע מויד פון דער פּרעמד, ער דערמאָנט זיך איר נאַרישע זיסקייט, וואָס זי האָט געהאַט אין אירע גרויסע, מעכטיקע גלידער. אָבער דאָס מויל עפנט זיך ביי אים נישט אויף, ער דערפילט מיטאַמאָל, אַז דאָ, אין דעם טונקעלן שטיבל, איז דאָ עמעצער. עפּעס איינער, אַ שוואַר־צער, אַ באַהאַלטענער, אַ בייזער, וואָס איז געקומען נאָך אים, און אַן אָנמעכטיקער קרעכץ גייט אַרויס פון זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן, דעמאָלט ווערט אַ רייד, אַז ער דאַרף זיך דערכאַפּן ס׳האַרץ.

אבישעל נעמט זיך צו סימען:

— סימעשי... מאַריץ איז פאַרשמאַכט, גיב אים עפּעס אין מויל אַריין.

— כ׳קאָן עס געבן מיינע צרות...

אַלע וואַרפן זיך אויף איר אָן, אַזוי ווי אַלטע, פאַרדומפּענע הינט:

— ביסט אַ מרשעת... אַן אַלטע קאַזאַצקע...

די אַלטע בייזערט זיך אָפּ און סיקעט ווי אַ שלאַנג.

די אַלטע חברים הויבן אָן זיך גריבלען אין זייערע באַהאַל־טענע קניפּלעך, מען נעמט זיך צונויף און איינער גייט נאָך אַ שנאַפּס מיט אַ הערינג...

מען ברענגט אויך בייגל. פּיבערהאַפּט טרינקט מען פון אַן אַלטער באַנקע. אַרום, נאָך דער ריי... מען נויט אויך אַריין דעם קראַנקן אַ גלעזעלע.

מען קייעט לאַנג, אַן ציין און עס ווערט פריילעכער...

אבישעל נעמט זיך אונטער אויסצונאַרן בײַ דער אַלטער סימע אַ ציבעלע. דאָס געלינגט אים, און ווען די קעלנערס דער־פילן דעם אַלטן ריח פון שנעק, פון ציבעלע און בראַנפן, ווערן זיי פלינקער און באַוועגלעכער.

דעמאָלט שטעלט זיך אבישל אוועק, ער ציט־אַרויס פון אַ הינטער־קעשענע אַ צונויפגעלייגטע דייטשישע יאַרמלקע און טוט זי אָן אויפן גאָלן, שפּיציקן שאַרבן, ווי ער פלעגט דאָס טון אויף „דייטשע" חתונות, און ער הייבט־אָן אויסזינגען דאָס לאַנגע, „מאָראַלישע" ליד וועגן דעם, אַז דעם מענטשנס לעבן איז גאָרנישט ווערט, אַז איידער מען קוקט זיך אַרום, ליגט מען שוין אויסגעצויגן אויף דעם טהרה־ברעט. „דערום דאַרף זיך דער מענטש נישט איבערנעמען" און נישט האָבן קיין „צו־גרויסע אויגן", ווייל איידער מען קוקט זיך אַרום, — „לייגט מען שוין שערבע־לעך אויף די אויגן"...

דאָס דאַזיקע ליד זינגט ער מיט אַ נוסח פונם דאַווענען, מיט אַ קלאָגעדיקן ניגון. די אַלטע חברה קעלנער שטעקן־אַרויס זייערע איינציקע געלע ציין און שמייכלען ווי סקעלעטן. זיי וואָיען פון הנאה און ברומען:

— ס'איז דען נישט אמת?

— גאָלדענע ווערטער!...

און זיי כאַפּן־אונטער מיט וויינענדיקע ניגונים, ווי יום־כפור. זיי פאַרקוועטשן די אויגן, ווי פאַנאַטיקער און פאַרוואַרפן די קעפּ, קייענדיק די יאָדענדיקע ווערטער פון „מאָראַלישן" ליד:

— אוי, אוי, אוי, אוי!...

די אַלטע זענען געטרייסט דערפון, וואָס דאָס מענטשלעכע לעבן איז קורץ און נאַריש, און אין דער טונקלקייט פונם שטיבל הויבן זיי זיך אויף אויף זייערע אַלטע, קלאָציקע פיס, נעמען זיך אַרום אין זייער שווידערלעכן עלנד און פאַמעלעך הויבן זיי זיך אָן צו דרייען אין אַ ראָד, הויבנדיק מיט די טונקעלע קעפּ, ווי די לוויה־פערד. אַן אומהיימלעכקייט ליגט אויסגעגאָסן אַרום זיי. דעמאָלט דערזעט מען פלוצלינג סימען, ווי זי שטייט אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר, אירע אויגן זענען פאַרטרערט און פאַרטראַגן.

אבישלם געזאנג האט זי ארויסגערופן פונם פינסטערן קיכל, ווו זי האט אריינגעשאלטן אין די שווארצלעכע טעפ. די מאראלישע רייד פון אבישלם לידער האבן איר צעבראכן דאס הארץ. און מיט אמאל האבן די אלטע לייט דערהערט איר כליפען:

— א פינסטער יאר זאל קומען אויף דיר, אבישל, ווי דו צעברעכסט מיר ס׳הארץ!

ערשט איצט האט זיך אבישל צעזונגען. ער האט אנגעהויבן לויפן ארום דער פעטער, צעשוואומענער אידענע. מיטאמאל האט ער זי א כאפ־געטון און אריינגעשלעפט אינמיטן. די אידענע האט זיך אפגעשלאגן און געשאלטן שוין אין גוטן מוט. זי האט זיך געווישט די טרערנדיקע אויגן:

— אן אלטער גנב דאס איז!... אן אלטער קאטארינאזש... א פייער זאל אפן קומען...

*

מאריץ ליגט שטאר מיט צוגעמאכטע אויגן. ער הערט זיך צו צו זיין הארץ, וואס שלעפט זיך מיד, ווי א צעבראכענער וואגן. ער פילט איצט נאך שארפער דעם בייזן, פרעמדן, וואס וואכט איי בער אים, און ער שרעקט זיך פאר דער שלאפלאזער נאכט, וואס וועט אים דא באלד פאנגען א געבונדענעם צום בעט.

די ווערטער פון אבישלם לידער קלינגען ארום אים, ווי ביי־זע, דערעסנדיקע פליגן. ער וויל געפינען אין זיי א בארעכטיקונג צום אוועקגיין פון דער לעבעדיקער וועלט. „דאס מענטשלעכע לעבן איז קורץ און נאריש״ — אבער ווי ער דערנענטערט עס צו זיך און עס טוט אים א שניט דער געדאנק, אז מען וועט אים אריינלייגן אין דער פרעמדער, קאלטער ערד — כאפט אים ארום אן אומזיניקע שרעק. ער וואלט געוואלט אנטלויפן ערגעץ אין דער וייטער וועלט אריין.

און ער באהאלט ווידער זיין קאפ אינם ווינקל פון דער אויסגעריבענער וואנט, ווו ער געפינט די שטענדיקע בילדער פאר זיינע האלב־צוגעמאכטע אויגן. ער דערזעט די היימישע געסלעך ארום די מארק־גאסן, ווו עס ווימלען מארק־מענטשן. עס בליצן לאמפן אין די געשעפטן. ער קען הויפלעך מיט טונקעלע טרעפ,

ווּ עס גייען־אַרום ווילדע, צעפּאַטלטע מיידן און ווייבער. ער דערמאָנט זיך אָן געשמאַקע עסנס און געטראַנקען, וואָס ער האָט אויף זיין לעבן פאַרזוכט. ווען ער וואָלט ערגעץ געקאָנט אוועק־שפּאַנען מיט געזונטע, זיכערע טריט קיין פּראַגע, אין די ווינקלען פון האַלב־שטאָט און האַלב־דאָרף! און ער דערמאָנט זיך איצט צענדליקער זאַכן. ער זוכט אויף זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן גאָט און קעגן לייט. און אינמיטן שטעלט זיך אים פּאָר אין איינעם א הויפל הינטערן רווישיקן מאַרק, ווּ ס'איז אין א טונקעלן ווינקל געווען א שול, ווּ דער ארון־קודש איז געשטאַנען ביי דער גרינער וואַנט און אידן פונם מאַרק זענען געקומען אָפּדאַווענען. ער וואָלט איצט אַריינגעגאַנגען אין דער מוטנער ליכט פונם שולכל און צוגעפאַלן צום ארון־קודש. עס פאַרגייט אים א הייליקער ריח פון דאַווענדיקע אידן.

ער האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט געקלערט. איצט דאַכט זיך אים, אז ס'איז פאַראַן א גאָט, וואָס זיצט ערגעץ הויך, א גאָט, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט א ליכטיק אויג אין אַלע ווינקלען, ווּ מאַריץ האָט געלעבט זיין זינדיק לעבן, אויף אַלע פינסטערע טרעפּן, ווּ ער האָט אַרומגעהאַלטן די יתומות, דינסטמיידן און צעשראָקענע שיקסעס פון דאָרף.

ער דערמאָנט זיך אָן יענער, וואָס האָט זיך געצלמט און געזויינט...

*

ער הערט, ווי זיינע געסט גייען אַוועק שטיל. זיי שאַרן זיך אַרויס, ווי דערשראָקענע פּאָר עפּעס. עס ווערט שטיל אין שטיבל און מען הערט נאָר דאָס טשאַפּען פון דער אַלטער סימען.

מאַריץ ליגט לאַנג, ער וואָלט געוואָלט הערן זיין שטים, און ער רופט זיך אָן שטיל און פאַרטראָגן:

— סימע!

— וואָס איז, וואָס ווילסטו?...

די אַלטע שטייט איבער אים מיט ווילדער שרעק.

— סימע, כ'האָב געזינדיקט...

— נאָר וואָס דען? אַ גוטער איד?... אַ כשרער איד ביסטו געווען...

— וואָס־זשע זאָל איך טון?

— וואָס זאָלסט טון? שלאָף, שלאָף, נעם אביסל טיי...

דער קראַנקער שווייגט לאַנג, דערנאָך זאָגט ער שטיל, מיט אַ שעפּטש:

— סימע..

— וואָס'איז?

— סימע... אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלסטו נישט זשאַלעווען קיין ליכט... מיינע זאַכן — אַוועקשענקען... זאָל עמעצער האָבן...

די אַלטע בויגט זיך אַריבער, קוקט אים אָן ווילד און פאַלט אויף אים אָן:

— הער שוין אויף, וואַרף נישט אָן קיין פּחד... אפשר וואָלט איך אַרויסגערופן אַ פּאָר מענטשן?

נאָר מאָריץ ענטפערט נישט. ער האַלט איין דעם אָטעם. ער וויל זי שרעקן. ער וויל, זי זאָל מיינען, אַז ער איז שוין געשטאָרבן...

# א מאַטערניש

איך בין געשטאַנען בײַם פענסטער אויף א פינף־שטאָקיקער הויך. ווי א קאַסטן מיט רייען פענסטער האָט אויסגעזען דער הויף. איך האָב אַראָפּגעקוקט צום בלאָלעכן אַספאַלט, ווו דער הויף איז געלעגן אויסגעפלאַסטערט און דער שטרענגער ריח פון שטאָט האָט זיך שווער אויף מיר געלייגט. א הויכע, גרויסע שטייג פון פינף שטאָק. א שטייג צעשניטן און צעטיילט אויף קליינע שטייגן. און אין יעדער פון די שטייגן איז א נעסט פון לעבנס, פאַרמאַכטע און אָפּגעשלאָסענע. מיר איז געוואָרן באַנג נאָך א מענטש, און איך האָב גענומען אַראָפּקוקן אין די פענסטער, און דאָ, אין דער זײַטיקער מויער, האָט זיך מײַן בליק פאַרהאַלטן אויף א פענסטער נידעריקער מיט צוויי שטאָק. איך האָב מיטן אויג געקאָנט דערכאַפּן נאָר דאָס ווײַסע פענסטער־ברעטל און א שטיקל „פּאָסאַדזקע" פון דער פּאָדלאָגע. אין דער מינוט איז אויפגעטראָטן א מענטש מיט א גאָלן, גלאַנציקן קאָפּ, מיט א גרויסער, פיר־עקיקער, טאָוולנער פּודלע. די פּודלע האָט ער אוועקגעשטעלט אויפן פענסטער־ברעטל און, מאַכנדיק ענערגיש מיט די הענט, האָט ער, זעט אויס, גערעדט צו וועמען, וואָס האָט זיך געפונען ווײַטער אין צימער.

ער האָט, רעדנדיק זײַער לאַנגזאַם, אויפגעפּאַקט די פּודלע, אויפגעריסן בײַ די זײַטן דאָס פּאַפּיר און אין מיטן זיך פאַרטראַכט. אָבער איך האָב מיך זײַער געאײַלט, מיר האָט זיך זײַער געוואָלט זען, וואָס אין דער פּודלע ליגט.

דער מענטש מיטן גאָלן קאָפּ האָט זיך זייער געערגערט. עס האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט אים עפּעס קאַליע־געמאַכט. ער האָט שוין דאָס גאַנצע פּאַפּיר פֿון דער פּודלע באַזייטיקט, עס איז נאָר געבליבן אַראָפּצונעמען דעם דעק.

געוויס האָט מען אים אָפּגעבּרענגט אַרבעט, וואָס איז נישט געראָטן, דערפֿאַר ערגערט ער זיך... — האָב איך געטראַכט. מיין אויג איז געווען אָנגעשטרענגט אויף זיינע רירעוודיקע הענט, וואָס האָבן קיין מינוט נישט גערוט. ער האָט געקלאַפּט מיט די פּלעכן פֿון די הענט אָן דעם דעק פֿון דער פּודלע, און איך בין דערווייל געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיטן טרעפֿן, וואָס אַזוינס עס קען זיך אינעווייניק געפֿינען. צוערשט האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס איז אַ הוט. די פּודלע איז אָבער געווען צו־גרויס און צו־פּלאַך פֿאַר אַ הוט, און איך בין באַלד איבערגעשפּרונגען אויף העמדער. אָבער פֿאַר העמדער איז די פּודלע געווען צו־הויך, ווייל העמדער וואָלטן געקאָנט ליגן נאָר טוצנווייז און דאָ האָט געקאָנט אַריין אַ סך מער. ניין, דאָס איז זיכער טריקאָטאַזש, און ווען כ'האָב אַ קלער געטון, וואָס אַלץ דאָ האָט געקאָנט ליגן, האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ און איך האָב אויפֿגעגעבן דעם חשק צו טרעפֿן. אָבער ווי קליינע ווערעם זענען מיר דאָך געקראָכן אין קאָפּ: אפשר גלאָזוואַרג? ניין, קעם, ווייבערישע קעם. אָדער: אפשר שפּיגעלעך? עטלעכע גרויסע שפּיגעלעך? אַך, וויפֿל וואָלט איך געגעבן, אַז דער מענטש מיטן גאָלן קאָפּ זאָל שוין אַראָפּנע־מען דעם דעק פֿון דער פּודלע!

איך האָב מיך געוואָרפֿן אויף לאָגיק: וואָס דאַרף ער, דער מענטש אונטן, זיך ערגערן? צו וואָס דאַרף ער זיך קאַליע מאַכן דאָס בלוט? אָט, זאָל ער אויפֿהויבן דאָס דעקל פֿון דער פּודלע, וועט מען זען: אפשר איז גאָר די סחורה נישט אַזוי שלעכט? אפשר קאָן מען נאָך פֿאַרריכטן?

נאָר שאַ! אפשר זענען עס גאָר שיך? עס קאָן זיין, אַז דאָס זענען שיך. ניין, שיך ליגן יעדע פּאָר אין אַ באַזונדער שאַכטל, און איך האָב מיך אָנגעהויבן אויפֿסניי צו מאַטערן.

— וואָס גייט דאָס מיך אָן, וואָס דער אידיאָטישער מענטש

מיטן גאַלן קאָפּ האָט דאָרט אין דער פּודלע... וואָס איז דאָס מיין דאגה? איך האָב מיך אפילו דערמאָנט, אַז איך דאַרף ערגעץ גוי־טיק אוועקגיין... נו, איך וועל שטיין נאָך אַ מינוט. טאָמער עפּנט ער נישט די פּודלע, גיי איך אוועק... מיין ערן־וואָרט, אַז איך גיי אוועק...

די אויגן האָבן מיר אָנגעהויבן וויי־טון פון אָנשטרענגונג. איך האָב אָנגעהויבן ציילן ביז צען... ביז צוואַנציק... ניין, ביז פופציק...

דער מענטש מוז זיין אַ שלעכטער, אַ באַצווינגער... אַן עקס־פּלואַטאַטאָר... נו, האָט דאָרט דער אַרבעטער נישט אַזוי גוט גע־מאַכט די אַרבעט... אָבער אַ קוק־טון מעג מען דאָך?

איך וועל קוקן פינף מינוט אויפן הימל. דער הימל איז בלאָ, פרידלעך און גלייכגילטיק און אין מיטן דער בלאָקייט איז פאַר מיינע אָנגעשטרענגטע אויגן אַרויסגעשווומען אַ פּודלע, אַ פאַרמאַכטע פּודלע. אַ גרויסע און נאָך אַ גרעסערע. די פּודלע איז געוואַקסן גרעסער... גרעסער... ביז איבערן גאַנצן הימל...

איך האָב אַוועקגעריסן דעם בליק אַראָפּ צו דעם פענסטער. אין דעם אויגנבליק האָט דער מענטש מיט איין באַוועגונג אַראָפּ־גענומען דעם דעק פון דער פּודלע. מיר האָט אַ מיש געטון פאַר די אויגן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך פלי אַראָפּ פונעם פינפטן שטאָק.

אין דער פּודלע זענען געלעגן איינגעפּאַקט פיר קלענערע פיר־עקיקע פּודעלעך.

ניין, דאָס זענען געווים זייער קאָסטבאַרע זאַכן, וואָס ליגן אַזוי איינגעפּאַקט. אפשר זילבער? זילבערנע פּושקעלעך? פאַר מי, זינען האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַנטאַסטישע שפּיל פון פאַרשידענע בלאַנקנדיקע זאַכן. דאָס איז גיך אַריבערגעגאַנגען אין אַ מאַטער־ניש. איך האָב מיטאַמאָל דערהערט, ווי איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ. צו וואָס האָט מיר געטויגט זיך צו פאַרבינדן מיט עפּעס אַ פרעמדער פּודלע? וואָס דאַרף איך דאָס? אפשר אַראָפּלויפן אונטן, אָנקלאַפּן און אַ פרעג־טון? ניין, ניין, עס האַלט נאָך נישט

דערבײַ! איך האָב שוין סײַ־ווי פּאַרשפּעטיקט, און כ׳האָב נאָך צײַט... איך האָב מיך געשעמט פאַר זיך אַליין און איך האָב מיך דערמאָנט פּיל זאַכן אין לעבן, וואָס איך האָב געטון און ס׳איז מיר אויסגעקומען נישט גוט. כ׳בין אַליין געווען שולדיק. יאָ, דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווײַל כ׳האָב נישט קיין שטאַרקן ווילן. איך האָב גענדאַרפט באַלד אַוועקגיין, נישט שטיין און וואַרטן, ביז וואַנען דער גראָבער מענטש מיטן גאָלן קאָפּ וועט עפענען די פּודלע.

דער מענטש אָבער אונטן האָט זיך איצט געשאָקלט, ווי ער וואָלט עמעצן אויסגערעכנט אַלץ, וואָס יענער האָט אָפּגעטון. די הענט האָט ער געהאַלטן אין די הויזן־קעשענעס. ער האָט זיך, זעט אויס, שוין אַביסל באַרואיקט. איצט וועט ער אויפּפּאַקן איינס פון די פיר קליינע פּודעלעך און ארויסנעמען... יאָ, ער וועט ארויס־נעמען די... זייגערלעך. מיר איז אײַנגעפאַלן: זייגערלעך. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז דאָס זענען נישט קיין זייגערלעך. מיטאַמאָל האָט דער מענטש אַרויסגעכאַפּט די הענט פון די קעשענעס און ווידער אָנגעהויבן מיט זיי אַרומצולויפן איבער די פּודלעס. דאָס האַרץ איז מיר שיער אַרויסגעפאַלן, ווען ער האָט אַ כאַפּ געטון איינע פון די פיר קלענערע פּודלעס, גיך אַראָפּגענומען דאָס פּאַ פּיר און צוריק אַוועקגעשטעלט.

ניין. דאָס איז שוין צופיל. אַ כוואַליע בלוט האָט מיר צוגע־שלאָגן צום קאָפּ. מײַנע הענט האָבן זיך איצט געבײַלט... אַזאַ מענטש וואָלט איך דערשטיקט מיט די הענט. וואָס איז דאָס פאַר אַ נפש?... איך האָב דערפילט די בלוטיקע עולה, וואָס איין מענטש קאָן טון דעם אַנדערן. דערנאָך איז מײַן כעס איבערגעגאַנגען אין אַ געבעט:

— נעם אַראָפּ דאָס דעקל... נאָר איין פּודלע עפן אויף... איך וועל נאָר אַ קוק־טון...

אַלס ענטפער אויף מײַן געבעט איז דער מענטש פאַרשוווּנדן פון פענסטער. איך האָב געפילט, אַז איך ווער משוגע...

אפשר האָט אים דאָס ווײַב אַוועקגערופן אויף אַ מינוט? אפשר איז ער געגאַנגען ברענגען עפּעס, כדי צו ווײַזן, ווי אַזוי דאָס דאַרף געמאַכט ווערן? וועל איך דאָך זען, וואָס דאָס איז.

דעמאָלט טו איך אַ שפּיי אויף אים מיט זיינע פּודלעס, און איך גיי מיר אוועק... בין מיר אַ פריער מענטש... כאַ־כאַ־כאַ!...

מיין געדאַנק איז גיך געלאָפן. אַט אַזוי ווערט מען משוגע...— האָב איך געטראַכט.

דאָ האָט זיך דער מענטש צוריק באַוויזן. איך בין געווען אין זיין מאַכט. איך האָב אים מיט מיין בליק געבעטן, ער זאָל נישט אוועקגיין. ער זאָל מיך נישט לאָזן אַזוי. איך האָב צייט... איך וויל וואַרטן, אַבי נישט אוועקגיין...

ניין, די וועלט איז נאָך נישט אַזוי פאַרדאָרבן... די מענטשן זענען נאָך נישט אַזוי שלעכט. מיר איז גוט, דער מענטש האָט גענומען די פּודלע אין דער האַנט, ער האָט זי אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און אַט נעמט ער אָן מיט די פינגער דאָס דעקל. אַט־אַט!... איך פאַרמאַך אַזש די אויגן, ווייל דאָס האַרץ קלאַפּט מיר מאָדנע שנעל. און ענדלעך...

וואָס איז געשען? ס'לויפן פייערדיקע פּאַסן אַרויף און אַראָפּ. דאָס דעקל איז אַראָפּגענומען, און די פּודלע איז געשפּאָלטן אויף פיר טיילן. אין יעדן טייל ליגט אַ קליין פּודעלע איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר פון דער זעלבער פאַרב און גרויס — געלבלעך פּאַפּיר. וואָס טוט מען? מענטשן! ער לייגט צוריק אַריין דאָס פּודעלע אויפן אָרט. אין מיין האַלז האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ טרוקענע ענגשאַפט. צי האָב איך געשריגן? ניין! ער וועט דאָס נישט טון... ער וועט אויפפּאַקן איינס... איין קליין פּודעלע... מיר גייט נישט דערין, וואָס דאָרטן ליגט... וואָס גייט עס מיך אָן?... גאָט, ער נעמט ווידער די פּודלע... די גאַנצע גרויסע פּודלע... די קליינע און די גרויסע, אַלע, אַלע צוזאַמען... אַזוי לייכט, מיט די בלויזע פינגער... דאָס מוזן זיין גרינגע זאַכן. ער הויבט דאָס אויף און טראָגט דאָס אַלץ אַוועק... דאָס ווייסע פענסטער־ברעטל איז ליידיק און קיינער איז נישטאָ. איך פיל דעם פרישן, שטעכנדיקן קוואַל פון עוולה... פאַרוואָס?... האָט דער מענטש געוווּסט, אַז עמעצער מאַטערט זיך און ער קאָן אים גוט־מאַכן מיט איין באַוועגונג?... פאַרוואָס... פאַרוואָס האָט ער דאָס נישט געטון?... פאַרוואָס?...

## א אידיש מיידל

איך האָב מיך באַקענט מיט א מיידל, א אידיש מיידל מיט שווארצע האָר און שווארצע אידישע אויגן. איך האָב לאַנג מיט איר שפּאַצירט און גערעדט וועגן פיינע, איידעלע זאַכן און ווען איך האָב זי אָפּגעפירט צו איר טויער, האָט זי מיר גע־זאָגט פּשוט, פריינטלעך, מיט א ליבן שמייכל:

— מיר איז געווען זייער אָנגענעם... איך וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען... מיר זאָלן זיין פריינט...

אויף מיר האָט א הויך געטון א ליבע ווארעמקייט:

— איך וויל מיך אויך מיט אייך באַגעגענען...

איך בין געווען יונג און בין אוועק פון איר מיט א דער־ווארעמטקייט, פול מיט האָפענונגען.

נאָכדעם האָבן מיר זיך אָפט באַגעגנט.

זי האָט מיר אַלעמאָל געזאָגט.

— איר געפעלט מיר זייער... דערפאַר, וואָס איר זענט נישט אזוי, ווי אַלע... וואָס ווילן נאָר אויסנוצן די נישט־דער־פאַרנקייט פון דער פרוי... איר זענט פאַר מיר, ווי א ברודער... און איך גלויב, אַז איר זענט א ריינער מענטש און וועט מיר קיין שלעכטס נישט טון... איך וואָלט מיט אייך נישט מורא גע־האַט צו גיין, וווּ עס זאָל נישט זיין... ווייל איך גלויב אייך...

דערביי האָט זי געדריקט מיין האַנט.

איך האָב געוואָלט זיין מיט איר אויף „דו".

— גוט — איז זי דערויף באַשטאַנען.

— וועט זיך מיר דאַכטן — האָט זי געזאָגט — אַז איך רעד צו מיין ברודער משה...

איך האָב איר געגלעט אירע שווערע, פעטע האָר און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, מורמלענדיק:

— וואָס פאַר אַ צאַרט אינגעלע דו ביזט...

דערביי האָב איך געציטערט פונם באַגער אַרומצונעמען איר קערנדיק, יונג לייב. זי האָט אָבער באַלד צוגעגעבן:

— נאָר ווער נישט ברוטאַל, אַזוי ווי אַלע מענער... פאַר דיר פּאַסט דאָס נישט...

מיר האָט זיך שרעקלעך געוואָלט זיין „אַזוי ווי אַלע מענער", אָבער איך האָב אַוועקגענומען די הענט און געקוקט אויף איר מיט אַ נאַרישעוואַטן, פאַרקרומטן שמייכל.

מיר האָבן זיך שוין איצט באַגעגנט יעדן טאָג. מ׳האָט אונז אומעטום געהאַלטן פאַר אַ פּאָרל. זי פלעגט אַרויפקומען צו מיר און אירע ערשטע ווערטער פלעגן שטענדיק זיין:

— נאָך וואָס זאָלן מיר זיצן אין שטוב?... ס׳איז אַזאַ שיינער דרויסן...לאָמיר בעסער גיין שפּאַצירן...

עס האָט לאַנג געדויערט, ביז וואַנען זי האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן. עס האָט מיך געקאָסט פיל מי, ביז וואַנען זי האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, דעם זשאַקעט. זי האָט אַרומגעפלאַטערט, ווי אַ צעשראָקענער פויגל אין אַ שטייג און האָט אַלץ געמענהט:

— נו, וואָס וועט שוין זיין, אַז איך וועל אויסטון דעם הוט, אַז איך וועל זיצן?... לאָמיר בעסער גיין...

זי איז געווען שטאַרק מוסקולירט און ביי מיין מינדסטן פּרוּוו זי אַרומצונעמען, האָט זי מיך לייכט אָפּגעשטופּט, ווי אַ קינד. דערצו האָט זי געהאַט אין זיך אַ האַרטע איינגעשפּאַרט־קייט, וואָס האָט געשלאָגן מיט אַ פאַרדראָסיקער ווייטאָגלעכקייט.

יעדעס מאָל, וואָס זי האָט געדאַרפט אַרויפקומען צו מיר, האָב איך לאַנג מיט איר גערעדט און געבעטן, און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, איז מיר געבליבן אַ פּרוכטלאָזע ליידיקייט.

האָב איך זי איינמאָל מיט אַלע כוחות אַרומגעכאַפּט און איר אַ קוש געטון אין די ליפּן. דער קוש איז געווען אַ משונה־דיקער, מיינע ליפּן האָבן זיך דערביי אַנגעשטאָכן אָן אַ האַרטן צאָן. דערביי האָט זי אַ שפּרונג געטון און איר קרעפּטיקע האַנט האָט זיך אַנגעשלאָגן אָן מיין נאָז. איך האָב נאָר דערפילט אַ קלעמענדיקן ווייטאָג.

זי האָט זיך אויף מיר באַליידיקט, לאַנג נישט געקאָנט קו־מען צו זיך, איר האַלז איז פאַרלאָפן מיט אַ רויטקייט און עטלע־כע טעג האָט זי זיך נישט געוויזן.

דערנאָך האָב איך באַקומען פון איר אַ בריוול:

„מיין ליבער פריינט!

„איך וויים, אַז דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, איז געווען אַן אָנפאַל פון חיהשע אינסטינקטן, וואָס דער מענטש טראָגט נאָך, ליידער, אין זיך... איך האָב זייער געליטן דערפון... איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז דו וועסט זיין פעאיק צו באַליידיקן מיין ווירדע אַלס פרוי און מענטש... אָבער כ'גלויב, אַז דאָס וועט זיך מער נישט איבערחזרן און אונזער פריינט־שאַפט וועט אויך ווייטער בלייבן נישט געמינערט. ליבער פריינט, לאָמיר פאַרגעסן אָן דער מינוט, וואָס הענגט, ווי אַ טונקעלער פלעק, אויף אונזערע גוטע געפילן, און אויב דו ווילסט, קאָנען מיר זיך היינט טרעפן פינף אַזייגער און מאַכן אַ שיינעם שפּאַציר הינטער דער שטאָט, ווו דער מענטש לעבט אויף דער שויס פון דער נאַטור און דער בלאָער הימל איז נישט פאַרשטעלט פון די גראָע מויערן...״

*

און ווידער האָבן מיר זיך באַגעגנט אויף לאַנגע, מאַטערנ־דיקע שפּאַצירן, און זי האָט מיר דערציילט וועגן אירע עלטערן. זי האָט זיי נישט אַנדערש אָנגערופן, ווי „מיינע ליבע עלטערן״. איך האָב שוין געוווּסט אַלע קלוגע רייד פון אירע זיידעס און באָבעס, פרומע אידן. איך האָב שוין געוווּסט, ווען ס'געפאַלט דער יאָרצייט פון איר זיידן, וואָס איז געווען אַ רב. בעת אַזאַ באַ־

געגעניש, ווען ס'איז געווען א יארצייט, איז זי געווען טרויעריק און האט גערעדט מיט מיר וועגן טויט, וואס האט אוועקגענומען דעם טייערן זיידן, וואס איז געווען א גרויסער מענטש, כאטש ער איז שוין אלט געווען אכציק יאר, האט ער נאך געדארפט לאנג לעבן.

איך בין געגאנגען נעבן איר אויף די ווייטע שפאצירן צווישן האלב־שטאט און האלב־דארף. מיר זענען געזעסן אויף בערגלעך און שטיינער און געקוקט אויף די לויפנדע באנען, שי־נעס, בריקן און ווייטע, פארבלאטע שטיקער געגנט. מיין האנט האט לייכט געבלאנדזשעט אויף איר ארעם און מיין אויג האט געבלאנקעט איבער איר מעכטיקער, ווייבלעכער שוים...

זי האט גערעדט וועגן „מענטשלעכקייט" און עס האט זיך גערעדט, אז אויף איר ליגט עפעס א חוב צורעכט־צו־מאכן די שלעכטע, פארדארבענע מענטשהייט... און איר בליענדיק לייב האט אויסגעזען פאר מיר, ווי א שטרענג־פארמאכטער גארטן, וו: ס'וווינט א בייזער, שטרענגער, פרומער גייסטלעכער.

דערנאך איז זי אוועקגעפארן אין איר געבורטס־שטעטל און נאך לאנג מיר געשריבן בריוו.

*

און איצט, ווען איך האב מיך דערוווסט, אז זי האט חתונה געהאט מיטן אן אלמן און געבוירן א צווילינג, א אינגעלע מיט א מיידעלע, איז מיר פארגאנגען א מאדנער ריח פון אירע פעטע האר און שטרענגע, כשרע הענט, און עס דאכט מיר, אז איך האב עפעס פארלוירן. עפעס אזוי אומגעלומפערט און נישט קלוג...

# א קוזינקע

צו דער פאמיליע נ. איז אראפגעקומען א קוזינע פון דער פראווינץ, א מיידל פון א יאר פינפאונצוואנציק. א לאנגע צייט זענען געגאנגען בריוו פון דעם קליינעם שטעטל צו די נ—ס. עס האבן געשריבן די עלטערן פון דעם מיידל פאלטשע וועגן דעם, אז זי „זמארנעוועט" אירע יונגע יארן מיט איר שיינקייט אין דער פראווינץ. אז זי איז שיין און געבילדעט, און זי האט נישט מיט וועמען צו פארברענגען. אז די טייערע קוזינעס און די מומע מיטן פעטער וועלן זיך, חלילה, נישט דארפן מיט איר שעמען. און צום סוף האט די פראווינצער מאמע, וואס איז געווען א שוועסטער פון דעם ה' נ., צוגעשריבן מיט קרומע שורות, האלב־דייטשמעריש, אז: דאס מעדכען פאררייסט דאס אויג... זי בליט ווי איינע בלומע... און אז גאט וועט העלפן, וועט זי אפשר אין דער גרויסער שטאט צווישן מענטשן געפינען איר באשערטן... אמן...

די פאמיליע נ. האט פאר דער קוזינע קיין סך ארט נישט געקאנט אנגרייטן. די גרויסע אלטע שטוב איז באשטאנען פון פיר צימערן, דערויף זענען אין דער שטוב, א חוץ די עלטערן, געווען פיר דערוואקסענע טעכטער און צוויי זין. און ווען ס'איז געקומען די נאכט, איז מען געשלאפן אויף קאנאפעס, אויף אויס־שטעל־בעטלעך און אפילו אויף שטולן.

די פיר טעכטער: יאדזשע די סטודענטקע און מאדזשע די

אפליקאנטקע, עלע די ביוראליסטקע און בעלע די מאניקוּושיסט־קע — אלע זענען געווען דערפאר, אז מ'זאל אראפּברענגען די קוזינע פון דער פּראָווינץ, און די צווי זין, אדאש און מיכאש, וואס האבן גאנצע יארן געזוכט פאכן, וואס זאלן זיין גוט אין די ווייטע לענדער, ווו זיי האבן געוואלט עמיגרירן, האבן זיך שוין אויך אריינגעמישט:

— זאל זי שוין קומען... לאמיר זי שוין אנקוקן, די „גאנז"...

און יעדער פון די גרויסשטאטישע האט צוגעזאגט עפּעס פאר דעם אָרעמען, פּראָווינצער מיידל נעבעך.

— איך קאן זי מיטנעמען אין א קינא... און שוין...

— און איך וועל זי נעמען איין מאל אין טעאטער.

די מיידלעך האבן זיך „אפּיארעוועט" זי מיטצונעמען אויף א דאנסינג. און אפילו די דינסט מאלגאשא האט גרויסמוטיק זיך אונטערגענומען זי זונטאג אביסל צו פירן, איר ווייזן די שטאט.

אזוי איז געבליבן.

אבער, ווו מען וועט זי לייגן שלאפן, האט מען נאך נישט געוווּסט, דערביי האבן די אינגלעך זיך געחכמהט און די מיידלעך האבן געזאגט, אז אלע יא, נאר שלאפן מיט איר אין איין בעט — דאס נישט... דא האט מאלגאשא די דינסט ווידעראמאל ארויסגעוויזן איר גוט הארץ און האט דערקלערט, אז ווען די פּאַניענקע וועט קומען, וועט זי זי לייגן שלאפן אין קיך. זי וועט איר אויסבעטן, און ס'וועט שוין זיין גוט. נאכדעם האט דער ה' ג. געשריבן אין שטעטל אריין צו זיין שוועסטער, אז זי זאל שיקן דאס מיידל. כאטש ס'איז ענג, נאר מ'וועט זיך שוין אן עצה געבן... די טעכטער מיט די זין זענען געשטאנען איבערן פאטער, ווען ער האט געשריבן דעם בריוו, און האבן אים געוואָרנט:

— אבער געדענק, אז מער ווי איין מאל וועל איך נישט גיין מיט איר...

— איך וועל זיך אויך מיט איר נישט ארומפירן.

— און איך האב געזאגט, אז כ'וועל גיין מיט איר אין קינא... אבער ווייטער נישט...

און דער בריוו איז אוועקגעגאנגען.

*

אויפן צווייטן, צי אויפן דריטן טאָג האָט מען אָנגעקלונ־גען ביי דער טיר. די דינסט מאַלגאָשאַ איז אַריינגעלאָפן אַ פאַר־סאָפּעטע:

— עפּעס אַ הער... אַזאַ „פּושיסטאָינער"... אַזאַ עלעגאַנט־סקער... פרעגט זיך אויף דער „פּאַניענקע"...

— וואָר פאַר אַ פּאַניענקע?

אַלע פיר טעכטער: יאַדזשע און מאַדזשע, עלאַ און בעלאַ האָבן זיך אַ לאָז געטון אין פאָדערצימער, וווּ מיט דעם הוט אין דער האַנט, פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן, איז געשטאַנען אַן אויסגעגלאַנצטער, הויכער יונגערמאַן. ער האָט זיך אַ נויג געטון און געפרעגט:

— די פריילין פּאַלטשע פונם שטעטל ל. איז שוין געקו־מען?...

— „פּראָשען" — האָבן אַלע פיר אויסגעזונגען — קומט ווייטער, זעצט איך...

דער הער האָט אָבער זיך נישט גערירט פונם אָרט:

— די פריילין פּאַלטשע...

— יאָ. זי דאַרף קומען... מיר האָבן זי פאַרבעטן...

און יאַדזשע די סטודענטקע האָט אַ זאָג געטון:

— מיר וועלן זי אַביסל האַלטן אין דער גרויסער שטאָט...

און מאַדזשע די אַפּליקאַנטקע:

— אַ שאָד... אַ יונג מיידל אין דער פּראָווינץ...

און עלאַ די ביוראַליסטקע:

— איך האָב זי געוואָלט אַביסל פאַרוויילן...

און בעלאַ די מאַניקורזשיסטקע:

— אַביסל איר ווייזן דאָס לעבן...

דאָ האָט דער יונגערמאַן אַ זאָג געטון:

— אָ, דאָס וועט איר נישט פעלן... איך בין אַליין אַן אַר־טיסט און די טעאַטערן וועלן פאַר איר זיין פריי...

די פיר שוועסטערן האָבן קוים געכאַפּט דעם אָטעם. מ'האָט זיך גענומען קניפּן און איינע האָט געשטופּט די צווייטע, מ'זאָל אים פאַרהאַלטן — אָבער איידער וואָס־ווען, האָט דער יונגערמאַן אַ מרוקע געטון:

— אַנטשולדיקט...

און איז פאַרשוווּנדן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער רעש. אַלע שוועסטערן האָבן גערעדט צוזאַמען:

— „יאַקי פּיענקני"...

— ווי עלעגאַנצקע...

— מ'זעט באַלד אַן אַרטיסט...

— ער האָט כּסדר געקוקט אויף מיר...

— ער האָט דיך אַפילו נישט געזען...

— ער האָט געקוקט אויף מיר...

— אוודאי... ער האָט נאָך אַזעלכע נישט געזען...

— ווי קומט די פּאַלטשע צו אַזעלכע באַקאַנטע...

— כ'וואָלט זי שוין געוואָלט זען...

— זי „פּושטשעט" זיך געוויס... ווען נישט, וואָלט אַזאַ „אַרטיסטאַ" צו איר נישט געקומען...

— ער וועט געוויס נאָכאַמאָל קומען...

און נאָך איידער מ'האָט זיך אָפּגערעדט פון האַרץ, האָט מען ווידער אָנגעקלונגען ביי דער טיר. דאָס מאָל איז שוין אויף דער שוועל געשטאַנען אַ צווייטער יונגערמאַן. ער האָט גלייך אַ פרעג געטון:

— קאָן איך זען די פרײַלין פּאַלאַ... זי האָט מיר געשריבן, אַז זי וועט דאָ וווינען...

דער יונגערמאַן איז אויך זייער געפעלן. און ס'האָט זיך שוין איינגעגעבן די שוועסטערן אים אַרײַנצושלעפּן אין דעם ערשטן צימער, דאָ האָבן זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום אים. דער יונגערמאַן האָט אָבער זיך געדרייט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט נאָר געזוכט דאָס פרײַלין פּאַלע:

— זי האָט געשריבן, אַז זי פאָרט אַרויס... אַך, ווי איך

וואָלט זי שוין געוואָלט זען... איך האָב מיך מיט איר באַקענט, ווען איך בין געווען אין שטעטל ל. איך האָב מיינע עלטערן אין א דערבייאיק שטעטל... דאָרט איז זייער שיין... מיר פלעגן מאַכן שיינע אויספלוגן... פון דעמאָלט אָן שרייבן מיר זיך איבער. דאָ זענען דאָ נאָך צוויי קאָלעגן סטודענטן, וואָס וועלן געוויס אהער־קומען זען פּאַלטשען... און איינער אַן אדוואָקאַט פון דעם שטעטל ב. קומט ספּעציעל צו פאָרן אהער, כדי מיט איר צו פאַר־ברענגען... אָבער מיר וועלן נישט דערלאָזן... מיר מאַכן א „וויע־טשאָרעק" ספּעציעל פאַר איר...

— צי איז זי א שיינע? — האָט מאַדזשע א פרעג געטון.

דער יונגערמאַן האָט אַזש א שפּרונג געטון:

— צי פּאַלאַ איז א שיינע?... איר קענט זי גאָרנישט?... זי איז נישט נאָר א שיינע... זי איז...

— זי איז אונזער א נאָענטע... א קוזינע... — האָבן אַלע מיידלעך אויסגעשריגן.

— אַזוי... זייער אָנגענעם...

און דער יונגערמאַן איז פאַרשוווּנדן.

פון דעם טאָג אָן האָט די טיר נישט גערוט. עס זענען געקו־מען יונגעלייט פון פאַרשידענעם קאַליבער, נידעריקע און הויכע, שלאַנקע און דיקע. יונגע און עלטערע. זיי זענען געגאַנגען, ווי פאַרכישופטע, זוכנדיק די פרייילין פּאַלטשע פונם שטעטל ל. אַלע האָבן באַקומען בריוו אָדער ידיעות וועגן איר קומען אהער. די אַלע האָבן זי ווו־ערגעץ געזען אין די אַרומיקע שטעטלעך, אויף אויספלוגן און שפּאַצירן און קיינער האָט זי שוין נישט געקאָנט פאַרגעסן.

די שוועסטערן: יאַדזשע און מאַדזשע און עלאַ און בעלאַ האָבן אויפגענומען די געסט. מ'האָט זיך אָנגעטון יום־טובדיק, מ'האָט זיך „געמאַכט" די אויגן מיט די האָר און ביי יעדן קלונג האָט מען זיך אויסגעשטעלט אין פּאָדער־צימער אַזוי ווי אויף א פּאַראַד.

אַזוי זענען אַדורך עטלעכע טעג. אין פּאָדער־צימער האָט כסדר געברענט ליכט. אַלע פּאָר שעה זענען געקומען געסט. און

אויפֿן דריטן פֿאַרנאַכט האָט מען אָנגעקלונגען, און אַ שייגעצל האָט אַריינגעשטעלט אַ קויש בלומען מיט אַ צוגעבונדן קאַרטל פֿאַר דער פֿריילין פֿאָלאַ.

— „קאָש קוויאַטוּוו"...

— אַ קויש בלומען...

אַ קעסל האָט געקאָכט אין דער שטוב, די דינסט מאַלגאַ־שאַ האָט זיך אָנגעטון אַ ווייס פֿאַרטוך. און ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דער וויזיט־קאַרטע ביי די בלומען איז געווען אויפֿגעשריבן אַ קריסטלעכער נאָמען, דעמאָלט איז די פֿריילין מאַדזשאַ אַריינגעלאָפֿן צו דער מוטער און אויסגעשריגן:

— מאַמושיאַ!... איך וויל נישט, אַז אין אונזער שטוב זאָל וווינען אַזאַ פּאַננע... מיר וועלן זיך אַלע קאָמפּראָמיטירן...

*

און אָט האָט זיך געעפֿנט די טיר און דער סטרוזש האָט אַריינגעטראָגן צוויי וואַליזעס. און באַלד האָט זיך דערהערט אַ הויכע, פֿרישע, קלינגענדע שטים.

דאָס איז געווען פֿאָלטשע. זי האָט זיך אָפּגעקושט מיט אַלע קוזינעס, מיט דער מומע און מיטן פֿעטער. און ערשט איצט האָבן אַלע דערזען, אַז איז אַ יונגע, הויך־געוואַקסענע מויד מיט אַ ראָזע, פֿרישע הויט און אַ פֿריש מויל מיט בלאַנקענדיקע ציין.

די מיידלעך האָבן זי באַטראַכט שטיל מיט איינגעגעסענע בליקן. זיי האָבן שוין געוווּסט, וווּ עס ליגט דער כישוף, וואָס רופֿט צו איר די אַלע מענער. זיי האָבן געמאָסטן איר לייב, אירע האָר, אירע ציין און אירע אויגן.

און מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען, אַז דאָס פּראָווינצער מיידל איז אָנגעטון לויט דער לעצטער מאָדע. און די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן טאַפּן דעם שטאָף פֿון איר קלייד.

מען האָט באַטראַכט טרוקן און זאַכלעך, אָנרירנדיק דערביי איר לייב, ווי מען וואָלט געוואָלט דערטאַפּן, צי ס'איז עכט.

פֿאָלטשע איז געזעסן בלאַנקענדיק מיט איר פֿרישער, געזונטער שיינקייט. זי האָט רואיק אויפֿגענומען די מעלדונגען וועגן די

אַלע, וואָס האָבן געפרעגט אויף איר: — אַך אַזוי... און ד ע ר איז אויך געווען?...

און שוין די ערשטע נאַכט האָט זיך יעדע פון די טעכטער געריסן איר אָפּצוטרעטן דאָס בעט. אויף מאָרגן באַלד אינדער־פרי איז געקומען אַ הער און זי צוגענומען. איר מיטאָג איז גע־בליבן שטיין, ווייל זי האָט געגעסן אין גאַס. מער איז זי נעכטיקן נישט געקומען. זי איז נאָר געקומען זיך איבערטון. דעמאָלט זע־נען די גרויסשטאָטישע מיידלעך געשטאַנען אַרום איר און זי האָט אויסגערעכנט די אַלע לאָקאַלן, קאַפעען און פּלעצער, וווּ זי האָט שוין באַוויזן צו זיין. דאָס זענען געווען נעמען פון ערטער, וואָס די טעכטער האָבן צום ערשטן מאָל געהערט. און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די גרויסע, רייכע, פרייִלעכע שטאָט איז נאָר פאַר דער געזונטער, שיינער, פרישער און אויסגערוטער פאָלטשע פון קליינעם שטעטל...

# אליין

שוין אין שפעטן אָוונט איז מען צוריקגעקומען פונם דאָק־טאָר. דער קראַנקער איז דאָס מאָל געגאַנגען שנעל און זאַכלעך. דאָס ווייב האָט אים נישט געקאָנט דעריאָגן אויף די טרעפּ. אויף דער שוועל האָט אים באַגעגנט די עלטערע טאָכטער חוה — די, וואָס איז שוין אַ כלה. זי האָט געוואַרט צו הערן, וואָס דער דאָק־טאָר האָט געזאָגט. דער פאָטער האָט איר אַ גלעט געטון, ווי שוין לאַנג נישט, שוין פון די קינדער־יאָרן אָן. זיין געל פּנים האָט גע־שמייכלט, זי האָט אים שוין לאַנג אַזוי קלאָר און אַזוי בולט נישט געזען, ווי איצט, גלייך ווי זיין פּנים וואָלט געווען באַלויכטן פון עפּעס אַ ניי ליכט.

— נו, טאַטע... וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר?...

— אַ, געזאָגט... וואָס זאָגט אַ דאָקטאָר? כ׳ווייס...

— פאָרט וואָס?...

אין דער מינוט איז אָנגעקומען די מוטער, און די טאָכטער האָט דערפילט דער מוטערס אַ טרוקענעם פינגער, וואָס האָט איר אַ שטופּ געטון אין אַ זייט. זי האָט פאַרוווּנדערט אַ בליק געטון אויף דער מוטער און זיך אָפּגעשלאָגן אָן איר פּנים, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווילד־פרעמד מיט צעגליטע אויגן און שאַרף־פאַרביסענע ליפּן. די מוטער האָט איר אַ ווונק געטון, די טאָכטער האָט מער נישט געפרעגט. זי איז שנעל אריין אין לעצטן צימער. די מוטער איז אריין נאָך איר. ביידע פרויען האָבן זיך אָנגעקוקט

מיט אויפגעריסענע אויגן. די טאָכטער איז מיטאמאָל געוואָרן ענ־
לעך צו דער מוטער, וואָס האָט איצט אַ פאַל געטון צו דער וואַנט
מיט ציטערדיקע ליפּן, איר גאָמבע האָט אונטערגעטאַנצט ווי פון
קעלט, זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַרן מויל, ווי זי
וואָלט געוואָלט פאַרהאַלטן דאָס ציטערן:

— ש־ש־ש־אַ־אַ...

דאָס פּנים פון דער טאָכטער איז גערונצלט געוואָרן, און אי־
רע ליפּן האָבן אויך אָנגעהויבן טאַנצן...

— מאַמע... מאַמע... מאַמע...

— פרעג נישט... פרעגט נישט, טאָכטער, ער איז פאַר־
שפּילט...

זי האָט האַסטיק אַ וויין־געטון, ווי זי וואָלט געקרייט, און
מיטאַמאָל, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען דאָס געוויין, האָט זי
טרוקן געזאָגט:

— קום..

*

דער קראַנקער האָט נאָך געוואָלט אַראָפּגיין אין גאַס. נאָך
דעם וויזיט ביים דאָקטאָר איז אים געוואָרן גרינגער. ער האָט זיך
דערפילט זיכערער. אָבער מיטאַמאָל האָבן אים אַלע אַרומגע־
רינגלט. דאָס ווייב, די טאָכטער חוה, די אינגערע טאָכטער. און
אַפילו שלמה, חוהס חתן, האָט נישט אויסגעטון דעם קאַפּעליוש
און מיט אַ פאַרקרימט פּנים פון אַ פּלוצלינגער היימישקייט, אונ־
טערגעהאַלטן:

— גייט נישט... גייט נישט... איר זענט דאָך נישט געזונט...

די טאָכטער חוה האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— טאַטע... האָב רחמנות אויף אונז... גיי שוין נישט
היינט... מיר'ן דיך נישט לאָזן...

און זי האָט זיך האַסטיק צעוויינט.

— משוגע מיינע שונאים... חוה...

דער פאָטער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ מאָדנעם בליק,
אַ נאָכדענקענדיקער און פאַרוווּנדערטער, צוזאַמען מיט אַ שמייכל
פון פאַרבלאָנדזשעטקייט:

— נו, קינדערלעך... איך גיי... וואָס איז?.. וואָס איז דאָ געשען?...

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אין כעס:

— וואָס טוט זיך דאָ?... משוגע מיינע שונאים...

ער האָט פּאַמעלעך אַוועקגעלייגט דעם הוט. דער שטעקן איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. און אַזוי אינעם מאַנטל מיטן בלויזן קאָפּ, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול. ער האָט מיט־אַמאָל אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און אַ שווער שווייגן האָט לאַנג געדויערט איבער אים.

די מוטער האָט אָנגענומען אַ סך אָטעם און געפּרוווט רעדן גרינג:

— גאָרנישט... אַז מ'איז נישט געזונט... דאַרף מען בייַנאַכט נישט אַרומלויפן... מ'דאַרף זיך איבערליגן....

אירע ווערטער זענען זיך צעפלויגן, ווי שפּיציקע פּאַפּירע־נע פייגל. עס איז נאָך שטילער געוואָרן. און דער זייגער האָט פייערלעך, דייטלעכער ווי אַלעמאָל, אויסגעקלאַפּט ניין.

*

פון דער מינוט אָן האָט זיך אין דער שטוב אַריינגעטראָגן עפּעס אַ שטילע פאַרקלעמטקייט, גלייך ווי עמעצער וואָלט זיך שטילערהייט געוואָרגן.

די גאַנצע באַוועגונג פון דער שטוב האָט זיך אָפּגערוקט פונם קראַנקן און יעדער לעבעדיקער רעש איז אַנטלאָפן פון אים. זיין יעדעס געוויינלעך וואָרט איז אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ נייער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, יעדער ווייטאָג, אויף וועלכן ער האָט זיך געוויינלעך באַקלאָגט, האָט זיך איבערגעטראָגן איבער דער שטוב, אַזוי ווי עפּעס אַ שטילע, שרעקלעכע בשורה. ער האָט יעדן טאָג אויפגעוואַכט מיטן געדאַנק זיך אַרויסצורייסן פונם בעט. ער האָט נאָך געהאַט פּעדעם מיט דער גאַס, מיט מענטשן, ער האָט נאָך געטראָגן אויפן קאָפּ געשעפטן, אָבער יעדן טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס ווייב און די טעכטער האָבן אַלץ פאַרזאָרגט. זיי האָבן אַריינגעדרונגען אין אַלע זיינע גע־

שעפטן און ס'איז אים נישט געבליבן צו וואָס אויפצושטיין פון בעט.

ביסלעכווייז איז פאַר אים די גאַס געוואָרן אַ בלייבע דערי־נערונג, און אים האָט אָנגעהויבן וואונדערן, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל געקאָנט אַרומגיין איבער די גאַסן פון שטאָט. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן זיך צוצוהערן צו זיך, באַטראַכט זיינע הענט, און ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט ער פאַרשאַרט דאָס העמד און געזען, אַז זיינע פיס און זיינע קני זענען שטאַרק איינגעפאַלן און זיי האָבן באַקומען אַ קנאָכיקע שפּיציקייט.

ער האָט באַטראַכט דאָס בעט. איינס פון די צוויי גלייכע בעטן אינם שלאָף־צימער. ער האָט קיינמאָל נישט געזען, אַז דאָס בעט האָט אַ קאָליר פון רויטן וויין, אַ וואַרעמען גלאַנץ מיט ליכ־טיקע פּאַסן, אַזוי ווי אַ פידל, און אויפן קאָפּשטיק זענען פאַראַן געטאָקטע רעדעלעך. ווי לאַנג די בעטן שטייען, שוין פינף און דרייסיק יאָר, און ער דערמאָנט זיך מיט אַ מאָדנער קלאָרקייט דעם טאָג, ווען מ'האָט די בעטן געקויפט און אַהיימגעבראַכט.

אָט די קליינע דערמאָנונג מאַכט אים אויף אַ מינוט גע־זונט. ער כאַפּט זיך אָן אָן דעם פאָדעם, און לויפט מיטן געדאַנק איבער אַלע יאָרן. ער וויל גאָרנישט פאַרלירן פון דער צייט. דאָס איז דאָך זיין לעבן... די חתונה... עפּעס אַ העלער פלעק. די קינ־דער פון די ערשטע יאָרן, וואָס זענען געשטאָרבן... עס לויפן פאַר־שידענע געשעענישן... ער קאָן זיי קוים איינהאַלטן... אָט־אָט... און אים באַשלאָגט אַ מידקייט, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט עמעצן... ער רופט דאָס ווייב... זאָל זי אים צוהעלפן דערמאָנען... אָבער זי קוקט אויף אים מיט שרעק, זי פאַרשטייט נישט...

— וואָס איז?... צו וואָס?...

— געדענקסט...

דער קראַנקער מאָנט ביי איר עפּעס, וואָס זיי האָבן צוזאַמען דורכגעלעבט, אָבער דאָס ווייב קוקט מיט אַ שרעקיקער פרעמד־קייט, ווי אויף איינעם, וואָס רעדט פון היץ, און אַ מידער לאָזט ער אָפּ דעם לויפנדיקן פאָדעם פון זיינע דערמאָנונגען. ער בלייבט ליגן מאַט. ער דערפילט אַ פרעמדקייט צו דער גאַנצער וועלט.

ער ליגט אין אָנגעוואַרעמטן דרימל. עס איז אים שוין גוט, עס ערגערט אים יעדער קלאַנג פון דער אַרומיקייט. ער וויל נישט נעמען קיין רפואות. עס ווערט שטיל אין אים און עס דאַכט זיך אים, אַז ערגעץ אין אַ צימער טוט מען עפּעס צוליב אים, נאָר אים גייט עס נישט אָן.

באַלד שטייט דאָס ווייב איבער אים. זי דערציילט אים עפּעס וועגן געשעפט, עפּעס וועגן געלט, וועגן סחורה, וועגן מענטשן, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געזען.

יאָ, ער ווייסט אַלץ. ער הויבט אויף דעם קאָפּ און אים איז גוט דערפון, וואָס ער קאָן נאָך רעדן וועגן רווישיקע, לעבע־דיקע זאַכן, זאָל דאָס ווייב זאָגן, אַז ער האָט געהייסן... אַז נישט „וועט ער אַריבערגיין אַליין". ער דערפילט, אַז זי האָט שוין גערעדט מיט אַלע מענטשן, מיט וועלכע ער שטייט אין פאַרבינ־דונג... דאָס ערגערט אים. ער וואָלט אַראָפּ אין גאַס, נאָר עס דאַכט זיך אים, אַז אַרום איז אויסגעשפּונען געוואָרן עפּעס אַ דינ־נע, אָבער שטאַרקע וואַנט, וואָס ער איז נישט בכוח זי דורכצו־רייסן. און ער גיט זיך מיטאַמאָל אונטער: „יאָ, זאָל זיין אַזוי"...

דערנאָך קומט דער אָוונט, די נאַכט.

עס איז אים שוין גוט צו ליגן אין די טונקעלע שעהן און אויפכאַפּן יעדן שאָרך פון דער שטוב. ער הערט יעדן טריט. ער ווייסט, אַז איצט איז געקומען דער חתן שלמה צו דער טאָכטער הוה. איצט ווייסט ער, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז קראַנק, דאַרף דער חתן זיין גוט צו דער כלה. ער איז דאָך שוין אַן אייגענער. זיי זיצן אינם קליינעם שטיבל, זי נייט עפּעס, און דער חתן זיצט נעבן איר. די אינגערע טאָכטער גייט איצט אַרום אין גאַס. עס איז געקומען איר חברטע. ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווי זי הייסט, די חברטע, די חברטע... אַ בלייך מיידל... זי ווייסט שוין געוויס, אַז ער איז אַזוי קראַנק און ער הערט, ווי די טאָכטער גייט אַרויס פון שטוב. זאָל זי גיין, קלערט ער, און דערזעט מיטאַמאָל די טרעפּ מיט דעם טויער, וואָס איז אויסגעבּרוקירט מיט געלע ציגע־לעך. „זאָל זי גיין". און אַ לאַנגע צייט באַמיט ער זיך צו דער־מאָנען, וואָס פאַר אַ שיך די אינגערע טאָכטער טראָגט.

דערנאָך קומט די נאַכט, ער קאָן נישט זען דורך אַראָפּ־געלאָזטע ראָלעטן, וואָס פאַר אַ נאַכט עס איז. אַ שוואַרץ פאַ־סעקל נאַכט ציט זיך. און ער דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל, אין אַ סוכות־נאַכט, איז דאָס גאַנצע פאַסעקל געווען ליכטיק פון דער לבנה... און מיטאמאָל נעמט אים אַרום אַ שטעכיקער ווייטאָג. דער ווייטאָג לויפט אַרום אין אים, ווי ער וואָלט אים געוואָלט צעשטערן. דער קראַנקער הערט זיך צו מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם אָטעם, און עס פאַלט אָן אויף אים אַ גרויסע שרעק: „גע־שטאָרבן", קלערט ער וועגן זיך, אַ קעלט גליטשט זיך איבער אים.

ביסלעכווייז באַרואיקט ער זיך, ער קאָן זיך נישט דערמאָ־נען, צי ער איז שוין געשלאָפן אָדער נישט. ער מאַכט צו די אויגן און זוכט עפּעס... אַ פרומע דערמאָנונג... עפּעס אַ דאַווענען...

ער טוט אַ בליק צום בעט, וווּ דאָס ווייב שלאָפט, און זיין זינען לויפט ווייטער און בלאָנדזשעט אַרום דער שול, וווּ ער האָט געדאַוונט. דער ריח פון ליכט און פרומקייט הילט אים אַרום. עס דאַכט זיך אים, אַז עמעצער פירט אים אַוועק פון־דאַנען. עס ווערט אים אַלעמאָל רואיקער, ער שטייט אַליין פאַר אַ גרויסן סוד... דורכן האַרץ גיסט זיך אים אַ וואַרעמקייט. זיינע ליפּן מורמלען עפּעס אויפגעזוכטע, הייליקע ווערטער... איצט שטייט ער איינער אַליין... פאַר אַלע וועלטן אַליין...

## די שטרויספּעדערס

בײַ די שטרויספּעדערס אין שטוב, אין אַלע דרײַ גרױסע, הוילע, טונקעלע צימערן מיט דעם אַלטן, קראַנקן מעבל, פון װעלכן עס פילט זיך אַ זיסלעך־חלשותדיקער ריח פון געשטאָרבן האָלץ, װערט הײַנט װידער צוגעגרייט אַ זעעכץ.

אַזױ װי שטענדיק, װען אַ נײַער חתן קומט אָנקוקן די פּאַננע בראָניע, װערט די אַלטע, פאַרשטאַרטע שטוב אױפגעמונ־טערט, װי מען װאָלט זי אױפגעריסן פון אַ לאַנגן, טױטן שלאָף.

די גאַנצע אַלטע, שװערע בעל־הבתישקײט טוט אַ גלאַנץ מיט אַ קאַלטן בליאַסק. די סקריפּנדיקע, אַלטע פּאָסאַדזקעס װײַזן נאָך, װאָס זײ קענען און שימערן מיט אַ געלן גלאַנץ.

די בילדער אױף די װענט, די אידן מיט בערד, מיט דײַ־טשע יאַרמלקעס, געגאָלט מיט פאַרדרײטע װאָנסעס, דער פּעטער הענריק און דער „װױאַשעק" מאָריץ, די „ציאָציע" פּאַאולינאַ מיט דעם װאַלד לאָקן אַרום דעם קאָפּ, קוקן, דאַכט זיך, אַראָפּ און היטן, אַז אַלץ זאָל זײַן „פּזשיזװאָיטע" בײַ די שטרויס־פּעדערס.

אױף דעם אַלטן, שװערן קרעדענס, װאָס שטײט, װי אַן אַלטע, אײַנגעמױערטע, אומנוטיקע פעסטונג, צעשפּילט זיך דאָס קרישטאָלענע גלאָזװאַרג, בליצט אױף מיט אַ שטאָלצן שימער פון געװעזענע שמחות; דערבײַ צעלײגט זיך דער נאָך־ריח פון חתונות, גטן און — טױט...

די אלטע, געטרייע דינסט מאריאננע טראגט זיך ארום פון ווינקל צו ווינקל און פילט אן די שטוב מיט א שווער, רייך־פליישיקער פלעסקעריי.

זי ווייסט פון א סך אזעלכע טעג, ווען פון ערגעץ דארף קומען א באשערטער פאר דער אכט־און־דרייסיק־יעריקער „פאניענקע בראניע”. און איר פליישיק דינסט־הארץ הויבט אן שלאגן מיט דער פארקלעמטער האפענונג פון אירע אייגענע, נישט־צושטאנד־געקומענע שידוכים. זי הויבט אן קוקן אויף דער פאניענקע מיט א גלאנציקן בליק פון אירע קליינע, גרינע אויגן, וואס רעדן, ווי א ווונק, וועגן באהאלטענע זאכן און ליבע. איר געפאקט, קיילעכדיק פנים בליט אויף אין א ראזקייט, ווי דאס לייב פון א צייטיקן ארבוז, ווען מען ברעכט אים אויף. זי קוקט אויף דער פאננע בראניע, ווי זי ציט ארויף די נייע, שפיגלדיקע, זיידענע זאקן אויף אירע פולע, שווערע, איבערגעווירענע פיס און אין דעם גלאנץ פון די זאקן דערפילט זי א קיצל פון באהאלטענע פארגעניגנס.

די פאננע בראניע איז שווייגנדיק. זי לייגט אויס אויף אן אלטפרענקישן קלאש אלטע, פארגעלטע וויזיט־קארטן פון דאקטוירים און אדוואקאטן, שוין לאנג־געשטארבענע, און אירע באקן צינדן זיך אן מיט א טונקעלן פלאם. דער פאליענדיקער, שטארק־רונדיקער ביוסט הויבט זיך, ווי ער וואלט אויפגעבלאזן דעם פלאם אויף איר פנים.

מאריאננע קאן שוין מער נישט אויסהאלטן. זי בלייבט שטיין פאר דער פאננע בראניע מיט צוויי אראפגעלאזענע, שווערע, נאקעטע הענט. די פאננע בראניע באהאלט איר בויך און מאכט זיך מיידלדיק, דעמאלט טוט זי מאריאננע א כאפ ארום דער ברייטער, ווארעמער טאליע, און שטיקט ארויס מיט א פארבליניעטער, פעטער שטימע:

— פאניענקא... ס׳וועט זיין א חתונה... כ׳האב געזען א חלום... ס׳וועט זיין...

און די פאננע בראניע בייזערט זיך:

— נאָר אָן דעם... ס'דאַרף אַריינקומען אַ מענטש... און דו — נאָר וועגן דעם קלערסטו...

*

נאָכמיטאָג צעלייגט זיך דער טונקל איבער די שטובן.

אינם לעצטן צימער אויף דער סאָפע ליגט דער אַלטער שטרויספעדער. דאָס קליינע, ווייסע בערדל רעמט אַרום זיין קליין, געל געקנייטשט פּנים און ס'זעט אויס, ווי אַן אתרוג וואָלט געלעגן אין וואַטע. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ קליין, גראָ מיצל, און נעבן אים ליגט זיין איינציקער פריינט, דער קורצער, דיקער העבאָן־שטעקן מיט דעם גראָבן, גומענעם קאַפּסול, וואָס באַגלייט זיינע שלעפּעדיקע פּאָדאַגרע־טריט. ער דרימלט נאָך זיין קאַרגן דיעטע־מיטאָג און זיין געדאַנק בלאָנדזשעט אַרום אין דעם ערנסטן טונקל פון דער אייזערנער קאַסע, וווּ עס ליגן באַהאַלטן די האָפענונגען אויף אַ נחת: פּאַפּירן מיט ציפערן, און קליינע, סודותדיקע פּוטליאַרן־שקעטעלעך מיט בראָשן, רינגען און פּערל פון א י ר...

ווען זי איז געשטאָרבן, האָט זי געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן דעם, נאָר ער האָט שוין פאַרשטאַנען, פאַר וועמען עס בלייבט.

און יעדעס מאָל, ווען די אַלטע מאַדאַם זאַקס באַווייזט זיך מיט אירע שטילע שאָטן־טריט וועגן אַ שידוך, באַפאַלט דעם אַלטן אַ בענקשאַפט נאָכן ווייב, וואָס האָט אים איבערגעלאָזן אין די אַלטע, שאַרכנדיקע צימערן, מיט זיינע אָפּגעקילטע פיס און מיט די וואַרעמע סודות פון אַמאָליקע יאָרן, וואָס שימערן אַרויס פון איר צירונג אין דער טונקעלער קאַסע...

אַ גראָער, נאָגנדיקער קנויל, ווי אַ נעפּל, דרייט זיך אַרום זיין דרימלענדיקן מוח.

אַלטע טעג בליצן אויף אין דער ווייט, ווי זיי וואָלטן באַשפּריצט געוואָרן מיט אַ ליכט פון אַן אַנדערער וועלט. דער אַלטער שטרויספעדער שווימט אַריין אין דער טיף פון די פאַרשווונדענע יאָרן.

אַ שווערער חלום פון דריי און פערציק יאָר. עס פאַרגייען

אים ריחות פון פארשווונדענע מענטשן, ער זעט זיין ווייב דאָרט אין איר גאַנצער שטרענגער גרויס, מיט איר צוריקגעהאַלטענעם, שטאָלצן בליק פון קעניגלעכן הערשער איבער דער שטוב; הערט די משפּחה־קריגערייען מיט שוועגערינס און קרובים, הערט נאָך דעם קלאַנג פון זיין ווייבס שווערער שטים. דערנאָך קומט זי ווי־דער פון אונטער דעם שווערן מצבה־שטיין, ווו זי ליגט, דאָרט אויפן שטילן פעלד, ווו עס שטייט אויפגעשריבן אויף פּויליש זיין נאָמען: שטרויספעדער... דאָרט אהין וועט ער קומען... קיין אַנדער וועג איז נישטאָ. און עס רינגלען אים אַרום מיטאַמאָל די שוואַרצע, שרעקיקע אַרבל פון די אידן־באַגראָבער, וואָס טראָגן אין זייערע בערד די פינסטערע ווערטער פונם טויט. אים דאַכט זיך, אַז זיי קענען אים, וואַרטן אויף אים מיט זייער בית־עולם־געדולדיקייט. און ער דערפילט אַ שוואַכקייט. ער גיט זיך אונטער דער שוואַכקייט, וואָס לייגט זיך אויף אים מיטאַמאָל, און ער הערט, ווי די טויטע פּאַדאַגרע־כוואַליע פון זיינע פיס רוקט זיך העכער איבער זיין קערפּער, און די שרעק פאַר דער לעצטער שעה טוט אַ מיש זיין זינען.

*

אַזעלכע שעהן קומען כמעט יעדן טאָג נאָכמיטאָג־צייט. נאָכדעם, ווי עטלעכע רעשדיקע געשעפטס־מענטשן גייען אַוועק און דער אַלטער שטרויספעדער שלייכט זיך מיט זיינע געבראָכענע פּאַ־דאַגרע־טריט, אָנגעשפּאַרט אויפן ווייך־קלאַפּנדיקן שטעקן, צו דעם טונקעלן שלאָף־צימער, ווי געטריבן פון בייזע גייסטער.

די פאַננע בראָניסלאַוואַ האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונם שלאָף־צימער און דעם אַלטנס דרימל האָט זיך איבער־געריסן.

— מאַטוניאַ...

דער אַלטער, גלאַנציקער דיל האָט געקרעכצט און געצי־טערט אונטער אירע שווערע, מעכטיקע טריט:

— מאַטוניאַ...

— גוט, וואָס דו האָסט מיך אויפגעוועקט, טאַכטער... כ'בין נישט געשלאָפן... נאָר חלומות פּלאָנטערן זיך...

דער אַלטער האָט אויסגעצויגן די האַנט נאָכן שטעקן. און די טאָכטער האָט אים געהאָלפן זיך אויפזעצן. ער איז געבליבן זיצן אָנגעשפּאַרט אָנם שטעקן, ווי מען זעצט זיך אויף אַ באַנק אין אַ פּאַרק, דער כאַלאַט איז אַראָפּגעהאָנגען אויף זיינע דאַרע קני, ווי אויף אַ שפּיציקן פּלויט.

זיי האָבן לאַנג געשוויגן אין דעם טונקל פון דעם הוילן ציי־מער, ווו נאָר די אייזערנע קאַסע האָט מיט אירע מעשענע שלעסער, זיי מיט פאַרהאַקטע מיילער, געקוקט. די פאַננע בראָניע איז גע־שטאַנען אָנגעבויגן איבער דעם קליינעם טאַטן, וואָס האָט קעגן איר ווי אַ קינד אויסגעזען. זי איז געווען שטאַרק איינגעצויגן אין דער טאַליע און ביי יעדן ריר אירן האָט זיך געהערט אַ דינער שאָרך, ווי זיידנס וואָלט געפּלאַצט. צום סוף האָט זי אַ זאָג גע־טון, באַהאַלטנדיק דעם בליק:

— טאַטוניאָ, וואָלט זיך אפשר באַדאַרפט איבערטון...

דערביי האָט זי זיך דערמאָנט, וויפל מאָל זי האָט שוין דאָס זעלבע געזאָגט.

— נו, יאָ — האָט דער אַלטער געענטפערט מיט אַ זיפץ.

ביי דער קאַרגער ליכט פונם פענסטער האָט ער זי איצט באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ. ער האָט געוואָלט איר עפּעס זאָגן פון דעם, וואָס האָט געדרימלט אין זיין אָפּגעשוואַכטן קאָפּ, ער האָט עפּעס פאַרלאַנגט פון איר, און אַליין אויף קלאָר נישט געוווסט, וואָס. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אירע ברייטע, פולע הענט קאָנען עפּעס טון, וואָס זאָל אים נאָך פאַרבינדן מיט דער לעבעדיקער וועלט, וועלכע האָט זיך נאָך גענעפּלט פאַר אים, און אָננעמענדיק זי פאַר איר דיקער, אַנטבלויזטער, קעלטלעכער האַנט, האָט ער געזאָגט:

— טאָכטער... באַשלים דיך... די צייט שטייט נישט... ס'איז היינט אַן אַנדער וועלט... פאַרפאַלן... ס'מאַכט זיך אַ פּראָס־טער מענטש... קאָן אויך זיין גוט... די „פּאַני זאַקס" האָט מיר גע־זאָגט, אַז ס'איז אַן איידעלער יונגערמאַן... ער וועט זיך אויס־

אַרבעטן... פאַרוואָס זאָלסטו דיר פאַראומערן דאָס לעבן... זע... פּאַס דיך צו... — ער האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ געשפּאָלטענע, פייכטע שטימע און צוגעגעבן: — ווען זי וואָלט געלעבט!

און ער האָט דערפילט אויף זיינע דאַרע, טרוקענע, ציטער־דיקע פינגער אַ וואַרעמע פייכטקייט.

די פאַנגע בראָניע האָט אַ צאַפּל געטון און איר שווערער קאָפּ איז געבליבן ליגן אויף זיין שפּיציקן, איינגעצויגענעם אַקסל.

*

שוין לאַנג איז ביי די שטרויספעדערס נישט געווען אַזוי ליכטיק אין אַלע ווינקלען פון די אַלטע, פאַרלאָזענע צימערן, ווי דעם אָוונט. דאָס איז געווען איינער פון די לעצטע פּרוּוון אַריינ־צוברענגען אַ שמחה אין דער שטוב. דאָס האָבן געפילט אַלע אין דער שטוב, אפילו די דינסט מאַריאַנגע, וואָס האָט אַליין באַדינט ביים טיש. זי האָט איינגעגראָבן אירע קליינע, פריילעכע, פּויעריש־גרינע אויגן אין דעם יונגנמאַן, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט נאָך אַן עלטערן מאַן מיט גראָע וואָנסעס. דער יונגערמאַן איז גע־זעסן קעגנאיבער דעם אַלטן שטרויספעדער.

מאַריאַנגע האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מ׳האָט גע־ברענגט אַזאַ קליינעם, שוואַכן, בלייכן יונגנמאַן, ביי וועלכן די האָר אויפן מיטן פּונם שיידל האָבן שוין מיט אַ ווייכער אָנפאַר־ביקייט דורכגעלאָזן אַ שוואַכן שיין פון אַ פּליך. זי האָט אַלץ גע־קלערט וועגן די מעכטיקע גלידער פון דער פאַנגע בראָניע און דער ווילדער פאַרגלייך פון אַזאַ פּאָר, האָט געמאַכט קלאַפּן איר האַרץ מיט אַ פאָרגעפיל פון זיסער אינטריגע.

דער אַלטער איז האַלב געלעגן אין זיין גרויסער שטול, און זיינע קליינע, בלייכע הענט האָבן אַרומגעהאַלטן אַ שפּיגלענדיק גלאָז טיי. זיין קאָפּ איז געווען פאַרריסן. אַזוי ווי אַלע מאָל אין די גוטע צייטן, ווען ס׳זענען געקומען געסט, האָט ער גערעדט אַרויף, ווי צום סופיט, דערציילט פון דער משפּחה. היינט האָט ער גע־רעדט וועגן דעם, אַז ס׳זענען אַנדערע צייטן, אַז ער קען אַ סך

פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך גוט אויסגעאַרבעט און פירן א שיין לעבן. דער עלטערער מענטש, וואָס איז געקומען מיטן חתן, האָט זיך אויך באַמיט צו רעדן הויך, אָבער ער איז, זעט אויס, דערצו נישט געוווינט געווען, און זיין שטימע האָט גע־קלונגען הויל, ווי די שטימע פון א פאַרשטעלטן הינטער א מאַס־קע. די איבעריקע געסט אַרום טיש האָבן דערווייל נאָך גע־שוויגן...

א חוץ די צוויי אויסגעגעבענע שוועסטערן, באַלבינאַ און מאַרטאַ, וואָס האָבן געוווינט מיט זייערע מענער ערגעץ אין ווייטע גאַסן פון דער שטאָט, איז אויך ביים טיש געזעסן דער ה׳ לעווי, א שכן פונם זעלבן הויף, שוין פון דרייסיק יאָר, וואָס געפינט זיך ביי יעדער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש ביי די שטרוים־פעדערס. אויך צו דער פאַננע בראָניע זענען געקומען אירע צוויי נאָענטע חברטעס פאַננע סטעלאַ, אויך אַן עלטער מיידל, און קאַ־ראָלאַ, וואָס האָט זיך געגט מיט איר מאַן א האַלב יאָר נאָך דער חתונה. נעבן זיי איז געזעסן די פאַננע בראָניאַ. איר פנים האָט געפלאַמט און אירע אויגן זענען געווען האַלב צוגעמאַכט, כאָטש זי האָט שטיל פאַרברענגט און געלאַכט, פון וואָס איר מעכטיקער ביוסט האָט זיך געהויבן, און די שטול האָט געקרעכצט אונטער איר.

ווי שטענדיק, האָבן הויך גערעדט די עלטערע מענער. מ׳האָט גערעדט וועגן זייטיקע זאַכן, אַלע מאָל געפינענדיק עפּעס א נייע טעמע צום געשפּרעך.

דער חתן אַליין האָט ווי נישט געוואָלט לאָזן הערן זיין שוואַכע, פּישטשענדיקע שטים. ער האָט געהאַלטן אויפן טיש זיינע קליינע, ראָזע הענט, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן אין זיינע גרויסע מאַנקעטן און זיינע טרוקענע, פאַרבלאָזע האָר זענען געלעגן, ווי צוגעקלעפּט צו זיין שטערן, וואָס האָט געהאַט א דינע, ראָזע הויט, ווי פּאַפּיר.

דער עלטערער הער, וואָס איז געקומען מיטן חתן, האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן. ער האָט זיך לאַנג געריבן די הענט מיט

א ווינקעגדיקן שמייכל אין די וואָנסעס אריין. ער האָט זיך א וויג געטון, ווי ער וואָלט זיך געשטעלט דאַווגען און א זאָג געטון:

— נו, מיינע הערן... מיר דאַרפן דאָך עפּעס רעדן געשעפטלעך...

באַלד דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן דער שכן לעווי... ער איז געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אָנם טיש און נישט געוווּסט, וואָס צו טון. ערשט דעמאָלט האָט דער אַלטער שטרויספּעדער, מיט זיין דאַרער, קליינער האַנט גענומען זוכן דעם שטעקן. די פאַננע בראָניע האָט זיך רעשיק א לאָז געטון אים העלפן, זי האָט אים דערלאַנגט דעם שטעקן אין דער האַנט אריין און אים געהייסן זיך אויפזעצן. דערביי האָט דער אַלטער אָנגערירט אירע פינגער, ווי ער וואָלט איר עפּעס אין דער האַנט געוואָלט אריינלייגן. זי האָט אים א פיר געטון צום צווייטן צימער און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. ער האָט געקוקט אויף איר פייערלעך, ווי ער וואָלט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער גייט איצט אין א וויכטיקער שליחות, אַז זי זאָל זיין גרייט צו עפּעס... די פאַננע בראָניע האָט שוין נישט איינמאָל געזען דעם בליק, זי האָט די אויגן פאַרמאַכט און איר ליפּ האָט א ציטער געטון. דעמאָלט האָט דער אַלטער זיך אָפּגעשטעלט און פאַרבעטן צו זיך דעם עלטערן הער, דעם חתנס באַגלייטער.

— ביטע... מיר, עלטערע, וועלן זיך דורכשמועסן אין זאַל... קום אריין מיט אונז, לעווי... — האָט ער א זאָג געטון צום שכן — דאָס איז מיין אַלטער פריינט...

דער חתן איז איצט אויך געשטאַנען גרייט צו גיין. נאָר דער עלטערער הער האָט אים מיטאַמאָל, ווי מען באַפעלט א אינגל, א זאָג געטון:

— פאַרבלייב דאָ... פאַרברענג אַביסל...

דער חתן האָט א בלייכן שמייכל געטון און זיך צוריקגעזעצט.

עס איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל.

ביידע חברטעס האָבן געקנאַקט ניס מיט א צוואַנג. איינע

האָט בשום־אופן נישט געקאָנט די נים אויפּקנאַקן. דעמאָלט האָט דער חתן זיך אָנגערופן:

— „פּאַני פּאַזוואָלי"...

און אַלע פרויען האָבּ געקוקט, ווי זיינע קליינע, ראָזע הענט האָבּן גענומען די נים־צוואַנג, ווי זיינע שמאָלע, ראָזע פינגער האָבּן קראַמפּהאַפט ארומגעכאַפּט די צוויי ניקלנע שטאַנגען. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער די נוס צעקנאַקן, אָבער די נוס האָט נישט נאָכגעגעבּן. ער האָט פאַרביסן זיינע דינע ליפּן און זיינע קליינע, בּורע אויגן האָבּן זיך פאַרמאַכט. די דינע פיאָלעט־אָדער־לעך אויף זיין שטערן האָבּן ארויסגעטרעטן ווי פעדעם, און די נוס האָט נישט נאָכגעגעבּן. דעמאָלט האָט זיך דערהערט די שטע־כיקע שטים פון דער עלטערער שוועסטער באַלבּינע, וואָס האָט גע־האַט א מאַן א דענטיסט:

— „לאַדני מענשטשיזנאַ"...

דער חתן האָט שנעל א קוק געטון ארום זיך, און ווי צום ערשטן מאָל דערזען די אַלע דיקע, פאַררויטלטע ווייבּער ארום זיך. ער האָט א בּליק געטון, ווי א פויגל, וואָס זוכט, אין וועלכער זייט אריין אוועקצופליען און איז מיט א פאַרלוירענעם בּליק געבּליבּן זיצן.

די פאַננע בּראָניע האָט דערפילט א בּרענענדיקן האַס צו דער צעפּיעשטשעטער שוועסטער, וואָס האָט א גרויסן, געזונטן מאַן מיט בּרייטע, אָנגעבּעטע אקסלען.

זי האָט זיך אין דער מינוט דערמאָנט צענדליקער עולות, וואָס די שוועסטערן האָבּן געטון קעגן איר, און איר האָט זיך פאַרוואָלט אָט דעם קליינעם, דאַרן מענטש אויפהויבּן פאַר אַלע אין די אויגן, מאַכן אים שטאַרק און זיכער, און שטיקנדיק זיך פון דעם פּלאַם, וואָס האָט בּאַדעקט איר פּנים און דעם האַלז, האָט זי מיטאַמאָל, מיט א שווערע, פרעמדער, צו־הויכער שטים א זאָג געטון אויף פּויליש:

— צי איז דער הער אין וואַרשע א געבּוירענער?...

— ניין — האָט דער חתן געענטפערט שטיל — איך בּין געבּוירן אין לובּלין.

— לובלינער געגנט... דאָרט איז זייער שיין... — האָט די פאַנגע בראָניע געצויגן, מורא האָבנדיק, אַז דאָס געשפּרעך זאָל נישט פאַרשטאַרבן — דאָרט זענען שיינע געגנטן...

זי האָט זיך איצט שוין גאָרנישט געוואָלט שעמען פאַר קיי־נעם, זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פולן, אָפענעם בליק.

— יאָ... דאָרט איז שיין... — האָט דער חתן שטיל גע־ענטפערט — כאָטש איך האָב יענע געגנט נאָך אַלס אינגל פאַר־לאָזן... — און מיטאַמאָל האָט ער מיט אַ גלייכער, וואָרעמער שטים אַ זאָג געטון: — אָבער יעדעס אָרט, ווו מען איז יונג גע־ווען, איז שיין...

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי מען וואָלט זיך געוווּנ־דערט דערויף, וואָס דער מענטש קאָן רעדן. די פאַנגע בראָניע האָט טריאומפירנדיק אַ קוק געטון אויף אַלע. אירע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט אַ הייסן גלאַנץ:

— „דאָבזשע פאַן פּאָוויערדזשאַל"... — האָט זי קענגן איר ווילן אויסגעשריגן, און דער קליינער מאַנסביל האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן וואַקסן אין אירע אויגן. זי האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אָפּלאָזן דאָס געשפּרעך. איר איז געוואָרן שרעקלעך דאָס בלייבן צוריק אַליין אין דער שטוב. זי האָט געפילט, אַז דער אַל־טער, צעבראָכענער טאַטע בויט דאָרט, אינם טונקעלן זאַל, עפּעס פאַר איר. זי וואָלט איצט געוואָלט פאַרבלייבן מיט דעם מענטש אַליין און נעמען אין די הענט אַריין איר גורל. די חברטעס אירע, סטעלאַ און קאַראָלאַ, האָבן געקוקט אויף איר מיט אַ פרעמדן ערנסט. זי האָט זיי געוואָלט ווייזן, אַז מיט איר קאָן עפּעס געשען, און זי האָט ווידער אַ זאָג געטון:

— אפשר וועט דער הער נאָך עפּעס טרינקען?...

און מיט אַ באַזונדערער פלינקקייט האָט זי אוועקגערוקט די גים פון דער זייט טיש, ווו דער חתן איז געזעסן.

*

דער יונגערמאַן האָט דערפילט די וואַרעמקייט, וואָס האָט מיטאַמאָל אַ שטראָם געטון פון דער פאַנגע בראָניע צו אים, און

איצט, ווען זי האָט זיך נאָענט צוגעבויגן צו זיין זייט, האָבן זיך זייערע בליקן צום ערשטן מאָל באַגעגנט און ער האָט דערזען, אַז אירע ברוינע, פלאַכע אויגן קוקן אויף אים מיט שטרענגער ליב־שאַפט. אים איז געוואָרן מאָדנע ווארעם, ער האָט צונויפגענומען זיין קאַרג ליבּ, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אויפצוהויבן אַ משא און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז גרעסער געוואָרן, ער האָט שוין איצט נישט געקוקט אויף די צוויי שוועסטערן, וואָס האָבן זיך געסודעט און אַלע מאָל הויך און פרעך ארויסגעלאַכט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז דאָס הויז שיינט צו זיין אַן אַלט הויז, ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַן אומע־טיקן סופיט, וווּ די שאָטנס האָבן זיך געגראָבן אין די ווינקלען, ווי שאָטנדיקע, אַלטע פייגל. די פאַננע בראָניע האָט עפּעס דער־ציילט וועגן דעם, ווי לאַנג זיי וווינען שוין דאָ, וועגן דעם הויז, און אין קאָפּ האָט איר אַלץ געקלאַפּט דער געדאַנק, אַז עס וועט ו ו ע ר ן; איר איז מיטאמאָל געפעלן דאָס, וואָס ער רעדט וועגן דעם הויז. דאָס האָט איר אָנגעזאָגט, אַז ער וויל דאָ פאַרבלייבן. די צוויי קאָלעזשאַנקעס האָבן געבּרענגט אַ פאַמיליען־אַלבאָם און אָנ־גערופן דערביי פאַרשידענע נעמען. ביסלעכוויז האָט זיך דער אַלבאָם גערוקט פון האַנט צו האַנט, ביז וואַנען די פאַננע בראָניע האָט אים איבערגענומען, און צוזעצנדיק זיך צום יונגנמאַן, האָט זי געגומען אים ווייזן די בילדער:

— דאָס איז דער „ווויאַשעק"... איר האָט געמוזט הערן פון אים... ד"ר „ב"... ער איז געווען זייער אַ באַוווּסטער...

זי האָט געמישט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט און אַלץ אָנגערופן נעמען פון דער משפחה:

— און דאָס איז... די מאַמוניאַ...

עס איז געוואָרן שטיל.

דער יונגערמאַן האָט געקוקט אויף דער הויכער, דיקער פי־גור פון אַ פרוי מיט הויך־אויפגעקעמטע האָר. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן און קוים געפונען צו זאָגן:

— אַ שיינהייט אַ פרוי. שוין לאַנג געשטאָרבן?

— שוין דאָס זעקסטע יאָר...

דאָס בלאַט איז אַלץ געלעגן אויפגעמישט, ביז וואַנען די שוועסטערן האָבן זיך געכאַפּט:

— ווייז נאָר דער מאַמושיאַ...

די פאַננע בראָניע האָט איצט דערפילט אַ פאַרלאַנג זיי מיט עפּעס אָפּצוצאָלן, זי האָט צוגעמאַכט דעם אַלבאָם און, מאַכנדיק זיך, אַז זי האָט נישט געהערט, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט מיט דעם עלנבויגן אָן אַלבאָם און צוגעהאַלטן מיט דער האַנט די אויגן.

— פּאָקאַזש מאַמושיע... האָט די שוועסטער אויסגעשריגן מיט כעס, פון וואָס אירע גרויסע, בולטע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט. ערשט דעמאָלט איז פאַננע בראָניע אויפגעשפּרונגען און, רופנדיק די דינסט, אָנגעהויבן אויפסניי צו באַדינען די געסט.

דערווייל האָבן זיך פון די ווייטערע צימערן דערהערט סקריפּענדיקע טריט און איינציקע טיפע ברוסט־שטימען. די עלטערע זענען צוריקגעגאַנגען צו דער באַראַטונג. זיי האָבן געדאַרפט דורכגיין אַ לאַנג, טונקל־באַלויכטן צימער. דאָרטן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און באַוואונדערט די לענג פונם צימער, ווו עס האָבן אַמאָל געוווינט די טעכטער.

*

ווען דער אַלטער איז צוריק אַריין אין עס־צימער און די פאַננע בראָניע איז אים אַנטקעגנגעקומען אים צו העלפן, האָט ער אויף איר געוואָרפן אַ פאַרוואונדערטן בליק, דורך וועלכן עס האָט אָפּערגעקוקט אַ לייכטער שמייכל. אויפן ערשטן בליק האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז זיין פרוי דאָראַ, אַזוי ענלעך איז זי איצט געווען צו איר. זי האָט אָנגעפילט מיט זיך די גאַנצע שטוב און דער אַלטער האָט דערפילט אַ שימער פונם אַמאָליקן יום־טוב, מיט יאָרן צוריק, ווען אין דער שטוב איז געלעגן צעלייגט די רחבות. לויט דעם רייבן די הענט פון דעם עלטערן איד און דעם הער לעווי, האָט זיך געפילט, אַז די זאַך האַלט ביים צו־שטאַנדקומען. מען האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש, און ווען די פאַננע בראָניע איז אַריין אין קיך זאָרגן וועגן אָוונט־ברויט, האָט

שוין מאריאננע אויף איר געווארט מיט א פנים, רויט און צעד פארן פון א העשענדיק געלעכטער:

— בענדזשע, פאניענקא... בענדזשע... — האט זי א פליוך געטון און ארויסגעפאלן אויף דער פאננע בראניע.

די פאננע בראניע האט זי ליכט אפגעשטויסן און מיט א נייער געשיקטקייט זיך גענומען פארען.

ביים טיש האט מען שוין גערעדט הויך. די עלטערע לייט האבן גערעדט וועגן וויין, וועגן אמאליקע וויינען, און די פאננע בראניע האט מיט א קלאפנדיק הארץ דערהערט, אז עס איז ענד־לעך געקומען דערצו, אז דער אלטער זאל היימן דערלאנגען דאס דאס באהאלטענע פלעשל וויין, דאס פופציק־יעריקע פלעשל וויין, וואס מ׳האט נאך נישט געעפנט. דער פאטער האט שוין פון יארן צוגעזאגט עס צום טיש דערלאנגען, אויב די זאך וועט האלטן ביי פארענדיקט ווערן. זי האט געזען, ווי דער אלטער האט זיך מיט פלינקע טריט געלאזן מיטאמאל צו דער קאסע, ווי אונטן, אין דעם טונקעלן, אייזערנעם ווינקל, האט דאס פלעשל ארויסגעפינקלט. און פלוצלינג האט די פאננע בראניע דערפילט עפעס א פארדריסלעך געפיל, פארוואס קיינער פרעגט זי נישט, צי זי איז צופרידן, צי דער קליינער, דארער מענטש איז איר צום הארץ. איר האט זיך געדאכט, אז דער פאטער האט פארגעסן אן איר. זי האט זיך א לאז געטון נאכן פאטער אינם טונקעלן צימער, זי האט אים גענומען אונטער דער האנט און האט מיטאמאל דערפילט, אז דער פאטער האט געווארט דערויף. ער האט הויך אויפגעהויבן דעם קאפ, אויס־געצויגן דעם אדערדיקן האלז און איר א קוש געטון אויפן קאפ. איר הארץ איז פארלאפן מיט א האסטיקער ווארעמקייט. זי האט ארומגעכאפט זיין קליינעם קאפ און אים אנגעהויבן קושן. זי האט דערפילט פון זיינע עטלעכע גראע האר א צארטקייט פון ווייטע קינדישע יארן און קוים געכאפט דעם פאטערס שטים, וואס האט געציטערט:

— וואס זאגסטו... טאכטער?...

— כ׳ווייס נישט, טאטוניו... ער זעט אויס אן איידעלער... א שוואכער...

דער אַלטער האָט געשוויגן אַ מינוט און לאַנגזאַם אַרויס־גערעדט:

— דער עיקר איז דער מענטש, טאַכטער... נויטן וועל איך דיך נישט... קיין קינד ביזטו דאָך שוין נישט... וועסט אים דער־קענען...

און ווען דער אַלטער האָט מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגע־נומען די שליסלען פון דער קאַסע, האָט די פאַננע בראָניע מיט אַ באַזונדערער שנעלקייט אויפגעשלאָסן דאָס אונטערשטע טירל און אַרויסגענומען דאָס אַלטע פלעשל ווייַן...

*

שוין לאַנג איז אין דער שפּעטער שעה דאָס עס־צימער ביי די שטרויספעדערס נישט געווען אַזוי באַלויכטן. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז די אַלטמאָדישע קלאָשן און גלעזער פּראַוון אַ יום־טוב. אין אַלע ווינקלען פון דעם גרויסן צימער זענען אויפגעשטיגן שאָטנס פון לאַנג־פאַרגעסענע זאַכן און קעגנשטאַנדן.

שוין שפּעט ביינאַכט האָט מען ביי דער טיר אָנגעקלונגען און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער מאַן פון דער עלטערער טאָכטער, דער דענטיסט לעאָן שפּיגעל. די ווייבער זענען אים אַנט־קעגנגעלאָפן מיט אַן איבערגעטריבענער פרייַלעכקייט און געשריי. זיי האָבן אים געכאַפּט אונטער די אָרעמס, און ער איז געשטאַנען אין זיין הויכן וווּקס מיט אַ צעפּיעשטשעטקייט פון אַ שיינעם מאַנסביל. ער האָט באַטראַכט די נייע אומבאַקאַנטע מענטשן, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן דער פאַננע בראָניע, מיט חוזק־בליקן. די סצענע פון באַגריסן זיך מיט דעם שוואָגער האָט צו־לאַנג גע־דויערט און האָט זיך אַריינגעריסן, ווי אַ פרעמדער, צעשטערנדי־קער ווינט אין דעם פאַרברענגען פון די פריערדיקע. דאָס האָט דערפילט דער אַלטער שטרויספעדער, ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער טאָכטער און באַפוילן דעם איידעם זיך צו זעצן נעבן זיין ווייב.

נאָכדעם איז אויף אַ ווייַלע שטיל געוואָרן, און באַלד האָט לעאָן אַ זאָג געטון צו זיין ווייב:

— נו, מיר וועלן דאָך באַלד גיין?

באַלד דערויף האָט זיך אויפגעהויבן דער עלטערער הער און אַ זאָג געטון צום חתן:

— נו, פאַר אונז איז שוין אויך צייט!

עס האָט זיך אויך אויפגעהויבן דער ה׳ לעווי.

מיטאַמאָל האָט זיך לעאָן, ווי אָן עפּעס דערמאָנט און זיך געווענדט צום חתן:

— ענטשולדיגט... ווי איז אייער ווערטהער נאָמען?

— זאַמעק... פּינקוס זאַמעק...

— אַזוי, פאַניע זאַמעק — האָט דער דענטיסט, ווי צו זיך, אַ זאָג געטון און זיך איבערגעקוקט מיטן ווייב. זי האָט אַ ברייטן לאַך געטון און פון מויל איז איר אַרויסגעשפּרונגען דאָס וואָרט: „זאַמעק". זי האָט זיך ווי דערשראָקן און צוגעגעבן:

— אַ גאַנץ שיינער נאָמען...

און באַלד האָט מען זיך גענומען געזעגענען.

דער אַלטער שטרויספּעדער איז געווען מיד, אָבער נישט־קוקנדיק דערויף, האָט ער באַגלייט די געסט ביז צו דער טיר. און ווי נאָר די טיר האָט זיך פאַרמאַכט — איז די פאַנגע בראָניע פאַרשוווּנדן פונם עס־צימער. זי איז אַריין אין טונקעלן צימער, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער קאַלטער, צעראַטענער קאַנאַפּע מיטן פּנים אַראָפּ. די פּיס זענען אַראָפּגעהאָנגען. זי האָט פאַרקוועטשט די אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט פון זיך אַרויסטרייבן עפּעס אַן אומהיימלעך געפיל.

אין דער פינסטערניש האָט זי בולטער געזען אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם אָוונט. זי האָט געזען דעם יונגנמאַן זאַמעק מיט די שיטערע ציין און דינע, צו־העלע און ראָזע ליפּן, ווי ער האָט נעגעסן. זי האָט אַרויסגערופן פאַר זיך זיינע בלייכע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף איר אַזוי דערשראָקן, און אויף זיינע מאָגערע, דין־הויטיקע, ראָזע הענט.

זי האָט געוווּסט, אַז זי דאַרף איצט זיין נעבן פאָטער, וואָס וועט געווים לאַנג נישט איינשלאָפן אין זיין אַלטן, גרויסן בעט און אויך קלערן אַלץ וועגן דעם, וואָס דער היינטיקער אָוונט האָט גע־

בראַכט. איר איז אָבער אַ שאָד געווען איבערצורייסן מיט אַמ דער פינסטערניש און מיט דער שווערקייט פון אירע גלידער.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן די שוועסטערן, וואָס האָבן גע־שטיפּט מיטן שוואָגער. זי האָט געהערט זייער איבערגעטריבן גע־לעכטער און זי האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן שוין אַוועקגיין.

אין דער מינוט האָבן זיך דערהערט טריט. אין דער טונקל־קייט פון צימער זענען אַריינגעטרעטן אירע צוויי חברטעס. זיי האָבן זי געזוכט און געפונען אויף דער סאָפע. זיי האָבן איר גאָר־נישט געזאָגט, נאָר אויפגעזוכט אין דער פינסטער איר פּנים און מיט אַ באַזונדערער צאַרטקייט געקושט. דערביי האָבן זיי מיט די פינגער, ווי אומגערן אַ טאַפּ געטון אירע באַקן. זיי האָבן געזוכט ביי איר טרערן. און דאָס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ פּלוצלינג־דיק, שטיל און שווער געוויין.

דערנאָך האָט זי געהערט, ווי די שוועסטערן מיטן שוואָגער זענען רעשיק אַוועקגעגאַנגען.

*

לאַנג איז די פאַננע בראָניע אַזוי געלעגן. זי האָט אָפּגעלאָזן דעם שטראָם געדאַנקען אין איר קאָפּ, און עס האָבן זיך פאַר איר דורכגעטראָגן טעג און יאָרן, אַזוי ווי אַן אומענדלעכער, גראָער פלויט. זעלטן, ווען עפּעס אַ פריידיקע פאַרב האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער גראָקייט. איר איז איצט גוט געוואָרן דערפון, וואָס זי האָט דאָס אַלץ אַזוי קלאָר געזען, גלייך ווי זי וואָלט געכאַפּט דעם כוד פון איר באַרויבט לעבן. זי האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט, ווי זי וואָלט געוואָלט צונויפנעמען די גאַנצע פאַרבליבענע קראַפט פון איר לייב, אום אָפּצוהאַלטן דעם לויף פון דעם גראָען פלויט... עס מוז עפּעס געשען! — האָט געשריגן אין איר ברוסט. זי האָט זיך אויסגעזוכט ווערטער, נייע, וועגן זיך און וועגן אַלעם אַרום, ווער־טער, פון וועלכע זי איז דאָס גאַנצע לעבן אַנטלאָפן. זי האָט גע־קלערט וועגן זיך, אַז זי איז אַלט, אַז זי וויל האָבן אַ מאַן, אַז זי וויל דורך די נעכט עמעצן דערציילן פון אירע באַהאַלטענע גע־דאַנקען.

זי האָט זיך צוגעהערט צו דער שטוב, ווי פונם לעצטן ציר מער האָט נאָך געבלינצלט א שיין פון א נאַכט-לעמפּל. זי האָט זיך געאיילט צו הערן פונם פאָטער דאָס וואָרט, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט. זי האָט געפילט, אַז דער אַלטער מאַן זוכט מיט זיינע שוואַכע הענט די וואַרעמקייט פון איר גליק. מיט שטילע טריט האָט זי צוגעשפּאַנט צום שלאָף-צימער. די טיר איז געווען אָפּגעשפּאַרט. זי איז צו צום בעט און מיט א פאַרדראָסיקער פאַרוואונדערטקייט דערהערט דאָס לייכטע שנאָרכן פונם פאָטער. דאָס נאַכט-לעמפּל האָט מיט געלבלעכער ליכט באַשמירט די ווייסלעכע טויטקייט פון זיין קאָפּ, וואָס איז געלעגן שווער און האַרט אויף דעם קישן. זיין אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעפאַלן און האָט געוויזן די געלע יאַסלעס און ווייסע, דינע, אַריינגעשטעלטע ציין.

און די פאַנגע בראָניע האָט דערפילט, אַז זי איז אַליין...

# א טעות...

ווי איך האָב נאָר איבערגעטראָטן די שוועל, האָב איך זי שוין געזען דורך דער האַלב־אָפֿענער טיר פֿונם צווייטן צימער. זי איז געווען נישט אינגאַנצן אָנגעטון. פֿונם קאָרגן מאָרגן־ראָק האָבן אַרויסגעקוועלט אירע נאַקעטע אַקסלען. זי האָט געשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים, האָט געמאַכט פֿון דערווייטנס מיט דער האַנט, ווי פֿון אַ וואַגאָן־פֿענסטערל.

איך האָב מיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויף איר מאַן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי אַריינגעקומען. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ האַלב־נאַקעטע האַנט, לאַנג זי געלאָזט אין מיינער און געקוקט אויף מיר מיט אַ זיסן בליק.

איך האָב איר דערציילט, אַז איר מאַן דאַרף איך זייער נויטיק געשעפֿטלעך. אַ שאָד, וואָס כ'האָב אים נישט געטראָפֿן.

— נו, און מיט מיר קאָנט איר נישט רעדן?

— פֿאַרוואָס... נאָר דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ געשעפֿטס־זאַך...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אָפּערקוקנדיק מיט איין גרויס אויג, האָט זי שטיל געזאָגט:

— נאָר געשעפֿט... די מענער זענען אַזעלכע טרוקענע...

איך האָב געזאָגט:

— אפֿשר וועל איך אים אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער?...

— שרייבט, וואָס איר ווילט, וואָס גייט עס מיך אָן? איר זענט דאָך נישט געקומען צו מיר.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע און איז געוואָרן אומעטיק און פרעמד.

איך האָב געזוכט פּאַפּיר צו שרייבן.

*

— אָט דאָס, וועל איך אייך בעטן איבערצוגעבן אייער מאַן? ס'איז זייער נויטיק.

— נו, גוט... ליגט עס אוועק... וואָס גייט עס מיך אָן?

זי האָט גערעדט מיט כעס.

איך האָב מיך זייער געאיילט. איך האָב געדאַרפט גיין צו אַ סוחר פון אַן אַנדערע שטאָט, וואָס האָט געוווינט אין אַ האָטעל. דערנאָך האָב איך געדאַרפט אוועקשיקן אַ געשעפטלעכע טעלע־גראַמע. איך האָב נישט געהאַט קיין צייט, נאָר איך ווייס נישט, צוליב וואָס איך בין נאָך דאָ געשטאַנען. ענדלעך האָב איך מיך געזעגנט.

— אַדיע, פרוי...

זי האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. אירע הענט זענען געווען נאַקעטע און פולע, און איר שלעכט־פאַרדעקטע ברוסט האָט בולט אַרויסגעשטאַרט. איצט האָט זי מיט אַ שווערן אָטעם אַ זאָג געטון:

— גייט איר אַוועק?...

— יאָ, איך מוז שוין לויפן... ווייל דער מענטש, וואָס איך דאַרף, קאָן נאָך אַוועקגיין, און איך האָב מיט אים עפּעס געשעפט־לעך צו רעדן. אפשר וועלן מיר עפּעס מאַכן.

איך בין שוין געווען ביי דער טיר און האָב נאָך צוגעגעבן:

— איר זענט אַזוי ליכט אָנגעטון... איר קאָנט אייך נאָך פאַרקילן...

איך ווייס אַליין נישט, צו וואָס איך האָב דאָס געזאָגט. אָט, גלאַט אַזוי.

דעמאָלט האָט זי זיך צוגעבויגן צו מיר און גערעדט מיט די ציין און מיט די אויגן:

— צו וואָס טויג איך די שפּיל?... איר מאַכט זיך אַזוי... דערפאַר, ווייל איר ווילט הערשן... ווייזן, אַז איר זענט גלייכגילטיק... אָבער איך... איך בין אַ שוואַכע פרוי... איך קאָן נישט מער...

זי האָט באַקומען אַ געשפּאָלטן קול פון טרערן:

— איך לייד אַזוי... ווען איך וואָלט אָן אייך געקאָנט פאַרגעסן... אַך, ווען א י ך וואָלט מיך געקאָנט אַזוי מאַסקירן, אַזוי ווי איר...

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אַ קילע, נאַקעטע האַנט אויף מיין האַלז און געאָטעמט אויף מיר מיט קעלניש וואַסער און פּודער.

איך האָב מיך דערשראָקן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן זעען, וואָס דאָ קומט פאָר. איך האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון איר שווערער האַנט. איך האָב געזאָגט:

— איר האָט געוויס נישט פאַרשטאַנען... איר קענט דאָך מיך שוין פון לאַנג... איר ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט פון די מענטשן... ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז אייער מאַן איז נישטאָ אינדערהיים, וואָלט איך נישט געקומען... נו, שוין, איך וועל אים שוין געפינען אין גאַס.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן דעם האַנדלט זיך. איך האָב נאָר געדענקט, אַז אַ פרעמדע פרוי טוט עפּעס מיט מיר, אַז עס גייט עפּעס אויף מיר אַ פרעמדע, בייזע זאַך, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך דאַרף דאָ צוריקשטעלן, ברענגען אין אָרדנונג אַ זאַך, וואָס איך האָב קאַליע געמאַכט, פאַרפּלאָנטערט. מיטאַמאָל האָב איך דערפילט, אַז איך האַלט זי פאַר אַ האַנט. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטון, ווי פון אַ פּלוצלינגן ברי.

איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף עפּעס זאָגן:

— איך בעט אייך איבער... אָבער גלויבט מיר, אַז דער

קאַפּ איז אַזוי פֿאַרטראָגן... די געשעפֿטן זענען זייער שלעכטע... ס'איז פּשוט נישטאָ, ווו צו פֿאַרדינען...

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ שפּאָטישן כעס און מיט־אַמאָל האָט זי אויסגעשאָסן:

— איך פֿאַרשטיי... איר מאַכט חוזק פֿון מיר... אַוודאי... אַז איך וואַרף מיך אייך אויפֿן האַלז... מעגט איר זיך מאַכן... איר קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ... נאָר אויב אַזוי... זאָלט איר וויסן... איר קענט מיך נישט... איר הערט?... איך וועל שוין וויסן, וואָס צו טון...

זי האָט מיך אָנגעכאַפּט פֿאַר די קלאַפּעס און אָנגעהויבן שלעפּן אין צימער אַריין... איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אָן דער וויטרינע פֿון דער טיר, טרעטנדיק אויף מיין אייגענעם קאַפּעלוש. און נישט קאָנענדיק זיך קיין עצה געבן, האָב איך זי אַ שטופּ געטון פֿון זיך, דעמאָלט איז איר האַנט אַ שפּרונג געטון אין מיין פּנים אַריין, און מיט אַ פֿרעמדער, ראַציקער שטימע האָט זיך דערהערט איר געשריי:

— שלאָגן, אַ שוואַכע פֿרוי... כאַם... באַנדיט...

איך האָב דערפֿילט, מיט וואָס דאָס שמעקט. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּאַנישע שרעק. איך האָב זי אַרומגעכאַפּט, זי אָנגעהויבן קושן. מיר זענען ביידע געפֿאַלן אויף דער סאָפֿע, און גלעטנדיק אירע פֿאַרפּודערטע באַקן, האָב איך געמורמלט:

— לאָזט מיך לויפֿן... דער סוחר וועט אַוועקפֿאָרן... ס'איז זייער אַ וויכטיק געשעפֿט... כ'דאַרף געבן אַ טעלעגראַמע... זאָגט אים, ווען ער וועט קומען, ער זאָל באַלד קומען, אויף דעם אַדרעס, ווי כ'האָב פֿאַרשריבן...

איך האָב געכאַפּט דעם קאַפּעלוש, אַרויס פֿון דער שטוב, ווי אַ משוגענער, און נאָך פֿון די טרעפּ לויפֿנדיק געהערט דאָס משוגע־נע געלעכטער פֿון דער פֿרוי.

און ביז היינט ווייס איך נישט, וואָס זי האָט געוואָלט פֿון מיר... אַסור, אויב איך פֿאַרשטיי... איך מיין, נאָר אַזוי זיך... אַז זי האָט פּשוט געהאַט אַ טעות... ווו קומט אַ פֿרוי, וואָס האָט אַ מאַן... אַ גאַנץ פֿיינעם מענטש... אַ סוחר... נישט אַנדערש... אַ טעות...

# א מיינונג

מיין באקאנטן יונגנמאן האָב איך מיט א צייט צוריק באַגעגנט מיט א מיידל. ס'איז געווען ערגעץ אין א רעסטאָראַן אָדער אין א טעאַטער. ער האָט מיר פאָרגעשטעלט דאָס מיידל און איר עפּעס געזאָגט דערביי.

דאָס מיידל איז מיר זייער געפעלן.

ווען איך האָב אים מיט א צייט צוריק געטראָפן אליין, האָב איך אים א פרעג געטון:

— ווער איז דאָס מיידל, מיט וועלכער איך האָב אייך באַגעגנט?

— דאָס מיידל? א... באקאנטע...

— א פיין מיידל — האָב איך א זאָג געטון — זי געפעלט מיר זייער...

— אזוי?... איר שפּאַסט נישט?... וואָס עפּעס געפעלט זי אייך אזוי פּלוצלינג? א מיידל... איך האָב מיך נישט לאַנג מיט איר באקענט... מיך וווּנדערט, וואָס זי געפעלט אייך אזוי. דאכט זיך: א מיידל אָן באַזונדערע זאַכן...

איך ווייס נישט, צוליב וואָס איך האָב פּלוצלינג זי גענומען לויבן:

— איר זענט גאָרנישט קיין מבין אויף איר... זי איז זייער א שיינע... זי האָט זעלטענע אויגן און זעט אויס אַן איידעלע... און, דאכט זיך, נישט קיין נאַר.

דער יונגערמאַן איז געווען אויסער זיך:

— וואָס רעדט איר? איך האַלט דאָך עפּעס פון אייער מיי־נונג... און כ׳האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט אייך אַזוי געפעלן.

— און אייך געפעלט זי נישט? — האָב איך געפרעגט מיט נייגעריקייט.

— מיר?... — דער בחור האָט געהויבן מיט די פּלייצעס:

— איך ווייס... כ׳וועל אייך זאָגן... איך זע נישט אין איר קיין שום באַזונדערס... נאָר, אַז איר זאָגט...

— אודאי — האָב איך שוין איבערגעכאַפּט די מאָס — מען דאַרף זיין אַ מבין אויף איר.

דער יונגערמאַן האָט זיך גאָרנישט געקענט באַרואיקן:

— אַ־וואַ... איז זי אייך אַזוי געפעלן?... איך האָב געמיינט, אַז אייך געפעלן גאָר אַנדערע. זי איז דאָך אַביסל אַ פלעגמאַטישע...

— וואָס רעדט איר? — אָט דאָס איז טאַקע דער אמתער טעמפּעראַמענט ביי אַ פרוי, ווען זי האַלט זיך באַשיידן... אָבער אינווייניק... איר פאַרשטייט? איר האָט באַמערקט אירע ליפּן... ווי הייסער ווין...

דער יונגערמאַן האָט אַזש אונטערגעטאַנצט:

— ווער וואָלט זיך עס געווען גערעכט, אַז זי וועט געפעלן אַזאַ מענטש, ווי איר?

— איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן! — האָב איך צוגע־וואָרפן מיט טריאומף און זיך געזעגנט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער יונגערמאַן געקומען צו מיר. ער איז געווען זייער אויפגערעגט. ער האָט מיר אַ ווונק געטון:

— איך האָב פאַר אייך אַ גרוס... כע... כע... איר זענט איר אויך געפעלן... מיר רעדן אָפט וועגן אייך... אָבער זעט נאָר, ווי מאָדנע... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב אין איר נישט געזען קיין שיינקייט און מיר האָט אפילו אויסגעוויזן, אַז זי איז נישט קיין שיינע, ווייל זי האָט אַביסל די נאָז... איר האָט נישט באַמערקט?... און דער גאָלדענער צאָן מאַכט אויך קאַליע... נאָר

ווען כ'האָב געהערט אייער מיינונג — האָב איך באמת דערזען, אַז זי איז אַן אָריגינעל מיידל.

דאָס מאָל האָט ער מיר דערציילט וועגן איר פאַרשידענע זאַכן. איך בין געזעסן און געפּרוּווט זיך דערמאָנען, ווי דאָס מיידל זעט אויס, כ'האָב זיך אָבער בשום־אופן נישט געקענט דערמאָנען.

— זי האָט אין זיך עפּעס אַזוינס...—האָב איך צוגעגעבן, און דער יונגערמאַן האָט מיר מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט די האַנט.

אַזוי האָט דער יונגערמאַן אָנגעהויבן צו קומען צו מיר אָפט. וואָס אַמאָל איז ער געקומען מיט לייכטנדיקערע אויגן.

— וואָס הערט זיך?

דער יונגערמאַן האָט שוין גאָרנישט גערעדט, נאָר געוווּנקען:

— ס'איז אַלץ גוט... ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז זי קומט אַרויס פון גאָר אַ פיינער משפחה.

— ווער?

— נו, מיין באַקאַנטע... די, וואָס געפעלט אייך אַזוי.

— אהא...

— יאָ... איר פאָטער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש... איז אַמאָל געווען אַ גביר... היינט גייט זיי אויך נישט שלעכט...

— נו, זייער שיין...

און דער יונגערמאַן איז אַוועק.

*

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן קומען שוין צו אָפט. ער האָט געבראַכט גרוסן, דערציילט וועגן יעדער באַגעגעניש, און יעדעס מאָל האָב איך אויסגעהערט זיין באַוווּנדערונג פאַר מיין געשמאַק.

— מ'זעט באַלד, וואָס עס הייסט אַ מענטש מיט אַ גוט אויג... ווער וואָלט געקענט אַזוי, אויפן ערשטן בליק, אָפּשאַצן אַלע אירע מעלות?

וואָס־זשע האָב איך געקענט אויף דעם אַלעם ענטפערן? איך האָב אַלץ געלויבט דאָס מיידל, כאָטש כ'האָב שוין פון לאַנג פאַרגעסן, ווי זי זעט אויס.

דערנאָך איז אַוועקגעגאַנגען אַ לענגערע צייט און דער יונגערמאַן האָט זיך נישט געוויזן. איך האָב אים אויך אין ערגעץ

נישט באַגעגנט. ערשט די טעג האָט זיך געעפנט די טיר און דער יונגערמאַן האָט זיך באַוויזן:

— וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט איר? וואָס האָט מען אייך נישט געזען?

דער יונגערמאַן האָט געשוויגן און נאָר געקוקט אויף מיר. נאָך אַ פּאָר מינוט שווייגן האָט ער ענדלעך אָנגעהויבן:

— איר דאַרפט נישט זיין ברוגז, וואָס מיר האָבן אייך נישט פאַרבעטן.

— וווהין?

— איר ווייסט גאָרנישט?... הע, אַז מיר... איר ווייסט טאַקע נישט, אַז מיר האָבן חתונה געהאַט?

— אַזוי?... מזל־טוב!

דער יונגערמאַן האָט אַלץ אויף מיר געקוקט.

— אַ שיינעם דאַנק — און ער האָט ווידער לאַנג געשוויגן. כ'האָב געמוזט עפּעס זאָגן.

— נו, הייסט עס... קומט מיר שדכנות־געלט.

דער יונגערמאַן האָט אַ זיפץ געטון:

— יאָ... יאָ...

— וואָס־זשע זיפצט איר?

דער יונגערמאַן האָט ווידער לאַנג געשוויגן. זיין שטערן איז געווען געקנייטשט. ער האָט אַלע מאָל אַ זיפץ געטון און ווידער גע־קוקט אויף מיר. ביסלעכווייז איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. דער יונגערמאַן האָט אַלץ געשוויגן.

— וואָס־זשע שווייגט איר? — האָב איך זיך מער נישט איינגעהאַלטן.

דער יונגערמאַן האָט אַלץ געשוויגן און צום סוף, שוין ביים אַוועקגיין, האָט ער זיך ענדלעך צערעדט:

— איך וויל אייך נאָר פרעגן איין זאַך... זאָגט מיר, וואָס האָט איר אַזוינס דערזען אין דעם מיידל? כ'מיין, אין מיין ווייב... איר מעגט דאָך מיר שוין יעצט זאָגן... און זאָגט מיר: צי האָט איר טאַקע געמיינט ערנסט דאָס אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן איר שיינקייט, פיינקייט און קלוגשאַפט?... ווו האָט איר דאָס אַלץ

געזען אין איין מאָל? צי אפשר האָט איר גלאַט אַזוי זיך געזאָגט?... אָט צוליב... כ'ווייס... גלאַט אַזוי... הא, זאָגט מיר. און נאָך איז מיר אַ װוּנדער, וואָס אַזאַ מענטש, ווי איר, זאָלט אַזוי לייכטזיניק וואַרפן מיט ווערטער. איר דאַרפט דאָך פונדעסטוועגן געדענקען, אַז מיט אייער מיינונג רעכנט מען זיך... און איר קענט יענעם אַריינפירן אין אַן אומגליק... ס'הייסט: איך האָב צו אייך גאָר־נישט... איך ליג נישט אַרויף די שולד אויף אייך... ווייל, נאָך אַלעמען, איר האָט דאָך מיך נישט געניוועט... נאָר וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן? וואָס האָט איר אַזעלכעס אין איר דערזען?

איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. איך האָב אים נאָר אַ דריק געטון די האַנט אָן ווערטער, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם האַנט־דרוק ליגט מיין טיפסטער מיטגעפיל, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער אַרויס פון מיין צימער...

# אין באד

דאָס געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין באָד, אין דער גע־דעכטער מוטנעקייט פון דער פּאַרע, ווו ס׳האָבן זיך ארומגעדרייט א צענדליק נאַקעטע מענטשן. די מענטשן האָבן דערמאָנט אָן די בילדער, ווי די אידן האָבן געאַרבעט ביי פּרעהן אין מצרים. די אַלע נאַקעטע מענטשן האָבן ארומגעשפּאַנט לאַנגזאַם, מיט קרומע טריט, אין דער נאַסער גליטשיקייט פון דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, האָבן זיך געפּאַרעט ביי קראַנען, אָפּגעשפּרונגען, גע־טראָגן שעפעלעך, שמאַטעס, בעזעמלעך, אָדער פּלוצלינג מיט רעש גענומען זיך פּאַטשן און רייבן איבער די זייטן, ווי א סטאַיע פליגן וואָלטן זיי פּלוצלינג באַפאַלן און געביסן.

דאָרט זענען געווען אידן מיט דינע, בלאָע פיס און דאַרע פּלייצעס, ווי אָרעמע סוכות, וואָס מ׳קלאַפּט צונויף פון ברעטלעך, און א פּאָר גויים בעדערס, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל ארויפגעוואָרפן אויף אַן אַנדערן נאַקעטן מענטש. יענער איז געלעגן, ווי א טויטער, מיט א האַרטן, נאַקעטן בויך אויף דער באַנק און זיך געלאָזט קנעטן, פּאַטשן, גיסן און שאָבן פון דעם בעדער.

אין דער גאַנצער שווענקעריי און קרעכצעריי פון די צעוואַרעמטע געמיטער האָבן זיך געהערט צוויי שטימען: איינע — א שפּיציקע, מיט נאַקעטע אויסגעשרייען ביי די סוף ווערטער, די צווייטע — א געלע, א בלאַסע, אָבער א בויכיקע. דער ערשטער מיט דעם שפּיציקן קול איז געלעגן אויף דער באַנק פון אויבן.

מ'האָט קוים פונם וואַרעמען נעפּל אַרויסגעזען זיינע דינע, געלע הענט און דאָס קליינע, ווייסע פּנים מיטן רויטן שיטערן בערדל, וואָס האָט ווי אַראָפּגערונען פון זיין דאַרער גאָמבע. דער צווייטער האָט געוואַרט אויף אַ שעפּל. ער האָט אַרומגעהאַלטן מיט די הענט זיין בויך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ראָז זעקעלע מעל. ער איז געווען אַביסל גראָ אויפן קאָפּ, מיט אַ שטרענג פּנים, און אין אין דער נעץ האָט זייער געשפּרעך אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן גערעדט דורכן טעלעפאָן:

— אַ? עטץ זעט דעם בויך?... ער איז שוין היינט אַ העלפט... ווייל כ'היט מאָך... כ'עס נישט קיין טשאָלנט... דער עיקר — כ'טרינק נישט קיין ביר... ווייל ביר פּוישט אָן... עטץ הערט?... ביר בלאָזט אָן... יאָך פלעג אַמאָל זיך אוועקזעצן... האָב יאָך אויפגעגעסן אַ האַלב גענזל... עטץ הערט?... אַ קאָפּ פיש... עטץ הערט?... און פאַרטרונקען אַ פּאָר פלעשלעך ביר... היינט צער איך מיך... כ'עס וויים פליייש... ס'זעטיקט אָבער נישט... אַ הון פּאָר אַזא „אָסאָבע", ווי איך, איז אַ שפּיי... וואָס האָט מען פון אַ הון?... עטץ הערט?... אַ פּיאַ' זוכט זיי, די דאָקטוירים... אַליין פרעסן זיי... האַ?...

דער געלער האָט זיך פּלוצלינג אַ שיב־געטון, ווי אַ פיש און אָפּגעענטפערט מיט אַ קוויטש:

— יאָך זאָג, אַז עסן איז אַ קלייניקייט... אַ איד דאַרף נישט עסן קיין סך... אַבי נאָר איינהאַלטן די נשמה... מיין זיידע פלעגט זאָגן: „די קישקע איז אַ נאַר"... האַ־האַ־האַ... או... סע בריט!

אַזוי האָט זיך געצויגן דאָס געשפּרעך וועגן בייכער, וועגן דאַרקייט, וועגן געזונט, וועגן עסן, וועגן באַנקעס, געהאַקטע און טרוקענע. צום סוף האָט דער בייכיקער אַ הויכן גענעץ געטון און מיטאַמאָל אַ פרעג געטון.

— און וואָס וועט זיין מיטן ביסל אידן?

— אוי וויי... ס'איז שלעכט...

— נו, מ'האָט דאָך עפּעס געזאָגט... ארץ־ישראל...

— נו, יאָ, נו...

*

נאכדעם, ווי דער בויכיקער האט זיך אָרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט א האנטוך, זיך אוועקגעלייגט אויף אַלע פיר און דורכ־געפירט עפּעס א משונהדיקן טאנץ, וואָס איז געווען באגלייט מיט פארשידענע קרעכצן, יאָכצן, הוסטן און ניסן, האָט ער ווידער אָנ־געהויבן דאָס געשפּרעך:

— עטץ הערט?... וואָס זאָגט עטץ?... זאָל יאך הייסן דעם גוי אריינברענגען א פלעשל ביר, צי זאָל יאך פאָלגן דעם דאָקטאָר, א פּיאָ׳ זוכט אים... עטץ הערט? סע דארשט מאָך...

דער געלער האָט שוין איצט גאָר געענטפערט מיט א קרעכץ און דער בויכיקער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— יאך זאָג ענק, אז אמאָליקע יאָרן האָט מען נישט גע־ווּסט פון קיין צערן זיך... אי א מענטש האָט געהאַט א בויך — איז אדרבה, האָט מען פאר אים געהאַט „אושאנאָוואניע״... א סטרוזש—אראָפּגענומען ס׳היטל... ווער האָט געהאט א בויך?... א „כראָביע״... א ווירט פון א הויז... א דארער מענטש איז גע־ווען א „שמיעטשאזש״... היינט, אז מ׳האָט א בויך, לויפט מען צו א דאָקטאָר... און ווער האָט עס איינגעפירט?... די ווייבער... א פּיאָ׳ זוכט זיי... מיין ווייב איז געווען אַן „אָסאָבע״... א קיי־סערינע... ז׳איז גענאַנגען — האָבן געציטערט די ווענט... האָט זי אָנגעהויבן טרינקען עסיק, נאָגן ציטרינען, און איז געוואָרן דאַר. ווי א שפּענדל... עטץ הערט?... יאך האָב פיינט א דאַר פרויענ־צימער... וואָס זאָגט עטץ?...

— וואָס זאָל איך זאָגן?... איך בין פון פאך א פודלע־מאַ־כער...

— ווי זעט אויס ענקער בראַנזשע?... מ׳פארדינט עפּעס געלט?...

— מ׳זעט נישט קאַ׳ געלט...

— געלט?... געלט איז אַן אידעלע זאך...

— אוי, ווי מיאָ׳...

— זאָגט נאָר... וואָס הערט זיך עפּעס מיט אמעריקע?... אידן פאָרן, צי נישט?...

— איר ווילט פאָרן קיין אמעריקע?...

— יאך?... פאָרן? פאַרשוואַרצט ווערן?... אַרבעטן, ווי א פערד?... כ'בעט ענק... דערלאַנגטס מיר דאָס שעפל...

— און אַ מלחמה וועט זיין?...

— אַ מלחמה?...

דער געלער איד האָט פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן זיינע דאַרע פיס פון דער באַנק און האָט אַ קרעכץ געטון.

— מלחמות... גזרות... אַלץ, כדי צו דערשטיקן דעם איד... כ'בעט אייך, באָרגט מיר אייער בעזעמל... אוי, ווייטאָג מיר... אוי... ס'איז נישט די פאַרע פון אַמאָל...

— איי, די אַמאָליקע פאַרע...

# מעל

צוויי פֿאַריאַכמערטע ווייבער אין שווערע טיכער זענען שטיין געבליבן פֿאַרן געוועלב. זיי האָב צוגעלייגט די הענט צו די שטערנס און אַריינגעקוקט אין געוועלב, ווו זיי האָבן קוים דערכאַפּט אין דעם מעל־שטויב דעם ווייסלעכן פֿלעק פֿון אַ פּנים.

— ר׳איז דאָ! — האָט איינע אויסגעשריגן.

ביידע ווייבער האָבן זיך, ווי אַלטע, קרומע פֿייגל, אַ טראָג געטון אָן אַ זייט גאַס, דאָרט איז געשטאַנען אַ יונגע מויד, אָנ־געטון אין אַ נייעם קאַפּעלוש, וואָס איז פּלאַטשיק געלעגן אויף איר צעשויבערטן, גרויסן קאָפּ שווארצע, פעטע האָר. אַלע דריי האָבן זיך אַ לאָז געטון איבער דער ברייט פֿון דער הינטער־שטאָטישער גאַס, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיטביימער אין דער ווייט פֿון די צוויי רייען אַלטע, פּוילישע הייזער.

ביידע אַלטע ווייבער האָבן אַ שלעפּ־געטון די מויד און אָנ־געהויבן איבער איר מאַכן מיט די הענט. זיי האָבן זי געשטופּט, געשלעפּט פֿאָראויס און צוריק. און די מויד האָט, האַלטנדיק דעם פּאַראַסאָל, ווי אַ ביקס, מיטאַמאָל אָנגעהויבן לויפֿן.

זי איז צוגעלאָפֿן ביז צו דער נידעריקער, טונקעלער טיר פֿונם געוועלב. זי האָט לאַנג מיט אַ האַלב־אָפֿן, פֿאַרגאַפֿט מויל געקוקט אויף דער שילד, ווו ס׳זענען געווען אויסגעמאָלט זעקלעך מעל אַזוי ווי אַ שטוים ברודיקע קישנס. זי האָט זיך איבערגע־ווישט דאָס פּנים, אַ גלעט־געטון די האָר אונטערן פֿאַרנדיקן קאַ־

פּעלוש און אָננעמענדיק אַ וויגנדיקן, טאַנצנדיקן טריט, האָט זי מיטאַמאָל אַ שטוים געטון די טיר פאַר זיך. דאָס גלעקל ביי דער טיר האָט זיך צעוויגט מיט אַ דינעם, בלעכענעם קלונג, און רבקה האָט אַ שפּאַן געטון אין דער מוטנער טונקלקייט פונם מעל־סקלאַד. זי האָט אין אָנהויב גאָרנישט געזען, כאָטש פון דער טיפקייט דורך דער לאַנגער קאַמער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ שמאָלער, שטויביקער פּאַס טאָג־ליכט, און נאָר ווען נעבן איר איז שטיין געבליבן אַ געשטאַלט פון אַ מאַנספּאַרשוין, האָט זי אויסגעשאָסן:

— זי זענען שמחה?

ערשט איצט האָט זי דערזען אַ הויכן יונגנמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט פאַרמעלטע ברילן אויף די אויגן. ער האָט געטראָגן אַ גראָע, פאַרמעלטע קאַפּאָטע. אַ בלייפעדער האָט געשטעקט הינ־טערן אויער.

— יאָ, איך בין עס...

ער האָט גענומען רייבן די הענט, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעשטויבט אַ וואָלקן מעל.

ערגעץ אינם מעל־נעפּל האָט זיך נאָך אַרומגעפּאָרעט אַ גע־שטאַלט, וואָס איז געווען אינגאַנצן באַשלאָגן מיט אַ גראָער וויס־קייט. אָבער רבקה האָט נישט געקאָנט דערכאַפּן, ווער דאָס איז. עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט. ערשט, ווען שמחה האָט אַ לויף געטון אַראָפּ און געעפנט אַ טיר, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין יענער זייט, האָט זיך אַ שטראָם ליכט אַריינגעגאָסן. און רבקה האָט דערזען דעם גאַנצן מעל־סקלאַד, מיט די בערג אָנגעלייגטע זעק מעל ביז אַרויף צו די גראָבע בעלקעס. ערשט איצט האָט זי אויך דערזען, אַז דאָס צווייטע געשטאַלט, וואָס האָט שטאַרק גע־אָטעמט, שלעפּנדיק זיך, איז געווען אַן עלטערער גוי מיט לאַנגע וואָנסעס, וואָס האָט געטראָגן, ווי אַ צוגעוואַקסן, פאַרמעלט היטל צום קאָפּ.

זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווען שמחה איז געלאָפן הין־און־צוריק, יאָגנדיק דעם מעל־שטויב:

— קומען זי... — האָט ער אַ זאָג געטון און אויסהיטנדיק

זיך, אַז דאָס מעל זאָל אויף איר נישט פאַלן, האָט ער זי צוגע־פירט צו אַ לאַנגן טיש.

דאָרט איז געשטאַנען אַ וואָג און ס'זענען געלעגן ליידיקע זעק, ער האָט איר צוגערוקט אַ בענקל, עס אָפּגעווישט מיט דער לינקער זייט קאַפּאָטע:

— זיצן זי...

— אַ שיינעם דאַנק... כ'בין דורכגעגאַנגען — בין איך אַריינגעקומען...

— יאָ... כ'פאַרשטיי... זי זענען עס דאָס פּריילין?

— ווער האָט אייך געזאָגט? נו, יאָ... ס'איז היינט אַן אַנדער וועלט... נאָר מיינען זי נישט, אַז כ'בין נישט געקומען אַליין... אינדרויסן וואַרטן זיי...

דער יונגערמאַן האָט זיך אָנגערירט מיט דער האַנט פאַר׳ן האַרץ און איידל געזאָגט:

— די שדכנטעס קומען אַלע טאָג... אָבער צו וואָס דאַרף מען זיי?... אַז זי אַליין זענען דאָ... איז דען נישט גלייכער, אַז מיר וועלן זיך אַליין באַקענען?

— גאַנץ ריכטיק — האָט די מויד אַ זאָג געטון און גע־וויזן די גרויסע, געלע ציין, וואָס האָבן איר צעשפּרייט דאָס מויל.

זי האָט זיך האַלב אַוועקגעזעצט אויפן בענקל נאָך אַלץ האַלטנדיק דעם פּאַראַסאָל, האָט זי זיך אַרומגעקוקט:

— און דאָס איז אינם געשעפט?

— יאָ... כ'האָב נאָך צוויי קעלערס...

די מויד האָט אַ בליץ געטון מיט די אויגן און אַרויסגע־שטעלט אַ גרויסן, דיקן פוס פון הינטערן קליידל. דער יונגערמאַן האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר, אָנשפּאַרנדיק זיך אינם טיש. זי האָט געאָטעמט רעשיק און איר אַרויסשטאַרנדיקער ביוסט האָט זיך געהויבן.

זיי האָבן זיךביידע אָנגעקוקט און ער האָט געזאָגט:

— אזוי געפעלט מיר טאקע... כ'האָב פיינט די שדכנים... גלויבן זי מיר, אַז זיי קלאַפּן מיר אָפּ די טירן... זינט זי איז געשטאָרבן... זי האָבן שוין געזען די וווינונג?...

— ניין...

— ווען מיר באַלד אריינגיין...

זי האָט אראָפּגעלאָזן דעם פּאַראַסאָל. זי האָט איצט געדאַרפט עפּעס זאָגן און פון אַלעמען, וואָס האָט זיך געראָיעט אין איר קאָפּ, האָט זי אַרויסגעזעצט:

— הכלל?...

ער האָט אַזש אַ ציטער געטון, גלייך מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ גנבה, ווען ער האָט איצט שטיל זיך געגליטשט מיטן בליק איבער אירע קרעפּטיקע אָרעמס, און אַ וואַרעמער שטראָם בלוט האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און פאַרטויבט זיינע אויערן.

רבקה האָט נאָך אַלץ זיין פּנים נישט געקאַנט כאַפּן. זי האָט נאָך אַ קלער געטון: „אַ מאַנספאַרשוין" — און איר געזונט האַרץ האָט אָנגעהויבן קאָכן. זי האָט געוואָלט אין דער מינוט אריינטון עפּעס אַ פייערלעכקייט. זי האָט געזוכט עפּעס אַ וואָרט, אָבער ער האָט זי נישט געלאָזן זיצן אויפן אָרט. ער האָט זיך עטלעכע מאָל צוגערירט צו איר אָרעם און אַ זאָג געטון:

— ווען מיר אריינגיין אין שטוב... דאָ באַלד... מיר גייען נאָר דורך דער טיר...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און זיי זענען געגאַנגען מיט דער קאַרגער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך אריינגעריסן דורך דער קאַמער. פון אומעטום האָבן געקוקט זעק מיט מעל מיט אַ גראָער, שווערער האַפנונגסלאָזיקייט. דער טרוקענער שטויב האָט געשמעקט מיט פאַרדריקטקייט. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ טונקעלער קאָרידאָר מיט אַ פענסטער אויף אַ קליינעם גראָען הויף. און מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט אַ טיר — רבקה האָט דערזען אַ גרויסע, ליכטיקע קיך. דאָס ערשטע האָט איר אויג געכאַפּט דריי קופּערנע פאַנען, וואָס האָבן געשפּילט מיט ראָזן פייער פון דער וואַנט אַראָפּ. טעפּ און טעפּלעך, גלעזלעך און געשיר, בלעך און מעש

און אייזן האָט אַרויסגעשריגן פון אַלע ווינקעלעך, אַז דער מויד איז איבערגעלאָפּן אַ קיצלדיקער ציטער איבערן שווערן, אויסגעע־בעטן לייב. „אַזאַ שמאַלץ־גרוב" — האָט זי אַ קלער געטון.

ער האָט דערזען די רויטע פלאַמען, וואָס זענען אַרויסגעע־טרעטן אויף איר פּנים און האַלז, און איצט האָט ער זי שוין דרייסטער אַ נעם געטון אונטערן אָרעם און אַ פיר אַריין אין אַ צווייטן צימער. דאָ האָט זי דערזען אַ קרעדענס מיט בליש־טשענדיקע שויבן, אַ טיש מיט שטולן. דאָס אַלץ האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט אַ וואַרעמען גלאַנץ. זי האָט שוין איצט נישט געזען אים — זי האָט נאָר געצילט מיט די בליקן צו די שטולן, צום טיש און אַלע קלייניקייטן, וואָס האָבן דאָ געוואַרט אויף איר.

— אַ שמאַלץ־גרוב... אַ שמאַלץ־גרוב... — האָט איר געע־קלאַפּט אין קאָפּ. זי האָט אָנגערירט דאָס טישטוך אויפן טיש, האָט עס אַ גלעט געטון. אויפן טיש איז געלעגן אַ זעמל מיט אַ טעלער און אַ מעסער.

זי האָט דאָס אַלץ געגלעט מיטן אויג, און עס האָט זי אַרומ־גענומען אַ מידקייט און רחמנות צו זיך אַליין. מיטאַמאָל איז איר בליק געפאַלן אויף אַ פאַרגרעסערטער פאָטאָגראַפיע אין אַ גאָלדענער ראַם. פונם בילד האָט אַראָפּגעקוקט אַ שוואַרץ דער־שראָקן ווייבל מיט האַרטע האָר אַרום דעם קורצן שטערן. דער יונגערמאַן האָט אונטערגעכאַפּט רבקהס בליק און שטיל אַ זאָג געטון:

— דאָס איז זי...

רבקה האָט זיך פאַרקרומט:

— מ'דערקענט, אַז זי איז געווען אַ שוואַכע...

— יאָ, יאָ...

שמחה איז אַ מינוט געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אָבער באַלד האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט און צוגייענ־דיק נאָענט צו רבקהן, האָט ער שטיל אַ מורמל געטון:

— לאָמיר גיין ווייטער...

און ער האָט זי ווידער אָנגערירט בײַם אָרעם און אַ פיר גע־

מון אין א זייטיקער טיר. דאָ האָט אויף איר א גלאַנץ געטון א רויטע פאָדלאָגע און טונקל־רויטלעכע ווענט, גלאַנציקע פון אייל־פאַרב. אין דעם צימער איז געלעגן א טויטע שטילקייט און א פאַרביסענער אומעט. צוויי גרויסע בעטן זענען געשטאַנען אין מיטן איבערגעדעקט מיט איין גרויסער קאָלדרע.

— א „ספאַלניע״... — האָט רבקה פאַרטראַכט ארויסגערעדט — און א שפּאַן געטון צוריק.

דאָ האָט זי באַמערקט, אז הינטער איר איז צוגעשפּאַרט די טיר. זי האָט א ווייל א לויף געטון און זיך האַרט אָנגעשלאָגן אָן דעם יונגנמאַן. אָנרירנדיק זיך אָן אים, האָט זי דערפילט, ווי ער ציטערט. זי האָט שנעל א קוק געטון אויף אים.

אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן דער עלטערער גוי און מיט א גלייכגילטיק הילכיקער שטים גערופן דעם בעל־הבית. ער איז געשטאַנען, ווי א זאַק מעל, מיט פאַרוויסטע שטיוול און מיט א ריזיקן, פאַרמעלטן פינגער גערופן:

— פּאַניע סימכאַ...

דער יונגערמאַן האָט ווי אויפגעוואַכט. ער האָט צום ערשטן מאָל רבקהן אָנגענומען פאַר דער האַנט און אויסגערופן:

— כ׳בעט אייך. אויף א מינוט בלייבן זי דאָ... פילן זי זיך היימיש... אזוי ווי ביי זיך אינדערהיים... כ׳קום שוין צוריק...

און ער איז ארויס פון שטוב.

ווי נאָר ער איז פאַרשוווּנדן, האָט די מויד ערשט ארומגענומען די גאַנצע שטוב מיט אן אָנגעצונדענעם בליק. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן פּנים און איינגעקנעטן די פינגער אין די באַקן. איר האָט געמישט אין קאָפּ פון דעם אלעם, וואָס זי האָט דאָ געזען: „א שטוב... א פאַרטיקע שטוב... פון אלעם גוטן... — האָט איר געקלאַפּט אין קאָפּ — רבקה... רבקה... לאָז נישט אָפּ״...

איר בליק איז געפאַלן אויף דעם נאַכט־טישל, וואָס איז געשטאַנען נעבן בעט... זי האָט, אליין נישט ווייסנדיק צוליב וואָס, אויפגערוקט דאָס קליינע שופלאָדל און פון דאָרט האָט א פינקל געטון א גאָלדענער זייגער מיט א גרויסער גאָלדענער קייט. זי האָט זיך דערשראָקן, צוריק פאַרמאַכט דאָס שופלאָדל און זי

האָט דערפילט, אַז דאָ ערגעץ אין אַ שאַנק, אָדער נעבן די בעטן, אָדער אין די קעסטעלעך און שענקעלעך, מוז ליגן געלט, אַ סך געלט. אירע באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן. זי האָט דערפילט עפּעס אַ לייכטקייט פון פליען, וואָס אַ מענטש פילט, ווען ער איז נאָענט פון אַ גליק. זי האָט נישט געוואָלט בלייבן אינעם שלאָף־צימער. די צוויי צוגעדעקטע בעטן האָבן איר געשטערט, זי האָט אָבער נישט געקאָנט איבערטרעטן די שוועל, און שמחה איז נאָך אַלץ נישט געווען.

דאָס האַרץ האָט ביי איר געקלאַפּט, ווי ביי אַ גנב. זי האָט געוואָלט צונעמען די שטוב פאַר יעדן פּרייז. „אַ יתומה האָט מזל— האָט זי זיך געקלערט — אַ יתומה מוז גאָט צוהעלפן״...

און אַלע שווערע יאָרן ביי דער מומען אין שטעטל, די שווערע אַרבעט אין די קאַרגע הענט פון דער בייזער מומע מיט די בלאָע ליפּן — זענען אַרויסגעטרעטן פאַר איר, ווי אַ דראָענדע שרעק.

אַ היץ האָט זי באַשלאָגן. זי האָט אויפגעקנעפּלט דאָס זשאַקעטל, פון וועלכן איר בוזעם האָט זיך מעכטיק אַרויסגעריסן. זי האָט דערפילט איר לייב און זי האָט אַ קלער געטון: „כ׳וועל אים געפעלן״. דאָס האָט זי געפילט אין איר וואָג, אין דער וואָג פון איר שווער, רונדיק לייב, וואָס זי האָט איצט ווי צונויפגעקליבן צו הילף, און זי איז דווקא נישט אַרויס פונם שלאָף־צימער, פילנדיק, אַז דאָס ווינקל אין דער שטוב איז דאָס בעסטע אָרט אים צו דערמאָנען, אַז ער האָט נישט קיין ווייב.

אַזוי איז דורכגעלאָפן אַ לאַנגע ווײַלע, אָבער זי האָט נישט געפילט די אומבאַקוועמע לאַגע, וואָס ער האָט זי דאָ אַליין איבערגעלאָזן. זי האָט איצט איבערגעציילט אין געדאַנק אַלץ, וואָס אין דער שטוב געפינט זיך און אין מוח ביי איר האָט זיך כסדר געבאַמבלט, אַז „אַן אַלמן אָן קינדער איז נאָך בעסער ווי אַ בחור״. דאָס איז איר אַריינגעפאַלן אין קאָפּ, ווי דורכן אויער, גלייך עמעצער וואָלט עס איר געזאָגט.

און ווען ער איז ענדלעך צוריקגעקומען, האָט זי אפשר צום

ערשטן מאָל אויף אים א קוק געטון. גלייך זי וואָלט געצײלט, וויהין ס׳איז אמבעסטן צו טרעפן מיט א וואָרט.

ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— כ׳בעט אייך, ווי לאָזט איר עס איבער א פרעמדן מענטש?... כ־זע, אז מ׳קאָן אייך ליבט באַגנבענען...

ער האָט געקוקט אויף איר אויפגעקנעפּלטן זשאַקעט:

— כ׳בעט אייך איבער... איר זענט שוין פאַר מיר נישט קיין פרעמדע...

זי האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין.

— וואָס הייסט נישט קיין פרעמדע? כאַ־כאַ... מיר האָבן דאָך זיך ערשט באַקענט!...

זי האָט געוואַרט אויף זיין ענטפער, וואָס האָט איר געדאַרפט א סך זאָגן. ער האָט געקוקט אויף איר אין פאַרטראַגנקייט און פלוצלינג איז ער מיט א משונהדיקער שווערקייט א פאַל געטון אויף איר. זי האָט דערזען זיין פּנים, מיט זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן ווילד־נאָענט נעבן זיך. און איידער זי האָט זיך צוזאַמענגענומען, איז זי א פאַל געטון אויפן בעט. דאָס בעט איז געווען ווייך. זי איז אריינגעפאַלן טיף, אז אירע קניען זענען געשפרונגען און ער איז געפאַלן איבער איר. עפּעס האָט געפּלאַצט ביי איר קלייד און דער אַרבל פונם זשאַקעט האָט זיך פאַרטשעפּעט. זיין ברייטע האַנט האָט האַלב פאַרשטעלט איר מויל און נאָז, און זי האָט געפילט א טרוקענעם, אַנפאַרביקן ריח פון זיין פאַרמעלטער האַנט. זי האָט געפּרוווט מיט אַלע כּוחות אויפצושטיין, אָבער די טיפקייט און די ווייכקייט פונם בעט האָט נישט געלאָזן. עפּעס משונהדיקס האָט זיך אָפּגעטון מיט איר, אָבער איין קלאָרער געדאַנק האָט געוואַכט איבער אַלעם:

„די שטוב איז מיין... מיין...״

איר האָט זיך געדאַכט, אז די גאַנצע שטוב האָט זיך א דריי געטון און געפאַלן אויף איר מיט א פרעמדער, פאַרצוקנדיקער שווערקייט...

*

און רבקה האָט געזען פאַר זיך דאָס קורצע און שמאָלע גע־לעגער ביי דער מומען, אין דעם פּיכטן, פוילן ריח פון דער קאַלטער, נאַסער פּאָדלאָגע. אירע הענט זענען געלעגן אויף דער ווייכער קאָלדרע, נעבן איר איז געלעגן שמחהס קאָפּ. זיינע האָר זע־נען געווען צעשויבערט און זיין האַנט איז נאָך געלעגן אויף איר בו־זים. אין צימער איז געווען ליכטיק. זי האָט געזען, ווי אירע גייע העלע זאַכן גלאַנצן אין דער ליכטיקייט. זי האָט זיך דערמאָנט, ווו זי האָט געקויפט די זאַכן.

מיטאַמאָל איז שמחה אויפגעשפּרונגען. זי האָט געזען, ווי ער האָט זיך אויסגעגליכט די שטיוול און אַ לויף געטון פון איין ווינקל־שטוב אין צווייטן. אינעם אַנדערן צימער האָבן זיך דער־הערט טריט. דאָס האָט מען, זעט אויס, ווידער גערופן שמחהן. זי האָט געהערט, ווי ער האָט מיט וועמען גערעדט און זי האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן. שמחה איז אַריין אין שלאָף־צימער. ער האָט פאַרקרומט געשמייכלט און געזאָגט:

— הע... די שדכנטעס זענען געקומען...

— אַ בראָך איז מיר געשען! — האָט רבקה אַ געשריי גע־טון און מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזן אַ ראַציק געוויין.

שמחה איז צוגעלאָפן צו איר. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, גע־וואָלט פאַרהאַלטן איר ריטש. ער האָט זי געקושט, געגלעט און שטיל גערעדט נעבן איר אויער:

— וויינען זי נישט... ס'וועט אַלץ זיין גוט... דו וועסט זען... נו, שאַ...

ערשט איצט האָט רבקה אַרויסגעלאָזן דעם אמתן יאָמער:

— וואָס האָט איר געוואָלט פון מיר?... כ'בין אַ יתומה!...

שמחה האָט אַ שפּרונג געטון צו דער טיר: ער האָט זי גע־וואָלט פאַרמאַכן, אָבער די צוויי אַלטע ווייבער זענען געשטאַנען הינטער דער טיר.

רבקה האָט געהערט זייער סיקנדיק שעפּטשען. זי האָט גע־הערט, ווי איינע האָט אַ געשריי געטון:

— וואָס האָט איר געטון מיט דער מויד?

רבקה האָט שוין אָבער נישט געקלערט. זי האָט מיט איין

שפּאַן זיך אַריינגעריסן אינם ערשטן צימער. זי האָט זיך אַ שטעל געטון צווישן שמחהן און די צוויי ווייבער און אויסגעשריגן:

— נו?

די ווייבער האָבן זיך פאַרקרומט און געוואָרט מיט אָנגעצילטע, שפּיציקע מיילער.

די מויד האָט געקוקט מיט איר אָנגעהיצטן בליק אויף שמחהן. ער האָט באַהאַלטן די אויגן, אָבער זי האָט זיי צוריקגעפונען און אַלץ איבערגעחזרט:

— נו...?

שמחה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט ניסן און ער האָט אַרויסגערעדט:

— הכלל, מיר זענען חתן-כלה...

די צוויי אַלטע ווייבער האָבן אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און אויסגעשריגן:

— מזל-טוב!... מזל-טוב!...

## די וועלט איז „פאַרדאַרבן"

געוויינלעך, ווען מען זעט אַ פּאָרל, אַ מאַן מיט אַ יונגע, שיינע פרוי, וואָס שפּאַצירן ערגעץ אין אָפּגעזונדערטע ערטער, איז מען זיי מקנא, אָבער נישט אַלע מאָל איז דאָ, וואָס מקנא צו זיין.

די פריע יוגנט, די בליאונגס־צייט, איז נישט אַלעמאָל אַזוי רייך אין שטורמישע איבערלעבענישן, אין ליבע און פּאַ־עזיע.

פאַרקערט, די ערשטע יוגנט איז טיילמאָל איבערטריבן ערנסט און איבערקלויבעריש. דער חשק צו לעבן, געניסן פון ליבע און גליק איז אין די בעסטע יאָרן טיילמאָל גאָר איינגעהילט אין טונקעלן ערנסט.

*

אָט האָב איך נישט לאַנג שפּאַצירט מיט אַ יונג, שיין מיידל. כ'איז געווען אין אַ שיינעם פאַרפרילינג־אָוונט און דאָס מיידל האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, מיר זאָלן גיין ערגעץ ווייט. מיר זע־נען אוועק הינטער דער שטאָט. דאָרט, אין די שאָטנדיקע ווינקלען פון הינטער דער שטאָט, וווּ עס האָבן זיך אַריינגעריסן שטיקער פעלד און פוסטע געסלעך. און דאָ האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז זי האָט שוין לאַנג מיט מיר זיך געוואָלט באַגעגענען.

— איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדן — ערנסט...

זי איז געווען יונג און איר שטים האָט נאָך געציטערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועל איך הערן אירע נאַיווע, אומ־זיניקע ליבעס־דערקלערונג, וואָס וועלן זיך פון איר אַרויסרייסן ווי אַ מאַי־רעגן. זי וועט מיט אַ גליִענדיקער שטים לאָזן פאַלן ווער־טער פון איר באַגערן, וואָס זי האָט לאַנג אויסגעטראָגן אין איר יונגער ברוסט.

און זי האָט מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי... פאַרדאָרבן?...

איך האָב געקוקט אויף איר יונגן, קרעפטיקן קאָפּ, אויף אירע פרישע ליפּן, וואָס זענען איצט ערנסט צונויפגעדריקט גע־ווען. אירע האָר זענען געווען אומרואיק און געוואָרפן אַ שאָטן אויף איר פיינעם שטערן. איך האָב געפּרוּווט אָפּקומען מיט אַ פלירט:

— עס דאַכט זיך אייך... די וועלט איז אַ שיינע. די וועלט שמעקט, זי איז אַלעמאָל יונג. אָט איז ווידער פרילינג... זעט, ווי שיין ס'איז אויפן פעלד!...

אָבער זי האָט מיטאַמאָל אויסגעשאָסן:

— איך וויל נישט הערן אייער פּאָעזיע! איך האָב אייך געשטעלט אַן ערנסטע פראַגע, און איר — איר מאַכט דערפון אַ נאַרישן פלירט... איך וויל, איר זאָלט זיין ערנסט...

אירע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר שטרענג. עס איז גע־וואָרן ערנסט די לאַגע. איך האָב מיך אַביסל געשעמט פאַר מיין פאַרפירערישער רוטין. איך בין מיטאַמאָל געוואָרן מיד. די עטלע־כע קילאָמעטער גאַנג האָבן שוין גאָרנישט צוגעזאָגט, און די פּער־ספּעקטיוו צו פאַרענטפערן די פראַגע, פאַרוואָס די וועלט איז פאַר־דאָרבן, איז מיר שטאַרק נישט געפעלן. איך האָב נאָך אָבער גע־גלויבט אין נסים. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַביסל פילאָ־זאָפיע קאָן אויך זיין אַ גוטער פּראָלאָג און כ'האָב אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן אַביסל „חכמה"... איך האָב גערעדט „טיף". פאַר־פאַלן... וואָס טוט נישט אַ מענטש צוליב אַ שאָטן פון גליק אין אַ פרילינג־אָוונט?

דאָ האָב איך געכאַפּט אַ צווייטע אַנטוישונג. מיינע אַלע

טיפע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַן אַ וואַנט. דאָס יונגע שיינע מיידל האָט שוין באַוויזן אָנצוקלויבן אַזויפיל לעבנס־חכמה, מיט אַזויפיל ערנסט, אַז איך בין ביי איר מיט יעדער מי־נוט געוואָרן גרינגער אויף דער וואָג, און זי האָט מיטאַמאָל אַ זאָג געטון:

— איך האָב געגלויבט, אַז איך וועל פון אייך עפּעס הערן אינטערעסאַנטעס...

אין די הינטער־גאַסן אַרום דער שטאָט האָבן זיך אָנגע־צונדן די פלעמלעך פון לאַמטערן. אַ לינדער ווינט האָט געבלאָזן און אויפן הימל איז געגאַנגען אַ ראָז־בלאָע שפּיל פונם זון־אונ־טערגאַנג. אַ ראָמאַנטישער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע הייפלעך און פון די פאַרטונקלטע, קליינע פענסטער, ווו די זון האָט נאָך געשפּילט — און עס האָט זיך געבענקט נאָך ליבע און נאָענטקייט, און די נאָענטקייט פון דעם יונגן, פולבלוטיקן, פרישן מיידל האָט נאָך פאַרטיפט דעם פאַרלאַנג זי צו נעמען אונטער' דער האַנט — און רעדן צו איר עפּעס האַרציקס און נאָענטס.

זי איז אָבער געגאַנגען מיט האַרטע, זאַכלעכע טריט. אין איר נאַיוון ערנסט האָט זי גאָרנישט געזען אַרום זיך. אירע אויגן האָבן געבליצט מיט פּראָטעסט:

— פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי פאַרדאָרבן? פאַרוואָס איז דער עגאָיזם אַזוי גרויס? פאַרוואָס וויל יעדער נאָר זיין פאַרגע־ניגן?...

זי האָט מיר דערציילט „שרעקלעכע" פאַקטן פון אירע אַנ־טוישונגען אין מענער, חברים און באַקאַנטע, וואָס האָבן כלומרשט גערעדט וועגן עפּעס „ערנסטעס" — און דערביי געהאַט „פאַרדאָרבענע געדאַנקען"... אָ, זי פאַרשטייט שוין איצט... מען מוז זיין האַרט און אויף דער וואַך. זי האָט איצט געפונען די אַלע ווערטער, וואָס זענען איר נויטיק געווען צו שמייסן די „פאַר־דאָרבענע וועלט".

זי האָט מיר דערציילט אַ זאַך, וואָס זי האָט, זעט אויס, לאַנג געטראָגן אויפן האַרץ:

— איך האָב געהאַט אַ פריינט, אַ יונגנמאַן, מיט וועלכן

מיר פלעגן אפט גיין שפאצירן, לעזן צוזאמען און צוזאמען באַ־האַנדלען „פאַרשידענע פּראָבלעמען'', אַן אינטעליגענטער מענטש מיט בילדונג... איך האָב זיך צו אים באַצויגן, ווי צו אַ חבר... אַ, איר שמייכלט, ווייל איר זענט אַ ציניקער... איר קאָנט עס זיך נישט פאָרשטעלן... איר האַלט מיך פאַר אַ מיידל און נישט מער. נו, זאָל זיין... און — שטעלט אייך פאָר, אַז איינמאָל איז אויסגעקומען, אַז מיר האָבן זיך פאַררעדט. ס'איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, און מיר האָבן נאָך געהאַט אַרומצורעדן אַ פּאָר ערנסטע זאַכן... ס'איז געווען ביי אים אין שטוב... זאָגט ער, אַז ער וועט זיך צושפּאָרן — און איך זאָל מיך זעצן נעבן אים... איך האָב עס געטון, פאַרוואָס נישט? אַ חבר...

דאָ האָט זי איבערגעריסן מיט אַן אויסדרוק פון אמתן עקל:

— און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך ער האָט גע־האַט פאַרדאָרבענע געדאַנקען...

זי האָט ווידער אונטערגעכאַפּט מיין שמייכל און אויסגע־גאָסן אַ נייע כוואַליע פון באַקלאָגונגען:

איינער האָט מיט איר געלערנט „פּאָליטישע עקאָנאָמיע'', און ביים סאַמע ערנסטן קאַפּיטל, ווו עס רעדט זיך וועגן די ענג־לישע קוילנגרעבער — האָט זי מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער האָט זי אַרומגענומען...

אַך, זי וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!... זי האָט אַזוי געגלויבט אין אים!...

און ביטערע ווערטער וועגן דער געפאַלנקייט פון מענטשן, וועגן פאַלשקייט און פאַרדאָרבנקייט, האָבן זיך געשאָטן פון איר שיין מויל...

*

איר איז מיטאַמאָל שווער געוואָרן צו גיין, און די געהוי־בענע יום־טובדיקע שטימונג פון דעם פרילינג־אָוונט איז מיט־אַמאָל געפאַלן. אַ גראָע כוואַליע פון האָפענונגסלאָזיקייט האָט זיך

אויפגעהויבן אין מיר. מיר זענען פארבייגעגאנגען א שטאָט־פּאַרק, ווו עס האָט געשמעקט די שאַרפקייט פון די ערשטע פרי־לינגס־בליטן. איך האָב זי געבעטן זיך צוזעצן אויף א באַנק. זי האָט זיך אומגעדולדיק אוועקגעזעצט, זייטיק אָפּגערוקט פון מיר. זי האָט עס געטון צוליב „חברישקייט". אין א מינוט ארום האָט זיך נעבן אונז אויף דער באַנק אוועקגעזעצט א ליבעס־פּאָרל. זיי האָבן זיך באַלד פאַרפלאָכטן מיט די הענט און מיט די קעפּ. דאָס מיידל איז אויפגעשפּרונגען און א זאָג געטון:

— קומט, איר גייט?... איך קאָן נישט צוקוקן קיין „חיהשע אינסטינקטן"... אויב איר ווילט, קאָנט איר דאָ בלייבן, איך קאָן גיין אליין...

איך בין געגאַנגען. דער וועג איז געווען לאַנג און שווער. דאָס מיידל האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך בין נישט אינטערע־סאַנט. דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל איך בין נישט גענוג ערנסט, ווייל איך דענק נישט אַזוי ווי זי...

ארום אונז האָט זיך די שטאָט געוויגט פון מענטשן, יונגע־לייט און מיידלעך, פרויען און מענער האָבן זיך געפירט ענג צו־נויפגעפּרעסטע, און א שכרות פון בענקשאַפט און ליבע האָט זיך געטראָגן איבער אַלע גאַסן.

שוין אין שטאָט אויף א באַלעבטער גאַס האָב איך מיך אָפּ־געשטעלט און געזאָגט:

— איך האָב אייך ליב. איך האָב „פאַרדאָרבענע געדאַנ־קען"... איך וואָלט אייך געוואָלט שטאַרק ארומנעמען. איך וואָלט געוואָלט קושן אייערע פרישע ליפּן... איך האָב די גאַנצע צייט נישט געקלערט וועגן עפּעס אַנדערש...

איך האָב געוווּסט, אַז כ'האָב שוין נישט וואָס צו פאַרלירן. איך האָב געוווּסט, אַז זי וועט אַנטלויפן.

און זי האָט טאַקע א בליק געטון אויף מיר מיט אירע יונגע, נאַיווע, בליצנדיקע אויגן, און איז אַנטלאָפן — אַנטלאָפן ראַ־טעווען די פאַרדאָרבענע וועלט...

# אין א פינסטערער שטוב

דאס ווייב איז צוריקגעקומען פון דער קבורה, שוין פארנאכט. עטלעכע נאענטע פריינט, וואס האבן זיך די לעצטע טעג געדרייט ארום דער שטוב, האבן איינציקווייז אנגעהויבן פארשווונדן גלייך ווי זיי וואלטן נאך אפגעווארט דעם מאמענט, אז זייער אוועקגיין זאל נישט זיין באמערקבאר, און צווישן דעם געשטארבענעם, וואס האט נאך נעכטן געלעבט און די לעבעדיקע, האט זיך אריינגעריסן דער לאנגזאמער לויף פון דער גרויזאמער אייביקייט. אלץ ארום דעם פארשטארבענעם האט אנגענומען עפעס א ווייטע, נעפלדיקע בלייכקייט און זיך אפגעשיידט פון דער לעבעדיקער וועלט מיט אן אומזעבארער גרענעץ פון פארשלאסנקייט.

דער ווינטערדיקער נאך־האלבער־טאג האט זיך טריב אויסגעלייגט, און די לופט האט געשטאכן מיט א פארדראסיקער קעלט. די עטלעכע גאסן, וואס מען איז דורכגעגאנגען, האבן אויסגעזען ווילד אין זייער באוועגונג און שוין דא, אויף די טרעפ, זענען נאך געבליבן עטלעכע מענטשן, וואס האבן אלץ געוואלט העלפן דער פרוי זיך אויפהויבן אויף די שטיגן. אבער קיינעמס הילף איז נישט געווען נויטיק, די פרוי איז געגאנגען אליין; איר פנים איז געווען איינגעהילט אין א שווארץ טיכל. עפעס אן אלטער, שווארצער הוט איז געלעגן קרום אויף איר קאפ. זי איז געגאנגען די

ערשטע, גלייך פאר זיך, און נאך איר זענען געגאנגען נאך צוויי פרויען. איינע א שכנטע פון זעלבן הויז, די צווייטע — איר חברטע סאניע, מיט וועלכער זי איז געווען באפריינדעט נאך פון די מיידלשע יארן. ס'איז אויך געווען אן עלטערער איד, א פעטער פון געשטארבענעם און שמעון גלאנץ, דער נאנטסטער חבר פון געשטארבענעם. א יונגערמאן פון א יאר דרייסיק, דער אינטימסטער און היימישסטער גאסט פון דער שטוב.

אט דער שמעון האט איצט מאדנע דערפילט די באקאנטע טרעפ, וואס האבן געפירט צו דער שטוב. ער האט זיך איצט דערמאנט, ווי אפט ער האט זיך געהויבן אויף די טרעפ, בייטאג און ביינאכט, ווי אפט האבן זיי אין דרייען זיך אומגעקערט שפעט ביינאכט פון קינא, פון טעאטער אדער פון א צוזאמען פארברענגטן אוונט, און שטענדיק, ווען די פרוי איז געווען מיד, האט זי זיך אנגעשפארט אן זיין ארעם. ער פלעגט אפט אויך בלייבן נעכטיקן ביי זיי, און אלעמאל, ווען מ'איז געקומען אויף די פינסטערע טרעפ, האט זי דאך זיין ארעם געפונען, און שווער אנלענענדיק זיך אויף אים, האט ער זי כמעט ארויפגעטראגן אויף די טרעפ. אין יענע מינוטן האט ער תמיד געפילט א מאדנע, זיסע רעגונג, וואס האט פריידיק געמאכט קלאפן זיין הארץ. דאס אלץ האט ער זיך איצט דערמאנט, און ווייל זי האט איצט איר ארעם פון אים הארט און שטרענג צוגענומען, האט ער זי געלאזן גיין פאר זיך, און פלוצלינג האט ער דערזען פון הינטער איר שווארצן, צענקנייטשטן קליידל אפער, ווי עם האבן געשפאנט אירע פיס אין שווארצע זאקן. דאס קליידל איז געווען באשפריצט מיט בלאטע און עטוואס צו קורץ פארהויבן פון איין זייט, זעט אויס, צוליב דעם נישט זארגפעלטיקן אנטון. דערפאר איז זיין בליק געפאלן אויף דער פולער פאררונדיקטקייט פון אירע פיס, ווי עם האט געשפילט דער שימער פון שווארצן, זיידענעם זאק. אירע פיס האבן זיך געהויבן גלייך און שטרעבנד, און א יונגע, מעכטיקע פולקייט האט מיטאמאל אויף אים אן אטעם געטון פון איר קערפער. עפעס אזוינס, וואס ער האט קיינמאל נישט באמערקט. און דא, אין דעם אויגנבליק, האבן זיך פאר אים אנטפלעקט קוים זעבארע

פעדים צווישן אים און דער פרוי, ווען וועלכער ער האָט קיינמאָל נישט געקלערט.

זיין האַרץ האָט שטאַרק אויפגעברויזט, און אים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלט זיין מיט איר אַליין. עס איז נאָך פאַרבליבן איין שטאָק שטיגן, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און שטיל אַ זאָג געטון צו די צוויי פרויען מיט דעם פעטער מענדל:

— נו, איז ווי אַזוי... מען דאַרף דאָך זי לאָזן אָפּרוען...

די צוויי פרויען האָבן זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון:

— נו, וועלן מיר גיין... צו וואָס דאַרף זי איצט עמעצן, זאָל זי זיך אָפּרוען...

און דער עלטערער איד האָט אַ צעמישטן בליק געוואָרפן און געזאָגט:

— אוודאי... הע... קיין מנחה מיט מנין וועט מען דאָך נישט דאַווענען...

ער האָט אַ וואָרף געטון צו דער פרוי עפּעס אַ וואָרט און גענומען זיך אַראָפּלאָזן צוריק פון די טרעפּ.

די שכנטע פון דעם זעלבן הויז און סאָניע, די חברטע, האָט זיך געווענדט צו דער פרוי:

— זאָלן מיר אַריינגיין... צי זאָלן מיר דיך לאָזן אַליין?...

די פרוי האָט נישט קוקנדיק אויף קיינעם, שטאַר געזאָגט:

— איך דאַרף נישט... איך דאַרף נישט קיינעם... שטערט אייך נישט...

און זי האָט זיך שטיל און היים צעוויינט.

נעבן איר איז געשטאַנען שמעון גלאַנץ. זיין האַרץ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעגאָסן מיט אַ זיסער פרייד און ער האָט אַ זאָג געטון:

— דער שליסל איז ביי מיר.

ער האָט דעם שליסל אַרויסגענומען פון דער קעשענע.

ביידע פרויען האָבן זיך געווישט די אויגן:

— נו, וועלן מיר גיין... מיר וועלן אַרויפקומען. רו דיך אויס...

און מיט אַ לאַנגן בליק אויף שמעונען, ווי זיי וואָלטן אים

עפּעס געזאָגט, האָבן זיי זיך לאַנגזאַם דערווייטערט. דעמאָלט האָט שמעון אַ לויף געטון אַרויף אויפן לעצטן שטאָק און מיט ציטער־דיקע הענט אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין שלאָס. און דאָ האָט עפּעס אַ שרעק אַ פּאָכע געטון איבער אים. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מען האָט מיט אַ פּאָר שעה פריער אַרויסגעטראָגן דעם שוואַרצן קאַסטן מיט דעם מת און פון שרעק האָט ער ברייט אויפגעשטופּט די טיר, בלייבנדיק אויף דער שוועל. דעמאָלט איז זי אָנגעקומען, מיט בלאָנדזשענדיקע טריט איז זי אַ פּאַל געטון אויף דעם קאַנט פון דער וויטרינע און זיך צעוויינט, טרייסלענדיק מיט די אַקסלען. ער האָט זי געלאָזט אַזוי אַ פּאָר מינוט. דערנאָך צאַרט זי אַרומגע־נומען פון הינטן. זי איז אַ פּאַל געטון אויף אים און ער האָט זי כמעט צוגעטראָגן צו אַ שטול און אַוועקגעזעצט.

אין די ווינקלען פון דער שטוב איז געלעגן אַ געדיכטע, גראָע טונקלקייט. און דאָס קאַרגע ליכט פון די צוויי פענסטער האָט זיך גראָד אויסגעגאָסן אויף דער פּאָדלאָגע, ביי דער שוועל פונם צווייטן צימער, וווּ ס'איז פריער אויף דר'ערד געלעגן דער פאַרשטאָרבענער, וווּ ס'איז נאָך פאַרבליבן צוויי לייכטער מיט אויסגעלאָשענע שטיקער ליכט און אַביסל שטרוי מיט עפּעס אַן אַלט, קורץ און האַרט אָנגעצויגן קישן. די זאַכן האָבן אָנגע־זאָגט אַ ווילד־פרעמדע און אימהדיקע געפּרעסטקייט. די פרוי איז ווי געהאָנגען אויף דער שטול מיט אַ פאַרלוירענעם קאָפּ. זי האָט נאָך אַלץ שטיל געוויינט.

שמעון האָט אויפגעהויבן די לייכטער און זיי אַוועקגע־שטעלט אויפן טיש. דערנאָך האָט ער אומבאַמערקט מיט די פיס אַוועקגעשאַרט דאָס שטרוי מיט דעם משונהדיקן קישן אָן אַ זייט און דער וואַרעמער שטראָם, וואָס איז געלאָפן דורך זיין האַרץ, האָט זיך אויפגעהויבן צו זיין קאָפּ. ער האָט זיך געלאָזן צו דער טיר און זי פאַרמאַכט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס צו טון אַ וויכטיקע זאַך, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צו דער וויינענדיקער פרוי. עס איז שוין כמעט פינסטער געוועזן. איר קאָפּ האָט ער נישט געקאָנט זען. איר האַנט איז אַראָפּגעהאָנגען שווער איבער די קני. און אירע פיס אין די שוואַרצע זאָקן האָבן

זיך צוליב איר האלב־ליגנדיקער פּאָזע אַרויסגעריסן פונם ענגן קליידל.

שמעון האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אַלע ווערטער זענען אים אָבער אויסגעקומען ווילד. ער האָט געוואָלט אַ גלעט טון איר קאָפּ, אָבער איר קאָפּ איז געווען ווייט פאַרוואָרפן, דערפאַר איז זיין קאָפּ לייכט געפאַלן אויף אירע קני. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט מער נישט געקאָנט איבערטראָגן די וואָג פון זיין קערפּער, זיינע פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן און ער איז גע־פאַלן אויף די קני מיטן קאָפּ אויף איר שויס און דאָ האָט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ זיך איבערגעריסן, ווי עס וואָלט געשטאָרבן. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין איבערגעריסענעם אָטעם און האָט געוואַרט, און פּלוצלינג האָט ער דערפילט, ווי איר האַנט האָט לאַנגזאַם אין דער פינסטער זיך אויפגעהויבן און זיך צאַרט מיט אַ ציטער אַראָפּגעלאָזן אויף זיינע האָר. דעמאָלט האָט ער אָפּ־געלאָזן די גאַנצע שווערקייט פון זיין קערפּער און זי געלאָזן פאַלן אויף איר שויס.

# א שיקסע...

אין אָנפאַנג האָט זיך נאָר דערטראָגן א קורץ וואָרט מיט א ווונק. די יונגעלייט האָבן זיך ענגער צונויפגעדריקט און אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג, ווי מען כאַפּט א גוטן פּאַפּיראָס, וואָס עמעצער האָט געבראַנגט.

— א שיקסע.

— אַן אמתע שיקסע?

— אַן אמתע.

דורך דעם גאַנצן קרייז יונגעליט, וואָס האָבן זיך געטראָפן אין קאַפע כמעט אָוונט ביי אָוונט ביי איין טיש, איז דורכגעגאַנגען א שטראָם פון נייגעריקייט. איינער האָט געמאָנט ביים אַנדערן:

— ווו איז שוין די שיקסע... ווען וועט מען זי שוין זען?...

די מיידלעך און די ווייבלעך פונם קרייז האָבן ארויסגעזאָגט זייער שטעלונג; די פריילין אַלא, וואָס איז געווען די שיינע אינם קרייז, האָט געהעצט נישט אַן פּאַרדרוס:

— איז וואָס, אַז א שיקסע?... וואָס איז א שיקסע... אַן אַנדער מענטש?... אָט אין דעם ליגט טאַקע די שוואַכקייט פון אידישע מענער... אַז פּאַר א נישט־אידישע וואָלטן זיי געגאַנגען אין פייער אריין... איך הער שוין פון עטלעכע טעג רעדן וועגן

עפּעס אַ שיקסע און איך פאַרשטיי נישט, וואָס איז דאָס פאַר אַ סענסאַציע? דאָס איז... דאָס איז „לאָקאַיסטוואָ״... דאָס איז אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט...

און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ לאַנגע דיסקוסיע וועגן אידישע און נישט־אידישע פרויען, וועגן שיינקייט, ערלעכקייט. די מענער האָבן געהאַלטן, אַז די נישט־אידישע פרוי איז פּשוטער, פּראַקטי־שער און האָט מער געפיל. דערביי האָט זיך צעקריגט דאָס יונגע פּאָר־פאָלק, די ליבערמאַנס, און זי האָט זיך ברוגז פון אים אָפּ־גערוקט:

— גיי, גיי דיר צו דער שיקסע...

לעאָן, דער אינגסטער פון אַלע, וואָס האָט דאָ געשמט פאַר אַ דאָן־זשואַן, האָט געגלעט זיין שוואַרצע, גלאַנציקע טשופּרינע און געטענהט:

— וואָס איז דער אונטערשיד... איך האָב אַ סך באַקאַנטע שיקסלעך. טאָ איז וואָס?...

ער האָט אפילו אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי אין אים האָט זיך איינגעליבט אַ קריסטלעך מיידל פון גאָר הויכע ספערן, מ'האָט אים אָבער איבערגעריסן מיט חוזק. מ'האָט געפרעגט:

— אַ פירשטין?...

— אַ גרעפין?...

— אפשר אַ מיניסטערס אַ טאָכטער?...

און לעאָן האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן.

דעם אָוונט זענען אין קאַפע געווען אַלע. קיינער פון די פריינט האָט נישט דורכגעלאָזן דעם אָוונט. דער טיש איז געווען ענג באַזעצט, ווייל טאַקע היינט, האָט זיך דאָ געדאַרפט באַווייזן די שיקסע. ברענגען אַהער האָט זי געדאַרפט עדוואַרד, אַ יונגער־מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אַ פּראָוויזאָר. ער איז אויך געווען פון די, וואָס האָבן נישט געהאַלטן פון קיין אידישע ווייבער, ער האָט געהאַט אַ סך טענות צו אידן בכלל. ער האָט גע־אַרבעט צווישן קריסטן און האָט זיך שטענדיק באַרימט מיט דער גוטער באַציאונג פון די קריסטן צו אים, אָבער ביי יעדער

געלעגנהייט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער קומט אַרויס פון אַ פרומער אידישער משפחה.

דער גאַנצער קרייז באַקאַנטע זענען אַלץ געווען חברים נאָך פון שולע, פון שטובן, וווּהין מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען שוין פון יאָרן. מען האָט צוזאַמען פאַרבראַכט, געפּראַוועט געבורטס־טאָגן, געגאַנגען אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן. אין די לעצטע עטלעכע וואָכן איז עדוואַרד ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. אין דעם איז טאַקע שולדיק געווען די שיקסע.

די דיסקוסיע איז שוין געווען אַ גאַנץ וואַרעמע. די פרויען האָבן שוין גערעדט מיט גאַל:

— נו, איז וואָס — אַז מען באַקענט זיך מיט אַ שיקסל, דאַרף מען זיך שוין באַהאַלטן? — אפשר האָט ער מורא, אַז מען וועט זי דאָ ביי אים אויסכאַפּן?...

די מענער האָבן זיך געחכמהט:

— לאָמיר נאָר זען, צי ס'איז ווערט צו כאַפּן?...

— אָבער וואָס איינער זוכט, געפינט ער — האָט מען גע־זאָגט וועגן עדוואַרדן און ביי יעדן נייעם גאַסט, וואָס איז צוגעקו־מען צום טישל, האָט מען געפרעגט:

— האָסט שוין געזען עדוואַרדן מיט דער שיקסע?...

און אָט האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן עדוואַרד. ער איז אַריין אין קאַפע און געקוקט צום טיש, ווישנדיק די ברילן. אַלע קעפּ האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו אים, און דאָ האָט מען דערזען נעבן אים אַ קליין־געוויקסיקע מיט אַ קורץ, ראָז, פּויליש ראָסן־געזיכט, מיט אַ פאַררייסן נעזל, בלאָע אויגן און בלאָנדע האָר.

עדוואַרד האָט זיך באַגריסט פון דערווייטנס און אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צום טיש. ער האָט געפירט דאָס שיקסל פאַר זיך, און וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט, אַלץ מער האָבן אַלע ביים טיש אָנגעצילט אין איר נייגעריקע בליקן. צום סוף זענען אַלע מענער אויפגעשטאַנען, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס באַ־קענען.

אַ באַזונדער פייערלעכקייט איז היינט געווען אויסגעגאָסן אויף עדוואַרדס פּנים. זיינע אויגן האָבן ווי גערעדט: „נו, איר

זעט?... וואָס זאָגט איר?" יאָ, דאָס איז געווען אַ שיין שיקסל. זי האָט געהאַט אַ זיס מויל, מיט ווייכע קאַרמין־ליפּן און אַ באַזונדע־רע זיסקייט איז געלעגן אין אירע אויגן, וואָס האָבן געהאַט די פאַרב פון בלאָע קאָרן־בלימלעך.

זי האָט זיך פריילעך באַגריסט מיט די פרויען און מענער און זיך אַוועקגעזעצט. די ערשטע מינוט איז געווען שטיל, און אַלע האָבן געקוקט אויף איר. און ערשט, ווען עדוואַרד האָט פּשוט אַ זאָג געטון:

— ווי געפעלט אייך די שיקסע?...

האָט זי זיך קינדיש צעלאַכט. דעמאָלט איז מיטאַמאָל גרינג געוואָרן, און אַלע האָבן זי אויפן אָרט ליב באַקומען.

עס איז אַוועק יעדע אָנגעשטרענגטקייט, ווייל דאָס שיקסל האָט גערן און פריילעך גערעדט וועגן איר נישט־אידישקייט און דערציילט, אַז זי האָט אַממיינסטן אידישע באַקאַנטע.

בּיים טיש איז געווען פריילעך. יעדער האָט איר עפּעס גע־זאָגט פריינדלעכעס, ווי מען נעמט אויף אַ גוטן גאַסט, זי האָט דאָס אַלץ אויפגענומען פּשוט. און נאָך מער. זי איז מיטאַמאָל גע־וואָרן היימיש, גערעדט היימיש מיט אַלע און קיין שום פעדים פון עפּעס אַ פרעמדער וועלט האָבן זיך נאָך איר נישט נאָכגע־צויגן. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט צוויי ברודער און מ'האָט זיך געוווּנדערט, וואָס קיינער פון זיי איז נישט קיין אָפיציר און האָט נישט קיין ספּעציעל, נישט־אידיש פּאַך. גערופן האָט מען דאָס שיקסל: יאַדזשאַ, און אַזוי האָט זי געבעטן, זאָל מען זי רופן.

דעם אָוונט איז מען לאַנג געזעסן אין קאַפע און בּיים אַוועק־גיין האָט יעדער אויסגעזוכט אַ רגע, כדי שטיל אַ זאָג טון עד־וואַרדן:

— אַ וואַזשנע שיקסל...

עדוואַרד האָט געלויכטן.

— ווו האָסטו זי געפּאַקט?

איינע פון די פרויען האָט געפּרוווּט זאָגן:

— דאכט זיך, אז קיין אידן האָט זי נישט אזוי ליב. מען קאָן נישט וויסן.

און אַלע זענען אויף איר אָנגעפאַלן:

— הערט שוין אויף מיט די נאַרישקייטן. א גאָלדן שיקסל... מען פילט נישט אין איר קיין שפּור פון אַנטיסעמי־טיזם...

— קינדערלעך, עדוואַרד איז אין איר שטאַרק פאַרליבט.

— די אויגן לייכטן ביי אים.

— ס'וועט זיין שיין, ווען ער וועט זיך אין איר טאַקע אויף אַן אמת איינליבן.

— א שיינע געשיכטע.

די ווייבער האָבן זיך געקאָכט.

— פון אַזעלכע זאַכן קומען אַרויס די גרעסטע טראַגע־דיעס...

— פאַרוואָס? ביי קולטורעלע מענטשן...

— קולטורעלע, „שמולטורעלע", פאַרפאַלן... קיין גוטס קו־מען פון אַזעלכע זאַכן נישט אַרויס...

אין דעם גאַנצן וועג אַהיים, נאָכדעם ווי עדוואַרד איז אַוועק מיטן שיקסל, האָט געקאָכט די דיסקוסיע. די מענער האָבן גע־האַלטן, אַז דאָס זענען אַלטע פּאַראורטיילן.

און עדוואַרד איז געוואָרן דער העלד פון טאָג.

*

פון דעם אָוונט אָן איז דאָס שיקסל נאַכט ביי נאַכט געקומען מיט עדוואַרדן אין קאַפע. זעלטן ווען זי האָט דורכגעלאָזן אַן אָוונט. זי איז אפילו עטלעכע מאָל געווען צו גאַסט ביי וועמען פון דעם קרייז, וווּ מ'האָט ספּעציעל פאַר איר איינגעאָרדנט אַן אויפ־נאַמע. דאָרט האָט מען פאַרבראַכט שפּעט אין דער נאַכט. יאַדזשאַ איז אַלעמען געפעלן. זי איז געווען אַזוי היימיש און צוגע־לאָזן צו יעדן, אַז מ'איז געווען פון איר באַצויבערט. דערנאָך זענען די יונגעלייט צוזאַמען מיט עדוואַרדן געגאַנגען זי אָפּפירן

אהיים. און דאָ האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זי וווינט נישט אַזוי ווייט, ווי יעדער האָט זיך פאַרגעשטעלט. ערגעץ אַ ווייטע, פרעמדע גאַס, וווּ ס'שמעקט מיט קרויט, וווּ ס'זענען פאַרשטעלט די פענ־סטער מיט בלומענטעפּ און ס'איז אַ מורא פאַר הינט. צום סוף האָט זי גאָר געוווינט אין אַ נישט ווייטער אידישער גאַס. אָבער מיט אַ פּאָר טויערן פריער האָט זי זיך געזעגנט. דאָס האָט עדוואַרד דערקלערט איז צוליב דעם, ווייל... ס'איז איר נישט באַקוועם...

צוריקגייענדיק האָבן די מענער אַלץ גערעדט וועגן דעם שיקסל יאַדזשאַ.

נאָך דעם אָוונט איז שוין עדוואַרדס געזעלשאַפט נישט גע־ווען דאָס אויסשליסלעכע מיטל צו קאָנען זען די שיקסע. זי האָט אָנגעהויבן קומען אַליין אויך. די יונגעלייט האָבן זיך דערפילט אַזוי פריי און חבריש אין איר געזעלשאַפט, אַז מ'האָט איר גע־פּרוּווט פאַרלעגן ערגעץ צו גיין, אין קינאָ, אָדער אין טעאַטער. זי האָט פריילעך און לייכט איינגעשטימט.

מ'האָט זיך געקאָנט מיט איר אָפּרעדן אויף פאַרנאַכט, נאָכ־דעם ווי זי ענדיגט די אַרבעט. זי איז פּשוט און פריילעך געקומען אויף די „ראַנדקעס" אַזוי, אַז אפילו די ווייבער האָבן נישט גע־האַט וואָס צו רעדן. עדוואַרד, ווי ס'זעט אויס, איז יאָ געווען אַביסל אייפערזיכטיק. דאָס, וואָס ער האָט אויפגעהערט זיין דער אויס־שליסלעכער אַפּוטרופּס איבער דער שיקסע, האָט אים אַביסל גע־ערגערט און ער פלעגט איר וועגן דעם געבן לייכט אָנצוהערן.

דאָס שיקסל איז אָבער געווען אַזוי פּשוט און חבריש צו אַלע יונגעלייט, אַז זי האָט געהערט צו דער גאַנצער געזעלשאַפט און אַלע האָבן זיך דערצו צוגעוווינט.

נאָך אַ פּאָר וואָכן איז זי געוואָרן אַ היימישער מענטש אינם קרייז. זי האָט געוווּסט וועגן אַלעם און אַמפּריילעכסטן איז געווען, ווען מ'פלעגט זיך צו איר ווענדן אויף אידיש:

— וואָס מאַכסטו, שיקסע?

יאַדזשאַ האָט געלאַכט. מ'האָט זי אויסגעלערנט אידישע ווערטער, וועלכע זי האָט קאָמיש אַרויסגערעדט און איינמאָל האָט זי אַפילו געזאָגט: „לבנה". אַלע האָבן אָנגעקוואָלן און זי האָט

דערציילט, אז פונם חברן זיך מיט אידן פון קינדווייז אָן פאַר־שטייט זי שוין כמעט אַלץ, וואָס מען רעדט אויף אידיש.

אויף דעם אָוונט, וואָס ער האָבן איינגעאָרדנט די ליבער־מאַנס צוליב דער פרויס געבורטסטאָג, האָט מען געוויינלעך אויך פאַרבעטן די שיקסע. זי איז געקומען אין אַ ניי קלייד און האָט אויסגעזען אויסערגעוויינלעך שיין. איר פרעמדע שיינקייט און באַזונדערס די בלאָע אויגן און די העלע האָר האָבן זיך דאָ אַרויס־געריסן מיט אַ באַזונדער שימער. מ'האָט זי האַרציק באַגריסט און אין דעם טאָאַסט, וואָס איינער פון די יונגעלייט, דער פריילעכער אַדאַש, האָט געהאַלטן, האָט ער זי אָנגערופן: „אונזער שיקסע", און אַלע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ.

צו דעם אָוונט זענען צו די ליבערמאַנס געקומען אויך נייע געסט, פון ווייטערע באַקאַנטע. טייל זענען ספּעציעל געקומען, כדי אָנצוקוקן די שיקסע. עס איז אויך געקומען עפּעס אַ באַלבוי־נע, אַן אַלטע חברטע פונם פאַרפאָלק, און שוין דאָ, אין פאָדער־צימער, ווי נאָר זי האָט זיך צעקושט מיט דער פרוי ליבערמאַן, האָט זי אַ פרעג געטון:

— נו, די שיקסע איז דאָ?

— אוודאי.

— איך וויל זי שוין זען.

די שיקסע איז אָבער געווען אין דריטן צימער אַרומגע־רינגלט מיט יונגעלייט, ווו ס'איז געפירט געוואָרן אַ הייס גע־שפּרעך. די שיקסע האָט געפריידיקט וועגן אירע גוטע געפילן צו אידן, אַז זי פילט נישט קיין שום אונטערשיד... פאַרקערט. זי פילט זיך צווישן אידן אַ סך היימישער און פרייער...

מ'האָט געקוקט אויף איר מיט אַנטציקונג. און דער דאָן־זשואַן לעאָן, וואָס האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך, האָט איר געקושט די האַנט און גערעדט מיט פּאַמפּע:

— איך טרינק פאַר אַלע שיינע פרויען אָן אונטערשיד פון נאַציאָן און גלויבן.

אַלע האָבן אַפּלאָדירט.

די פרוי ליבערמאַן איז אַריינגעקומען מיט איר חברטע. זי

האָט איר ענדלעך געוואָלט ווייזן די שיקסע. ס'איז אָבער געווען שווער זיך צו איר צוצוקריגן צוליב דעם רעדל, וואָס איז געווען ארום איר.

— אָט דאָס איז אונזער שיקסע! — האָט די פרוי ליבער־מאַן אַ זאָג געטון צו דער חברטע — באַקענט אייך...

די חברטע האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן, זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן מויל, ווי זי וואָלט זיך פאַרהוסט. קיינער האָט נישט געוווּסט, צי זי הוסט, צי זי לאַכט. נאָר מיטאַמאָל האָט מען דערהערט איר שטים מיט אַ מאָדנעם קווייטש:

— פון ווען אָן ביזטו דאָס געוואָרן אַ שיקסע, יאַדזשאַ?...

*

ס'איז געוואָרן מאָדנע שטיל און שווער.

אין די ווינקעלעך האָט מען זיך איבערגעוואָרפן מיט ווער־טער, ווי מען וואָלט זיך געביסן. די איינצלהייטן זענען געלאָפן, ווי אַ בליץ. פון ווינקל צו ווינקל, אַז איר פאָטער איז אַ פרומער איד... אַ חסיד... אַז זיי האָבן אַ געוועלב פון כשרע ליוונט מיט שניידער־צודאַטן. די חברטע, וואָס איז געקומען, וווינט מיט איר אויף איין הויף פון קינדווייז אויף. אַז איר פאָטער זיצט אין סוכה און זינגט זמירות...

קיינער האָט איר נישט געמאַכט קיין פאָרוווּרפן, נאָר אַלע זענען געווען בייז אויף איר. נישט אַזוי בייז, ווי מ'האָט עפּעס באַדויערט. די פאָרוווּרפן האָט מען נאָר געמאַכט עדוואַרדן, און געמאַכט האָבן די פאָרוווּרפן נאָר די מענער. פאָרוווּרפן — פאַר עפּעס אַ נישט קלאָרער עוולה... פאַר עפּעס אַן אָפּגענאַרטער אילוזיע... אַ אידישע אילוזיע פון גלייכהייט און ליבשאַפט צווישן פרעמדע — צווישן נישט־אידן און אידן...

## קליינבירגער

אַלע שבת־צונאַכטס קומט מען זיך צונויף ביי שייעלע פּינ־קוס. די געסט זענען שטענדיק די זעלבע — שוין פון יאָרן, נאָך פאַר דער מלחמה, ווען זיי זענען נאָך געווען שיק־אינגלעך, געאַר־בעט „ביי יענעם", ציט זיך די פריינטשאַפט. פיל זענען שוין אומ־געקומען, פאַרטראָגן געוואָרן קיין אַמעריקע, קיין רוסלאַנד, אָדער געשטאָרבן; אָבער די, וואָס זענען געבליבן, האַלטן זיך צוזאַמען. אַלץ מענטשן נאָענט צו די פּופּציקער.

אויף פּרנסה קלאָגט מען זיך שטענדיק, אָבער אויפן נגידישן שטייגער: „ס'איז אַ ביטערע צייט". פונדעסטוועגן באַווייזט מען זיך מיט נייע קאַלדרעס, מיט אַ שאַנק, מיט אַ גראַמאַפאָן, מיט אַ ראַדיאָ, מיטן ווייבס פוטערנעם מאַנטל — וואָס זאָל מען טון? מען מוז דאָך האָבן...

דער בעל־הבית, שייעלע פּינקוס, זיצט אָן דעם רעקל. דאָס קליינע קמץ־בערדעלע איז ביי אים צוגעשוירן און צוגעפּאַרבט. ער האַלט די קורצע, פּוכקע הענט אויף זיין קיילעכדיקן בייכל. אַרום זיצן די געסט און מען רעדט שטענדיק דאָס זעלבע.

לייבעלע גרינבערג האָט ליב צו רעדן „וועגן דעם לעבן". וואָס איז דעם מענטשנס לעבן? אַ חלום: מ'לויפט, מ'פליט — פרעג: צו וואָס? צו ווען?

ער האָט אויסגעלייענט אַ גאַנצע אידישע צייטונג מיט די אַנאָנסן און עס דאַכט אים, אַז אַלע טיפע סודות שטייען פאַר

אים אָפּן. דערנאָך רעדט מען וועגן טשאָלנט, די ווייבער רעדן וועגן מאכלים, וואָס מען האָט „געלעקט פון זיי די פינגער'', און פאַר־ענטפערן זיך, אַז זיי האָבן גאָרנישט אַריינגעלייגט, נאָר ס'איז גלאַט אַזוי... אַז מ'איז אַ בעל־הביתטע — געראָט עס שוין...

דער „קליינער איציקל'', ביי וועמען דער טשאָלנט איז גראָד דעם שבת נישט געראָטן, טוט אַ קוק אויף זיין ווייב. יענע ווערט אָפּגעגאָסן מיט בלאָלעכער רויטקייט און לאָזט אַרויס אַ ראַקעטע פון שפּיציקע, שטעכיקע ווערטלעך:

— ליפּטשעשי קרוין... זייען זי נישט אַזוי קלוג... אַז מ'לייגט נישט אַריין, נעמט מען נישט אַרויס... דאָס קאָנען זי דערציילן די נאַרישע מענער... אָבער יעדע פרוי ווייסט, אַז דער מאַן „געט'' — איז דער טשאָלנט פעט... ס'פּאַסט גאָר נישט פאַר אין, אַז זי זאָלן רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן...

בּיידע ווייבער קוקן זיך אָן מיט גרינע פלאַמען אין די אויגן, און אויף זייערע ווייך־פלײשיקע העלזער טרעטן אַרויס רויטע פּאַסן: איינע וואָלט זיך מיט פאַרגעניגן אַרויפגעוואָרפן אויף דער צווייטער, איר צעדראַפּעט דאָס פליישיקע פּנים, איר אויסגעריסן די האָר; קיינער טוט דאָס אָבער נישט. פאַרקערט, מען שמייכלט זיך איבער און מען טאַפּט זיך די קליידלעך מיט גראָבע פּוכיקע פינגער. מען טאַפּט די שטאָפן, רייסנדיק און בייז, ווי מען וואָלט געוואָלט אַ קניפּ טון, און מען רעדט:

— באַשעלע... ס'איז איבערגעניט, צי איז עס אַ נייעס?...

— מיינער האָט עס מיר געבּרענגט צום געבּורטסטאָג....

— און מיינער האָט נאָר ליב, כ'זאָל מיר מאַכן נייע קליי־דער...

— מילא, אַז דאָס מזל שפּילט, מעג מען זיין לאָם און קרום — איז דער מאַן פאַרליבּט...

— וואָס־זשע מיינען זי, רייזעלע, צו זאָגן — אַז יאָך בין לאָם און קרום?

— איך זאָג דען?... איך מיין דען אין?... כ'זאָג גלאַט אַזוי...

די ווייבער פאַרקרימען זיך מיט גרינע שמייכלען פון בלו־

טיקן האָס, און עס ענדיגט זיך ווידער מיט אַ פּעט קוויטשיק לאַכן, אַז די קורצע, גראָבע פיס פאַררייסן זיך אַזש פון שלעכטן, שטע־כיקן געלעכטער...

•

די מענער רעדן דערוויל וועגן שלעכטע געשעפטן, וועגן אַמעריקע, וועגן געשטאָרבענע, וועגן גנבים, וועגן וועקסעלעך. דער־נאָך זעצט מען זיך שפּילן אין קאָרטן.

בײַ די קאָרטן ווילן אַלע געווינען, נאָר קיינער וויל עס נישט אַרויסווײַזן. די ווײַבער שפּילן אויך. מען זאָגט וויצן. שפּעטער ווערט מען ערנסטער, און עס לעגט זיך אַוועק אַ שטילע, איינגע־שפּאַרטע שטילקייט. מען הערט נאָר דאָס טאַשן די קאָרטן און די טרוקענע, שאַרפע אויסרופן. די, וואָס פאַרשפּילן, ווינקען זיך איבער מיט זייערע ווײַבער. זי טענהט, אַז זי האָט נישט געהייסן שפּילן. ער ווערט אין כעס און שפּילט ווײַטער.

עס ווערט נאַכט און אויף טונקעלע ווענט קנוילן זיך די ווילדע שאָטנס פון די שפּילער. אַ גראָער אומעט ליגט זיך אַרום דעם טיש.

אין שפּעטן אָוונט איז מען מכבד די געסט. די בעל־הביתטע קלינגט בײַם גלעקל, און עס קומט אַרײַן פון דער קיך אַ גרויסע, צעשוויבערטע שיקסע מיט גראָבע, רויטע, שווערע פיס. זי גרייט צום טיש, און ווען זי בויגט זיך איבער די אַקסלען פון די מענער, און זיי דערפילן איר וואַרעמען ריח פון געזונט פּויעריש לײַב מיט קאַר־טאָפל, ווערן זיי מיטאַמאָל אויפגעהויבן. מ׳הויבט אָן זינגען לידער פונם אידישן טעאַטער און ווינקען איינער צום אַנדערן. מען שיקט קויפן ווורשט. מען עסט מיט פעטע פינגער און גלאַנציקן פעטס אַרום די ליפּן. מען שטעלט אָן דעם גראַמאָפאָן, מען זינגט מיט און די פלײשיקע טריט פון דער שיקסע, וואָס באַדינט בײַז און פאַרשלאָפן, רעגן און קיצלען די פּופּציק־יעריקע פאַרדרימלטע און פאַרגרעבטע ליבע־באַגערן...

נאָכדעם ווערט צוריק שטיל. עס הויבט זיך אָן צוריק די

קאַרטן־שפּיל. איצט שפּילט מען שוין שווער און ערנסט; די פּאַר־שפּילטע ווילן אָפּגעווינען און עס ברעכן אָפּט אויס רייסערייען. די אויגן ביי די מענער און די פרויען זענען אָנגעשטרענגט און אָנגעהיצט פון דער שפּעטער שעה און פונם רויך פון די פּאַפּיראָסן. עס ווערט שפּעטער און שפּעטער, ווייבער שפּאַרן זיך אָן אָן זייערע מענער און כאַפּן אַ דרימל מיט אַ הויך, פּליישיק שנאָרכן, ביז וואַנען די ווייבער פון די, וואָס האָבן געווונען, הויבן אָן פּראָטעסטירן, אַז ס'איז שוין שפּעט, אַז מאָרגן דאַרף מען אַרבעטן. די ווייבער פון די פאַרשפּילטע זאָגן, אַז מען זאָל ווייטער שפּילן. מען „ווערטלט" זיך ליכט איבער און מען שווערט זיך, אַז מער וועט מען שוין נישט שפּילן.

*

מען געזעגנט זיך טרוקן מיט אַ מרוק, ציילנדיק דאָס געלט. אַדורכגייענדיק די פינסטערע קיך, ווו עס שלאָפט די דינסט, צינדט מען אָן שוועבעלעך, און פּלוצלינג דערזעט מען נעבן דעם קאָפּ פון דער שיקסע — אַ צווייטן בלאָנדן קאָפּ פון אַ שייגעץ, דעמאָלט ווערט אַ קנייפּעריי מיט אַ קוויטשיק געלעכטער צווישן די ווייבער. די מענער טיילן זיך אָפּ און נעמען זיך סודען. די ווייבער נעמען פאַרעדן די בעל־הביתטע, וואָס לאָזט „אַזעלכעס צו"...

מען צעגייט זיך אין די טונקעלע געסלעך, און ליגנדיק זיך אין די סקריפּנדיקע, צוזאַמענגעדריקטע פאַמיליען־בעטן, קרעכצט מען לאַנג און באַדויערנדיק.

און — דער אייביקער, משונהדיקער אומעט לייגט זיך אויס איבער די פינסטערע שטובן.

## ניי־יאר

שוין פון יאָרן האָט זי דאָס קור־אָרט געקענט. די קראַנקע האָבן זי באַגעגנט מיט בלייכע שמייכלען, וואָס דערציילן פון אָפּגעהאַקטע פליגל און קאָשמאַרנע פיבער־נעכט, וואָס זענען נאָר זיי באַקאַנט. אַ מינדעריעריקע האָט מען זי אַהערגעבראַכט פון דער שטאָט נאָך דעם ערשטן בלוט־שטורץ. מ׳האָט זי געבראַנגט אַרום ווינטער־צייט, ווען דער שניי מיט זון געמישט איז געלעגן אויף די טרוקענע סאָסנע־צווייגן און די לופט האָט געשמעקט, ווי קאַלטער ווײַן. זי איז לאַנג געלעגן אויף אַ פלאַך בעט מיט אַ שטאַרקן בליק אויף דעם ווייסן, גלאַנציקן סאַנאַטאָריע־אויוון, ביי אָפענע, ווייסע פענסטער, און זי האָט געפילט, ווי אין אירע לונגען, ווו עס האָט זיך באַזעצט אַ דינע, שטעכיקע, אָנגעגליטע היץ, גיסט זיך ביסלעכווייז אַריין דער קאַלטער, שמעקנדיקער שטראָם לופט, און זי האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגעהויבן גלויבן, אַז זי וועט לעבן.

ביי איר האָט זיך אויפגעוועקט אַן איבערמענטשלעכע נייגיריקייט צו יעדער באַוועגונג פון דער לעבעדיקער וועלט. אַלע קראַנקע, וואָס זי האָט אַרום זיך געזען, האָבן איר אויסגעוויזן, ווי אַנדערע מענטשן, וועלכע עס פעלט עפּעס, אַז זיי זאָלן קאָנען לעבן, נאָר, אַז זי וועט לעבן און געזונט ווערן, האָט זי געגלויבט. צו איר האָבן זיך אויפן פלעק פון דעם ווייסן, שפּיגלדיקן אויוון באַוויזן געהיימע, פאַנטאַסטישע סימנים וועגן דעם, אַז זי וועט

לעבן. זי האָט די זעאונגען און סימנים זיך אויסגעטייטשט אין איר פון היץ פאַרטונקלטן אַנען דורך די לאַנגע טעג און נעכט. אַ שמייכל פון ליכטיקער אויפגעהויבנקייט און גלויבן איז נישט אַראָפּ פון אירע בלייכע ליפּן, און נאָך יעדן מאָל, ווען אינגאַנצן אומגעריכט, גראָד אין די שעהן, ווען זי האָט זיך געפילט אויפגעהויבן און דערוואָרעמט פון האָפענונגען, האָבן זיך באַוויזן די באַקאַנטע ראָזע שנירעלעך בלוט מיט דער אומהיימלעכקייט פון שליחים פון עפּעס אַ באַהאַלטענער, אומגעאַנטער וועלט, וואָס האַלט איר גורל און שפּילט זיך מיט אים, — אין אַזעלכע מינוטן האָט זי זיך אויך אויף קיין איין רגע נישט פאַרלוירן. זי האָט מיט אַלע מיטלען נישט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַט דעם רויטן וויין פון לעבן, און אַלע אַרום האָבן מיט פאַרוווּנדערונג זי נאָך געזען אַרומגיין צווישן די לעבעדיקע, מיט איר גרויסן, וואַרעמען, גלויביקן בליק אין די אויגן, מיט דעם שמייכל אויף די בלייכע קרעלן־ליפּן.

אַזוי זענען געגאַנגען די יאָרן. די יאָרן, פון וועלכע עס וויסן נאָר די קראַנקע אין די ווינקעלעך פון אָטוואָצק. צענדליקער יונגע פרויען און מענער, ברידער און שוועסטער פון גורל, פון לאַנגע, אומזיניקע טעג און נעכט, זענען פאַרשוווּנדן פאַר איר שטיל, ווי עפּעס אַ בייזע האַנט וואָלט זיי געשיקט אין די ווינקעלעך. זיי זענען אַוועק, ווי גערופן דורך עפּעס אַ שטים. זי האָט געוווּסט די סודות פון זייערע באַהאַלטענע האָפענונגען, פון זייערע ווערטער. זי האָט געקענט זייערע אַמביציעס און באַקלאָגונגען. פון יעדן פון זיי איז איר איבערגעבליבן עפּעס אַן אָנדענק, אַ בלימל, אָדער אַ בילד מיט גרופּעס מענטשן, אָנגעשפּאַרט אָן די סאָסנע־ביימער, ווי זיי וואָלטן פונדאַנען אָטעם געצויגן. און די אַלע פאַרשוווּנדענע האָבן איר נאָך מער געזאָגט וועגן דעם, אַז זי בלייבט דאָ. זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די שטאָט מיט די שרייענדיקע מענטשן. אַ שרעק און אַ מידקייט האָט זיך אויף איר געלייגט, ווען מען האָט זי אויף אַ טאָג געברענגט אין שטאָט אַריין. זי האָט ליב באַקומען די קראַנקע פאַר זייער איידלקייט, און האָט ליב באַקומען אירע באַפליגלטע האָפענונגען פון יענעם

גליק, וואָס האָט געדאַרפט קומען ערגעץ פון צווישן די סודות־ריקע סאָסנעס. אָבער מער פון אַלץ האָט זי ליב באַקומען די ווייס־בלאָלעכע שניי־פעלדער אין די נעכט צו ניי־יאָר. צו דער צייט האָט זי זיך דערפילט געקרעפטיקט. עפּעס אַ יום־טוב האָט זיך צעליגט אויף די ריינע, גרינע צווייגן פון די קעניגלעך־שווייגנ־דיקע סאָסנעס, ווען דער שניי האָט זיך אין אויסגעטאָקטע, לילאַ־שפּילנדיקע פּלאַסטן אויסגעבעט אויף יעדער נאָדל, אויף יעדן סענק. זי האָט ליב געהאַט די בלאָע, דורכזיכטיקע נאַכט, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט די בלענדנדיקע שטערנדלעך פון שניי. זי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. דאָס ווייסע צימער איז פאַר־שוווּנדן, און זי האָט זיך איינגעהערט אין דער טיפקייט פון דער שנייאיקער נאַכט. די שטילקייט איז געשטאַנען אַ גרויסע און אַ הייליקע, און איר האַרץ האָט זיך אַ הויב געטון מיט יום־טוב צו דעם בלאַנקענדיקן, אויסגעשטערנטן הימל. זי האָט געפילט, אַז זי איז נישט אַליין, אַז אַ גרויסע געטלעכקייט וואַכט איבער איר. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַ שווים געטון אין דער שטיל־קייט, ווי אין אַ ים.

לאַנג איז זי אַזוי געלעגן אין אַ דרימל פון שטערן און שניי. זי האָט נאָך געהערט, ווי אַ שישקע האָט זיך אָפּגעבראָכן פון אַ טרוקענער צווייג און גליטשנדיק זיך מיט אַ טרוקענעם שאָרך פון גרינקייט — נישט געהאַט קיין כוח אַראָפּצופאַלן.

זי האָט געקלערט וועגן דעם, אַז ס'איז די נאַכט פון ניי־יאָר. אַכט און צוואַנציק יאָר וועט זי אַלט זיין. די דאָקטוירים מיט דער „שוועסטער" האָבן איר געוווּנטשן... אין איר עלטער איז שוין נישטאָ קיין געפּאַר... ס'איז אַזוי גוט, וואָס די יאָרן גייען... די שישקע האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ צווייטער צווייג... זי איז נישט אַראָפּגעפאַלן אויף ווייכן שניי... זי וועט אַזוי ליגן ביז צום צווייטן יאָר...

*

אויף די שטילע, מיט דיוואַנעס געבעטע טרעפּ פון סאַנאַ־טאָריע איז דעם גאַנצן אָוונט געגאַנגען אַ צוריקגעהאַלטענער רעש.

די דינערשאַפט, די דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער און אָנגע־שטעלטע זענען געלאָפן אַראָפּ און אַרויף, דער דאָקטאָר מיטן ווייסן פאַרטוך, אַ פּריש־אָפּגעגאָלטער, איז געווען שטאַרק דענערווירט. די לאַק־שיך, וואָס דער שוסטער האָט אים אָפּגעבראַכט, זענען גע־ווען ענג. זיי זענען געשטאַנען שפּיגלדיקע און נייע אויפן ווייסן טיש צוזאַמען מיט זיינע רערלעך און אינסטרומענטן. נאָר קוים האָט ער זיי אָנגעטון אויפן פוס, האָבן זיי אים צוגעקלעמט, ווי אַן אָנגעגליטע צוואַנג. ער האָט געקלונגען, אַלע מינוט גערופן די דינסט, געמאַכט פאַרוואָרפן און געזידלט דעם שוסטער.

אויף די טרעפּ, פון איין בלאַנקענדיקן קאָרידאָר אין אַנדערן אַריין, האָט זיך געטראָגן אַ שטיל געפּליסטער:

— ווו באַגעגנט איר דאָס נייע יאָר?

— איך פאָר אין שטאָט.

— און איר?

— איך גיי אויף אַ באַל.

— ווילט זיך גוט!

— אַ דאַנק...

— שוועסטער! נומער 27 פילט זיך נישט גוט.

— נישט געפערלעך!

— זי האָט הויכע טעמפּעראַטור...

— דער דאָקטאָר טוט זיך אָן... היינט איז דאָך ניי־יאָר...

— שוועסטער! זענען אַלע קראַנקע באַזאָרגט?

— אַלץ אין בעסטן אָרדענונג, הער דאָקטאָר!...

די שוועסטער, אַן עלטער מיידל, וואָס האָט באַהאַלטן איר אָנגעזאַמלטן נדן אין קוישל און האָט אַ „וויפּראַווע”, פון וועל־כער עס פילט זיך אייביק יאָדאָפאָרם און קאַרבאָל, איז געלאָפן מיט אַ צעפלאַמט פּנים, וואָס האָט איצט אויפגעדעקט איר פראָסטע אָפּשטאַמונג און פאַרווישט איר פּאַך־צאַרטקייט, וואָס זי טוט אָן צוזאַמען מיטן ווייסן טיכל אויפן קאָפּ. אונטן, ביים טויער, האָט געוואַרט אויף איר אַ באַיאָרטער מאַן מיט גראָבע וואָנסעס און שווערע, זעלנערישע שטיוול.

דעם שעף־דאָקטאָרס ווייב האָט דאָס מאָל, נישט היטנדיק די פאָרשריפטן, געשריגן בייז אויפן גאַנצן קול צום מאַן:

— ווו ביזטו דאָרטן פאַרפאַלן געוואָרן... מיר וועלן נאָך פאַרשפעטיקן...

און דער דאָקטאָר האָט מיט אַ יונג־געוואָרענער שטים, טאַנצנדיק, געענטפערט:

— איך גיי, טייערע, איך גיי...

*

אָבער זי האָט שוין דאָס אַלץ נישט געהערט.

איבער בלאָער ווייטקייט און ווייסע, בליציקע שניי־וועלטן האָט זי זיך געטראָגן אין די אָרעמס פון דער הייליקער מאַכט. אירע בלייבע קרעלן־ליפן זענען געבליבן פאַרשטאַרט אין אַן אייביקן, גלויביקן שמייכל...

אַזוי האָט זי באַגעגנט דאָס ניי־יאָר טויזנט ניין הונדערט אַכט און צוואַנציק...

# די מומע הדס

אַלץ, וואָס איז מיר געבליבן פון די קינדער־יאָרן, איז איבערגעצויגן מיט דער מוטנער קאַרגער שיין פון דער גרינער מאַטער נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ לאַנגן צינערנעם פּוס...

די לאָמפּ איז געשטאַנען אינמיטן טיש און אַרום האָט זיך צעגאָסן אַ שטילער, קאַרגער, גרינער שיין, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם שוואַרצלעכן טונקל פון די ווינקלען אַרום.

דער אָוונט איז געווען אַ לאַנגער, שרעקיקער איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט. דאָס אָנהויב טונקלען, די ערשטע פינסטערקייט אין די ווינקלען, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייסטער מורא, ווי בייזע, ביינאַכטיקע וועלדער וואָלטן זיך אַרומגעשטעלט... די עטלעכע שפּאַן פונם צימער צו דער קיך און צו דעם לעצטן פינסטערן אַלקיר, וואָס האָט קיין פענסטער נישט געהאַט — פון דאָרט האָבן אַרויסגעלויערט טויזנט שרעקן... און זיצנדיק מיט די קני אויף אַ שטול אין דעם וואַרעמען קרייז גרינע ליכט פון דער לאָמפּ, זענען אויף מיר אָנגעלאָפן די שרעקן פון דעם פינסטערן אַלקיר. אַ גאַנצע פּראָצעסיע פון געשטאָרבענע פעטערס, מומעס און באָבעס האָט פון דאָרט אויף מיר אַרויסגעקוקט... די באָבע ברײַנדעלע מיט די רויטע בעקעלעך, מיטן ווייסן טשיפּיק, מיט דעם קליינעם, שפּיציקן פּלייצעלע, האָט זיך דאָרט באַהאַלטן. פון דאָרט איז זי

ארומגעגאנגען צו חלום און געראַטעוועט די קראַנקע קינדער פון דער משפחה...

אָבער ערגער איז געווען מיטן פעטער וואָלף... דער פעטער וואָלף איז געווען אַ בייזער, מיט אַ האַרטער באָרד און גרויסע ברעמען. ער איז ארומגעגאַנגען ווערגן. וועגן אים האָט מען גע־רעדט מיט מורא און זיך געהיט פאַר אים.

מיינע אויגן האָבן געברענט מיט שרעק, און ווי נאָר דער העלער טאָג האָט זיך איינגעבראָכן און טונקעלע שאָטנס האָבן זיך אָנגעטראָגן אויף די ווענט, האָט זיך אויפגעהויבן די אומרואי־קייט אין מיר.

אַ פיערלעכע שעה איז געווען דאָס ווישן דאָס לאַנגע גלעזל פון דער לאָמפּ, דאָס צוגרייטן דעם קנויט און פוצן דעם ברענער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער קליינער מעכאַניזם פונם ברענער ראַטעוועט אונז אַלע פון דער שרעקלעכער פינסטערניש.

איך פלעג אַרויסקוקן דורכן פענסטער אויף דעם פאַרנאַכ־טיקן הויף, ווו אין די פענסטער האָבן אויפגעבליצט די פלעמלעך פון די לעמפּלעך. דערנאָך האָב איך געזען, ווי דער וועכטער טראָגט די קליינע, רויכנדיקע לעמפּלעך צו באַלייכטן די פינסטערע טרעפּ. און אַ רחמנות צו דער גאַנצער וועלט האָט זיך אויפגעהויבן אין מיין האַרץ. אַ רחמנות צו מיינע געשטאָרבענע ברידערלעך, וועלכע דער שוואַרצער רויך האָט אַוועקגעטראָגן אינם שוואַרצן, לאַנגן קעסטל אויף אַ פּאַסעק. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי זיי וואָגלען ערגעץ אַרום אין דער פינסטערניש, ווייט פון אונזער גרינער לאָמפּ און ווייט פון דער מאַמעס וואַרעמער שויס.

*

די מאַמע האָט געזשאַלעוועט צו־פרי די לאָמפּ אָנצוצינדן, און איך האָב מיך, האַלטנדיק זיך נעבן איר, געבעטן:

— מאַמע, ווען וועט מען שוין אָנצינדן?...

יד מאַמע האָט זיך נישט געאיילט, און מיר איז געוואָרן שרעקלעך פאַר דער מאַמען אויך.

מיר האָט אויסגעוויזן, אַז זי האָט צוזאַמען מיט די שרעקן, וואָס לויערן אַרום, עפּעס אַ בייזע פאַרלייקענונג פאַר מיר און קעגן מיר.

אין אַזעלכע אָוונטן, אַממייַנסטן אין האַרבסט אָדער ווינטער, ווען די פענסטער זענען פאַרבלאָזן מיט אַ בייזער, קאַלטער פרעמד־קייט, האָט זיך די וועלט אַוועקגעטראָגן ווייט און דער קאַרגער בליאַסק פון טאָג איז באַלד אַראָפּגעגאַנגען אין אַ גרויסער, לאַנגער נאַכט.

אין אַזעלכע אָוונטן האָט זיך אין מיין קינדערשן האַרץ אָפּגעטון שרעקלעכעס. אין אַזאַ לאַנגן ווינטער־אָוונט האָב איך עטלע־כע מאָל איינגעדרימלט, געחלומט און זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ צע־ריסן געוויין פון שרעק.

די מאַמע האָט אויפגעזוכט וועש און אַלטע, פאַרגעסענע מלבושים. זי איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געזוכט. זי האָט געזוכט און געזונגען. און אין אַלע אירע לידער איז גע־ווען אַ גרויסער אומעט. עפּעס האָט זי געהאַט אַ לאַנג ליד פון אַ גע־שטאָרבענעם חזן און אַ ,,מאַראַליש'' ליד פון אַ מערדער, וואָס וואַשט זיך די פאַרבלוטיקטע הענט ביים קוואַל אין וואַלד און דאָס וואַסער אַנטלויפט פון זיינע בלוטיקע הענט...

אַ שטאַרקע, טונקעלע האַנט קוועטשט־צו מיין האַרץ: ,,צו וואָס בין איך אַהערגעקומען אויף דער שרעקלעכער וועלט, ווו אַרום ליגט אַ גרויסע, שוואַרצע, שרעקיקע נאַכט? ווער האָט מיך אַהערגעבראַכט?''

און אַ קנאה צו מיינע געשטאָרבענע ברידערלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט אויף דעם שרעקלעכן פעלד פון בית־עולם אויסגעמישט מיט די גרויסע אומעטן, פלעגט מיך אַרומנעמען. אַ בייזער פּחד האָט געגאָגט מיין האַרץ, ווי אַ וואָרעם.

און מיט טרערן, וועלכע קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, האָב איך נאַכט־ביי־נאַכט איינגעדרימלט אויף דער וואַרעמער שוים פון מיין מאַמען...

*

אונטער דעם אומעטיקן ליכט פון דער גרינער לאמפּ מיט די שווארצע, שרעקיקע שאטנס ארום אין די ווינקלען פון דער שטוב, זענען דורכגעגאנגען די קינדערשע, לאנגע אוונטן.

איך האב געמוזט ליגן מיט פארמאכטע אויגן, ווייל מען האט מיך געצוווּנגען צו גיין שלאפן פון פריען אוונט. בין איך גע־לעגן, און מיין וואכזאמער קאפּ האט אויפגעכאפּט יעדן קלאנג פון דעם געשפּרעך, וואס די דערוואקסענע האבן געפירט ארום דעם באלויכטענעם טיש.

אלץ, וואס דא איז גערעדט געווארן, האט מיר דערציילט פון דער גרויסער וועלט, וועלכע איך האב געקאנט זען בלויז דורכן פענסטער.

איך בין לאנג נישט געשלאפן, און מיין מוח איז געווען אנ־געשפּיצט, מיין אויער האט נישט דורכגעלאזט דעם מינדסטן שארך. א גרויס, אומרואיק ווארטן האט געצאפּלט אין מיין קינדישן הארץ.

פאר מיינע דרימלענדיקע אויגן האט זיך דורכגעוויקלט א מערקווירדיקע שפּיל פון געשעענישן.

איך האב געמוזט פיל קרענקען אין יענע ווייטע, נעפּלדיקע טעג, ווייל איך האב אפט געפילט די מאמעסווארעמע הענט אויף מיין קאפּ. און איך גערענק גוט די באריערונג פון קאלטע, פרעמדע הענט פון דאקטוירים און פעלדשערס, אדער פון א פרעמד, בא־וואקסן פּנים, די הילצערנע קלעפּ פון א העמערל אויף דער נאקע־טער פלייצע. מיין האנט האט זיך אנגעשפּארט אן פרעמדע, הארטע קני פון א דאקטאר, און מיר האט זיך גערעכט, אז די קני טוען אלץ, כדי מיר צו מאכן ערגער, ווארום צוגערירט האט מען זיך תמיד נאר דארט, וווּ עס האט מיר מער וויי געטון. מיר האט זיך געדאכט, אז די קעשענעס פון די דאקטוירים זענען פול מיט וייטאגלעכע מכשירים און מיך האט שטארק געוווּנדערט, וואס די מאמע רופט זיי.

איך גערענק נאך דעם „שלעכטן" דאקטאר, וואס האט מיר שטענדיק צוגעלייגט א הארטן, שטעכיקן קאפּ און זיינע רויטע הענט האבן געשמעקט מיט עפּעס א ריינקייט, וואס טוט וויי. ער

האָט געשריגן הויך און זיינע ווערטער זענען געווען שפּיציקע. נאָך זיין אַוועקגיין פלעג איך לאַנג ליגן און קלערן, מיך האָט באַשלאָגן אַ מידקייט און ס'האָט מיר געדאַכט, אַז אַלע זענען ערגעץ אַוועק און איך בין געבליבן אַליין אויף דער וועלט.

נאָר אין די אָוונטן, ווען הינטערן פענסטער האָט זיך אַוועק־געשטעלט אַ שרעקיקע טונקלקייט, האָט זיך אָנגערופן צו מיר די לעבעדיקע וועלט, די מאַמע האָט לאַנג צוגעגרייט די לאָמפּ, די הויכע, גרינע לאָמפּ אויף אַ לאַנגן פוס. זי האָט געפּוצט דאָס לאַנגע רערנדיקע גלאָז מיט אַ שטעקעלע און דאָס גלאָז האָט געקוויטשעט. דער פלאַם האָט זיך אויפגעהויבן און אויף די ווענט האָבן געגנו־מען פאַרן קנוילענדיקע שאָטנס, ביסלעכווייז האָט זיך דאָס ליכט צעלאָזט אין אַ ראָד און די מאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט נייען און שטריקן. די ווייסע העמדער זענען באַשלאָגן געוואָרן מיט אַ גרין־גראָלעכער שיין, און איך האָב שוין געוווּסט, וואָס פאַר אַ העמד עס הענגט אַראָפּ אויף דער מאַמעס שויס. די גרויסע העמדער מיט לעכלעך זענען געווען דעם טאַטנס, איין העמד איז געווען מיט אַן אויסגענייטן גאָרס, בלאָ מיט רויט, דאָס „מאַלאָראָסייסקע" העמד, וואָס מ'האָט עס געבראַנגט ערגעץ פון קיעוו.

איך האָב געקוקט אין דער ליכטיקער רייף פון לאָמפּ און אויף דער מאַמעס אַראָפּגעלאָזענע אויגן. אויף דער בלאָער וואַנט נעבן מיין בעטל האָב איך שוין געקענט יעדן שוואַרצלעכן פלעק פונם דעסען. צוויי האַלבע רעדלעך און אַ לאַנג פּאַסיקל מיט אַ פּינ־טעלע. דאָס פּינטעלע האָט אויסגעזעען, ווי אַ פליג, און נעבן דעם אַ פייכטער פלעק. די מאַמע האָט מיך געהייסן שלאָפן. זי האָט מיר דערציילט, אַז דער ווינטער וועט דורכגיין, און ס'וועט קומען זו־מער, אַז דער טאַטע וועט פאַרדינען... דער טאַטע וועט ברענגען... זי האָט מיר נישט געזאָגט, אַז מיר זענען אָרעם, אָבער איך האָב עס געוווּסט, איך האָב געהערט אַלע מאָל, ווען זי האָט געזאָגט דעם טאַטן, אַז „מענטשן לעבן, מענטשן האָבן דירות", און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אַלע מענטשן, וואָס „לעבן", לאָזן דעם טאַטן נישט ברענגען... אַזוי פלעג איך איינדרימלען, ווען די מאַ־מע האָט געזונגען דאָס ליד פון „מערדער רוצח", אָבער ווי נאָר

דער טאַטע איז געקומען, האָב איך אויפגעוואַכט. מיין בליק האָט זיך באַלד אָנגעשלאָגן אָן דעם טאַטנס יוגנטלעכן, שטאַרקן אַקסל. זיין קאָפּ מיט די שווערע טונקעלע האָר האָט זיך אַריינגעשניטן אין דעם ליכט פון דער לאָמפּ. ביי דער זייט איז געזעסן דער מאַמעס ברודער יאָסל. ער איז געווען הויך מיט אַ בלייך שיין פּנים, ער האָט שוין לאַנג געוווינט ביי אונז. ער איז געקומען פון דער מאַמעס שטאָט און געבראַכט גרויסע, שמעקנדיקע, זיסע קיכלעך. עס פלעגט אויך קומען דעם טאַטנס חבר שכנא, דער גוטער שכנא, וואָס האָט שטענדיק אין זיינע קעשענעס עפּעס געהאַט פאַר מיר. ער האָט געהאַט אַ קיילעכדיקע פּלייצע און איין נידעריקן אָרעם, און מיט דער צו־לאַנגער האַנט פון דעם נידעריקן אָרעם האָט ער מיך געגלעט און מיר אַריינגעוואָרפן אין בעט שפּילצייג, וואָס האָט געשמעקט מיט פריש האָלץ אָדער געשימערט מיט נייעם גלאַטיקן בלעך.

די שטוב איז איצט פול געווען פון שאָטנס, און מיין האַרץ איז פול געווען פון פרייד. אַלע זענען געווען, דער טאַטע, יאָסל און שכנא. איך האָב צוגעהאַלטן די אויגן און געפילט, ווי דער טאַטע האָט אַלע מאָל אָנגעטאַפּט מיין קאָפּ. איך האָב אַריינגעאָטעמט דעם פייכטן, קעלטלעכן ריח פון דער גאַס, וואָס האָט זיך געפילט פון זיינע קליידער, און איך האָב געוואַרט.

איך האָב געוואַרט עפּעס צו הערן וועגן דער „מומע הדס", וועגן דער מומע, וועלכע איך האָב נאָר איינמאָל, ווי דורכן חלום געזען. איך האָב געזען איר בלאָנדן, לאָקיקן קאָפּ מיט דעם גרינעם קלייד, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעריסן אירע ווייסע, ווייכע הענט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גרויסע, שמייכלענדיקע ליאַלקע, און דעמאָלט איז די שטוב ליכטיקער געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זי נישט געזען. איך האָב געהערט וועגן דעם, אַז זי איז ערגעץ געפאָרן און מיינע אַלע חושים זענען איר נאָכגעפאָרן. זי איז געפאָרן צו עפּעס אַ חיים. דערנאָך האָט זי געדאַרפט קומען אויך צו דעם זעלבן חיים.

ווען מען האָט גערעדט וועגן דער „מומע הדס", האָט מען אויך גערעדט וועגן דעם חיים, און דער חיים איז ביי מיר אויס־

גוואַקסן גרויס און טונקל. איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם חיים. עפּעס האָט דער חיים געטון מיט דער ליכטיקער מומע הדס. די מאַמע האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. דער טאַטע האָט עפּעס דער־ציילט, און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז „חיים האָט איר פאַר־שוואַרצט דאָס לעבן".

דער טאַטע האָט געזאָגט: „אַזאַ טייערע הדס". און מיר האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ, אַ ווייסט געוויין האָט זיך מיר אויפ־געהויבן צום האַרץ. איך האָב מיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און פון די שטעקעלעך און רעדעלעך פונם דעסען האָט זיך צונויפגע־נומען אַ גרויסער שוואַרצער, שרעקלעכער חיים. ער האָט זיך פאַ־מעלעך אַרויפגערוקט אויף דער ליכטיקער מומע הדס; איך האָב שטיל אויסגעצויגן די האַנט און אַ פּאַטש געטון אין דער וואַנט, איך האָב געוואָלט אַ קלאַפּ טון דעם שרעקלעכן חיים.

*

— מיט הדסן איז שלעכט...

אין דער ליכטיקייט פונם טיש זענען געפאַלן שוואַרצע, שרעקלעכע ווערטער, ווי בייזע פליגן:

— אַזאַ גאָלדענע הדס...

— און ווו איז ער, חיים?

— ער איז דאָ.

— ער האָט איר אויסגעצאַפּט דאָס בלוט.

— און הדס.

— זאָלסטו זי אָנקוקן... נישט צו דערקענען...

דאָס געוויין האָט זיך דורכגעריסן דורך מיין האַלז און אַ גליענדיקער שטראָם איז אַדורך דורך מיינע אויגן.

דער שרעקלעכער חיים האָט זיך אוועקגעשטעלט אַזוי גרויס, ווי די שוואַרצע נאַכט הינטערן פענסטער און מיטאַמאָל האָב איך געהערט, ווי דער טאַטע האָט עסנדיק געזאָגט:

— הדס האָט אים ליב, חיימען...

אַ ווילד, צעריסן געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין ברוסט. איך האָב געציטערט.

אַלע זענען געשטאַנען אַרום מיר. מ'האָט געטאַפּט מיין שטערן.

און די מאַמע האָט געזאָגט:

— דאָס קינד איז מיר שטאַרק קראַנק... ער גליט ווי אַ פייער...

איך בין נישט געווען קראַנק. אַ הייסער, בריענדיקער ווײַ־טאָג פאַר דער מומע הדס האָט מיך געפרעסן, פאַר איר שאַנד, און אַ האַס צו דעם שרעקלעכן חיים...

ווידער איז געקומען דער „שלעכטער" דאָקטאָר. עפּעס האָט ער געשריגן און זיין ראַציקער קאָפּ האָט זיך אָנגערירט אָן מיין לייב. אָבער איך האָב געוואַרט נאָר אויפן אָוונט, און אין דעם אָוונט האָב איך מיך ווידער עפּעס דערוווּסט.

דער טאַטע האָט ווידער עסנדיק דערציילט וועגן דעם, אַז הדס האָט אים שוין אַלץ אָוועקגעגעבן. אַז הדס האָט געוויינט... חיים איז געקומען שיכור... חיים האָט גענומען דאָס געלט... „הדסעם לעצטן גראָשן"... „שווערע פּראַצע — איר בלוט".

די מאַמע האָט געוויינט איבערן בלאָלעכן העמד:

— אומגליקלעכע הדס.

*

מיר איז געווען היים. מיר האָט זיך גערעכט, אַז אַ קליין הינטעלע בילט, קריכט אויף מיין בעטל... אַ קליין הינטעלע קוים, וואָס מ'זעט עס... און באַלד וואַקסט דאָס הינטל, גרויס, גרויס און שרעקלעך גרויס, נאָך גרעסער... אַזוי ווי די שטוב. איך מאַך צו די אויגן, אַ שרעק גייט אַרום... אַ גרויסע שרעק. איך אָטעם שווער... אָט ווער איך דערשטיקט... איך שריי. אַ גרויס צעריסן געשריי. איך וויל שוין נישט מער זיך מאַכן שלאָפן... איך וויין... איך בין קראַנק... אָט וועל איך שטאַרבן. אַזוי ווי ברוכל, דאָס יונגל, וואָס איז געשטאָרבן ביי אונזערע שכנים. די מאַמע דריקט מיך צו איר ברוסט, די אויגן זענען ביי איר גרויס און משוגע...

— קינד מיינס... קינד מיינס...

די מאַמע שפּייט איבער מײַן קאָפּ, זי וויל מיך אײַנגאַנצן אַרײַננעמען אין זיך, און איך מורמל:

— הדס... מומע הדס...

עס איז אַ רעש אַרום מיר — עפּעס אַ יום־טובדיקער רעש. מענטשן זענען דאָ אין שטוב... און דער טאַטע אויך, כאָטש ס׳איז נאָך טאָג, אַ פּאַסיקל ליכט גייט אַרײַן דורכן פענסטער און שפּילט זיך צווישן די שטולן נעבן מײַן בעט. עפּעס גייט מען טון. פאַר מיר גייט מען עפּעס טון. אויפן בעט ליגט עפּעס אַ ניי שפּילצײַג פון רויט האָלץ מיט אַ דרעטל. די מאַמע בויגט זיך אָן, אירע קילע האַר רירן אָן מײַן פּנים און זי זאָגט:

— די מומע הדס איז געקומען צו דיר...

מײַנע אויגן זענען פאַרמאַכט און מײַנע פינגער קלאַמערן זיך אין אַ גלאַטיקן זייד, אַ וואַרעמער ריח פון לײַב, אַ ווײַטער ריח פון פערפומען עפּעס פון אַ חתונה, וואָס כ׳האָב אַמאָל גע־פילט.

אין מײַנע הענט איז די מומע הדס. מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך זי. אַ פאַרוועלקטע, טרוקענע קעלטלעכקייט פון איר באַק רירט אָן מײַנע, און מיר גייט אַדורך אַ גרויסער צי־טער.

איך וויל זי שוין נישט אָפּלאָזן. איך בין געזונט, איך דריק זי מיט כּוח, כאָטש איך שעם מיך.

— מומע הדס... — רײַסט זיך אַרויס פון מיר. און דאָ הער איך איר שטים, אַ ברייטע, ליכטיקע, בלאָנדע שטים:

— האָסט ליב?

— ליב — מורמל איך.

און די מומע הדס זאָגט:

— חיים, גיי צו צום קינד...

איך רייס אויף די אויגן, נעבן מײַן בעט, אויף אַ בענקל זיצט אַ פרעמדער נידעריקער איד, מיט אַ שוואַרץ, רויט פּנים. פון הינטער זײַנע וואָנסעס קוקן אַרויס גרויסע ציין .ער ציט אויס צו מיר אַ קורצע, האָריקע האַנט.

ניין, איך וויל נישט.

איך כאַפּ אַרום די מומע הדסעס קאָפּ, דריק אים צו מיר און שריי:

— איך וויל נישט... כ׳וויל נישט לאָזן... כ׳וויל נישט... און איך דערפיל אַ שטראָם פון קרעפטיקייט אין מיינע הענט און מיינע פיס...

*

אויף די שויבן האָבן געפּויקט איינציקע, שוואַכע טראָפּנס רעגן, ווי די קאַלטע שויבן וואָלטן זיך געוועזן באַדעקט מיט שווייס. דער נאָך־האַלבער הערבסט־טאָג האָט זיך שנעל געטונקלט און אָנגעפּילט די ווינקלען פון דער שטוב מיט שרעקיקער טונקלקייט.

ס׳איז געווען קאַלט, כאָטש אינם אויוון האָט פון דער טונקלקייט אַרויסגעפּלאַטערט אַ רויטער פלאַם.

דער פעטער איז אַריינגעקומען, האָט קאַלט אַ גלעט געטון די מזוזה. אויף זיין גראָ בערדל איז געלעגן אַן אומעטיקע פאַרשלאָסנקייט. דאָס איז געווען דער פעטער וועוועל. דער פריילעכער פעטער, וואָס האָט שטענדיק געשטיפּט מיט אונז, געקיצלט ביים בויך אָדער געריסן ביי אַן אויער. עס זענען אויך געקומען די צוויי מומעס, די מומע ריקל און די מומע חייקע. זיי זענען געווען אָנגעטון אין די לאַנגע ראָטאַנדעס אָן אַרבל, אַזוי ווי צוויי שוואַרצע, סאַמעטענע פייגל אָן פליגל. זיי האָבן זיך אַריינגעטראָגן מיט אייליקע טריט אינם לעצטן צימער און איבערגעלאָזט דעם שאַרפן שנייִדיקן ריח פון נאַפטאַלין. די מומעס האָבן דאָסמאָל גאָרנישט געבראַכט. אויך דער פעטער האָט אפילו דעם שטעקן מיטן ווייסן ביינערנעם הענטל נישט אַוועקגעשטעלט אין ווינקל, נאָר אייליק און טרוקן דורכגעשאַרכט אריין אין לעצטן צימער. דאָרט איז אויך געווען דער טאַטע און די מאַמע. די מאַמע האָט אַלעמאָל אָפּגעשפּאַרט די טיר. זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. אויף איר פּנים איז געלעגן עפּעס אַ באַהאַלטענע צעשראָקנקייט, און מיט די הענט האָט זי אונז געוויזן, מיר זאָלן זיין שטיל.

מ׳האָט נאָך אַלץ נישט אָנגעצונדן די לאָמפּ. און די לאָמפּ איז געשטאַנען אַ קאַלטע און אַ פרעמדע אויף דעם טישל מיט דעם

גרינעם טישטוך. ס'איז געווען שוין גוט פינסטער, און דער אָוונט האָט אַריינגעקוקט דורך די פאַרנעפּלטע פענסטער, אַריינגעקוקט ווי אַ בייזער הונט. מיר האָבן זיך צונויפגענומען אין טיפסטן ווינקל נעבן אויוון, ווו אויף דער שוואַרצער, גלאַנציקער צעראַטע פון דער אַלטער קאַנאַפּע האָט געשפּילט דער רויטער בליאַסק פונם פייער אין אויוון. און שטיל האָבן מיר זיך דערציילט קינדערישע מעשיות: אַ שטיל שרעקיק שעפּטשעריי וועגן פינסטערע טרעפּ פון קעלערס און בוידימער, פון אַלטע בעטלער, וואָס גנבענען קינדער פון די וויגן אַרויס.

דער אָוונט אין דער טונקעלער שטוב האָט אָנגעיאָגט שרעקן און אַ חשק זיך צו טוליען איינס צו דאָס אַנדערע. נאָר די קליינע שרהלע האָט געוווּסט פון עפּעס אַנדערש. אירע גרויסע, שטילע אויגן זענען געווען צוגעקלעבט צו דער פאַרמאַכטער טיר פונם לעצטן צימער. פון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ שטיל, איינגעהאַלטן גערודער.

שרהלע האָט אויפגעהויבן אַ פינגערל, אירע גרויסע אויגן זענען שטיין געבליבן אין דער טונקל, מיט אַ בליצנדיקן גלאַנץ, און זי האָט שטיל, מיט אַ צעריסן שטימעלע פון שרעק, געזאָגט:

— זי האָט זיך געשמדט...

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגן וואָרט. די קינדער האָבן זיך אַ ריס געטון, ווי צום אַנטלויפן.

— שאַ... שאַ... די מומע הדס...

דער אומעטיק־ווילדער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג. די שטוב איז געווען אָפּגעלאָזן. מ'האָט נישט געקאָכט, די קיך איז געווען קאַלט. דעם טאַטן האָט מען שוין לאַנג נישט געזען און אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט קרעכצן פון די בעטן. די מאַמע האָט גע־האַט ווייכע, גלאַנציקע אויגן, ווי זי וואָלט געוויינט אָן טרערן. און נאָר דאָרט אין לעצטן צימער, ווו מ'האָט די קינדער נישט אַריינגעלאָזט, איז געווען פול בייטאָג. צום מיטאָג האָט די מאַמע געטיילט עפּעס קאַלט געקויפט פלייש מיט ווורשט, וואָס האָט דער־מאָנט אין ערב־פּסח, ווען מען פאַרברענט דאָס חמץ. אָבער דאָס איז נישט געווען עפּעס אַ שטיל, דערשטיקט גערודער, וואָס האָט

זיך אַרויסגעריסן פֿון די ווינקעלעך. און נאָר די עלף־יאָריקע שׂרה־לע האָט פֿון ערגעץ אַרויסגעכאַפּט אַט דעם קלאַנג, איז אַלעמאָל געקומען פֿון הינטער דער פֿאַרמאַכטער טיר און מיט אַ צעטראָגן, אויפֿגעהויבן פֿינגערל צו די ליפּן, אַרויסגעשעפּטשעט:

— די מומע הדס...

די מומע הדס, די שיינע הדס מיט די וואַרעמע שמעקנדיקע הענט איז פֿאַרשוווּנדן. זי איז פֿאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די וואַרעמע זומער־טעג, און מער האָבן מיר זי נישט געזען. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעפֿאָרן. אָבער ד׳ערבײַ האָט מען געקרעכצט און מ׳האָט געזאָגט נאָך עפּעס. איך האָב נישט געפֿרעגט. איך האָב נאָר שטיל אין די טונקעלע שעהן פֿון אָוונט, ווען מ׳האָט געהייסן די קינדער שלאָפֿן — זי אַרויסגערופֿן פֿאַר זיך אויף דער טונקעלער, שאָטנדיקער, געלער וואַנט, נעבן מײַן בעטל. און באַלד איז ליכטיק געוואָרן אין דער פֿאַרשיכורנדער ריח פֿון אירע גלאַטיקע הענט האָט זיך אָנגעטראָגן. איך האָב זי געזען שטרעבנדיק, אויף אירע הויכע מעכטיקע פּיס. איך האָב זי געזען אין פֿאַרשידנקאָלירנדיקן ליכט. איך האָב געפֿילט דעם קיצל און דעם זיסליכן ריח פֿון אירע האָר. און מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם, צודעקנדיק זיך איבערן קאָפּ, האָב איך זי געזען אַזוי ווי דאָס לעצטע מאָל, ווען זי איז געווען בײַ אונז, אויף דער זומער־וווינונג. עפּעס אַן אומענדלעך לאַנגער, ליכטיקער טאָג, האָט זי מיך, האַלטנדיק פֿאַר דער האַנט, געפֿירט. מיר זענען אַראָפּ צום וואַלד, ס׳איז געווען הייס און ליכטיק און אַ זילבערנער נעפּל האָט אַרומגעהילט די ווײַטקייט און דאָ, נעבן וואַלד און דעם קליינעם טײַכל, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט. פֿון הינטער דעם לײַכטן, העלן קלייד, האָבן מיטאַמאָל אַ בלאַנק געטון אירע מעכטיקע פּיס. זי האָט אַראָפּגענומען די זאָקן, און אירע גאָלדיקע, לאַכנדיקע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר אין אַ זיסער פֿאַרטראַכטקייט...

— דו ביזט נאָך אַ קליין יונגעלע — האָט זי געזאָגט.

און אירע מיט זון און זיסקייט שמעקנדיקע ליפּן האָבן אָנגעכאַפּט מײַן פּנים. איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן. דער זילבערנער נעפּל איז געדיכטער געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון ערגעץ

טראָגט זיך אַ געזאַנג, און מיטאַמאָל האָב איך דערזען די מומע הדס. זי איז געווען אַזוי גרויס, ווי פון דער ערד, דאָ נעבן טייכל, ביז צום הימל. זי איז געווען ביז שרעק גרויס און נאַקעט. איר לייב האָט ווי אַרויסגעקוואָלן פון דער ליכטיקייט. מיין האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן און כ׳האָב קיין וועג נישט געזען. און אין מיר האָט זיך אויפגעהויבן אַ כעס צו דער מומע הדס. איך האָב מיך אַנידערגעוואָרפן, איינגראָבנדיק דעם קאָפּ  אין דעם קילן גראָז. אין דער זאַפטיקער פינסטערניש האָב איך ווידער דערזען די נאַקעטע מומע הדס. אירע הענט און פיס זענען געווען מעכטיק גרויס, און פון דער ווייסקייט האָט גע־שלאָגן, ווי אַ ראָזער פלאַם. עפּעס האָט געוואָרפן מיט מיר. איך האָב געוואָלט לויפן ווייט, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אַ וואָיענדיקער רעש אַ טראָג געטון. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט  און אַ קרומער, שטעכיקער רעגן האָט אַ קלאַפּ געטון אויף מיר. די מומע הדס איז געווען האַלב אָנגעטון, נאָר אירע באָוויסע פיס זענען געשפּרונגען. דער ווינט האָט צעבלאָזן אירע האָר. איך בין געלאָפן נעבן איר. איך האָב געזען איר צעלאַכט פּנים און אירע פליענדיקע האָר.

פון דעמאָלט אָן האָב איך מער די מומע הדס נישט געזען, און איצט אין דעם שרעקנדיקן ווינקל, ווען שרהלע האָט געבּרענגט די פּרעמדע, בייזע ווערטער, האָב איך ווידער דערזען די מומע הדס. יענער ווינט האָט ווידער אַ בלאָז געטון, אָבער מיט שרעק און דראָנג. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מומע הדס פליט אַרום ערגעץ אין אַ טונקעלער, שרעקיקער וועלט. בייזע ווינטן טראָגן זי אַרום. עפּעס אַ ריח פון שפּיטאָלן, ווי כ׳האָב געזען די שטרענגע שוועסטער אין שוואַרצן אָנגעטון. דאַכט זיך טראָגן זי ערגעץ. און דאָס וואָרט „שמד״ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער טונקל, ווי אַ גרויסע שוואַרצע שרעק...

איך בין שטיל צוגעגאַנגען צו שרהלען און שטיל געפרעגט:

— שרהלע... ווי אַזוי שמדט מען זיך?...

שרהלע האָט אויפגעהאָנגען איר שוואַרצן  גלאַנציקן בליק אין דער הויך:

— מיט א צלם... מען נעמט א צלם...

זי האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי אין א חלום:

— די מומע האָט מען אוועקגעפירט... זי האָט געשוווירן... מ'האָט געקלונגען אויפן „צמענטאַזש"...

און מיטאַמאָל האָט זי זיך צעוויינט, זי האָט געהעשעט שווער און ספּאַזמאַטיש ווי א פרוי.

מיך האָט א שטופּ געטון א היים געוויין.

און דאָ איז די מאַמע אַריינגעלאָפן, זי האָט געכאַפּט שרה־לען אויף דער שויס.

— וואָס איז מיטן קינד... מען דאַרף אָנצינדן די לאָמפּ...

איך האָב שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איינ־גראָבנדיק זיך מיט דעם קאָפּ אין דער מאַמעס האַנט, האָב איך אַרויסגעשריגן:

שרהלע... שרהלע זאָגט, אַז די מומע הדס האָט זיך גע־שמדט...

די מאַמע האָט מיך א כאַפּ געטון פאַרן מויל. זי האָט מיך אַריינגעגראָבן אין איר שויס, איך זאָל נישט קאָנען מער רעדן:

— שאַ־שאַ... וואָס איז דאָס פאַר א רייד... שאַ־שאַ...

און זי האָט זיך אַליין אויך ביטער צעוויינט.

— קינדער, וואָס רעדט איר... באַלד וועט קומען די מומע הדס... זי וועט באַלד קומען. זי איז געווען נישט געזונט... איז זי נישט געווען הי... היינט איז זי געקומען... זי וועט באַלד קומען...

און מיטאַמאָל איז געוואָרן א גערודער ביי דער טיר, די מאַ־מע האָט אונז אוועקגעוואָרפן און געלאָפן אָנטקעגן. עס האָט זיך באַוויזן דער קוזין פסחל, וואָס איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון די זעלנער, פון דער צווייטער זייט די מאַמע און אינמיטן, אונ־טערגעהאַלטן אונטער די הענט, ווי א פאַרחלשטע מיט א פאַר־וואָרפענעם, בלייכן קאָפּ, האָט מיט אונטערגעבראָכענע טריט גע־שפּאַנט די מומע הדס. אירע הענט זענען אַראָפּגעהאָנגען, און אירע אויגן זענען געווען האַלב־פאַרמאַכט.

ס'איז געווען שטיל, די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. די מאַמע

האָט אָנגעצונדן די לאָמפּ אויף אַ זייטיק טישל, אַזוי ווי דעמאָלט, ווען די באָבע איז געשטאָרבן.

באַלד זענען ביידע מומעס אין די ראַטאַנדעס פֿונם לעצטן צימער אַרויסגעשפּרונגען, אַזוי ווי עמעצער וואָלט זיי אַרויסגע־שטופּט. עס האָט זיך געהערט, ווי דער פֿעטער וועוועס שרייט אויף זיי מיט אַ וויינענדיק קול, אַזוי ווי יום־כּפּור אין שול.

לאַנג האָט געדויערט דער אָוונט, מיט דער פּאַרוקטער לאָמפּ און די פּאַרטונקלטע שאָטנס אויף די ווענט. איך בין גע־לעגן אין בעט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. וויסטע חלומות האָבן זיך אַנגערוקט אין שלאָף. איך האָב געזען שוואַרצע מענטשן אין דעם שרעקיקן טויער פֿונם קריסטלעכן צמענטאַזש. און מיטאַמאָל האָב איך מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, כ'האָב נישט גע־ווּסט, צי ס'איז נאַכט אָדער טאָג.

איך האָב זיך שטיל אַראָפּגעלאָזן פֿונם בעטל און ציטערנ־דיק פֿון עפּעס אַ קעלט און אַ שרעק, האָב איך זיך אַריינגעגנבעט אינעם לעצטן צימער. דאָ איז געווען אַלץ אָפּגערוקט פֿונם אָרט, דער טיש, די בענקלעך, און אויף דעם שוואַרצן, געשניצטן טישל איז געשטאַנען אַ זילבערנער לייכטער מיט אַ ווייס ליכט. אַ בלוילעך, קאַלט ליכט האָט זיך אַריינגעגאָסן דורכן פֿענסטער. און דאָ, הויך אויסגעבעט אויף דער סאָפֿע, איז טיף אין בעטגעוואַנט געלעגן דער קאָפּ פֿון דער מומע הדס. אירע פֿאַרמאַכטע אויגן האָבן גע־צאַפּלט אין אַ שטילן שלאָף, און איין האַנט איז געווען אָפּגע־דעקט און אַרויסגעהאָנגען פֿונם בעטגעוואַנט. די האַנט איז גע־ווען מאָדנע ווייס.

איך האָב מיך צוגעבויגן מיט שרעק צו הערן איר אָטעם, און דערפֿילט איר ריח. זי האָט געשמעקט, ווי אַלעמאָל, מיט אַן איידעלן ריח פֿון בלומען, נאָר איצט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עפּעס אַ שאַרפֿקייט איז געווען צוגעמישט. אירע ליפּן זענען גע־ווען בלייך און האָבן זיך באַוועגט, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס. מיר איז געוואָרן שרעקלעך, און אַ רחמנות האָט מיך אויפגע־הויבן אויף די נאַקעטע שפּיצפֿינגער פֿון די פֿיס און פֿאַרלירנ־

דיק זיך אין עפּעס אַ טונקעלן קנויל, האָב איך צוגעלייגט מיין מויל צו אירע ליפּן.

דעמאָלט האָב איך דערפילט, ווי איר האַנט האָט אַרומגענומען מיין קאָפּ.

אירע ליפּן זענען דאַסמאָל געווען ביטער, און אירס אַ טרער האָט אַ בריי געטון מיין הויט...

# אליה און זיין ווייב

דאָס געוועלב איז אַ שמאָלס, אַ פינסטערס. פון די פּאָליצעס קוקט אַראָפּ אַן אומעט, אַלטע, אויסגעריבענע שאַכטלען, מיט קליינע פּאַפּירענע פּעקלעך. די פּאָדלאָגע איז אַ שטיינערנע, אַ שוואַרצלעכע, און יאָגט זומער און ווינטער מיט אַ קעלט און פייכטקייט פון אַ קעלער. אויף דער וואַנט הענגט נאָך פון די אַלטע רוסישע צייטן עפּעס אַן אַלטע, פון פליגן פּאַרפּינטלטע, רעקלאַמע, ווו אַ דאַמע רויכערט פּאַפּיראָסן און לאָזט אַרויס דעם רויך און ביי דער זייט שטאַרצט אַרויס אַ האַלבע אויפשריפט אויף רוסיש: „סטאַמבאָלי״...

אַ גאַנצן טאָג, זומער און ווינטער, זיצט דאָס ווייב אין געוועלב, אָנגעטון אין אַ שווערן שפּענצער, מיט אַ וואָלן טוך אויפן קאָפּ. זי זיצט און שטריקט מיט לאַנגע שפּיזלען. אירע אויגן זענען בייז און די לאַנגע נאָז איז בלאָלעך, ווי זי וואָלט געווען פון שטאָל.

דער מאַן איז אַ קליינער, אַ האַלבער הויקער. ער גייט גיך און פלינק, ער האָט אַ קליין, קאַרג בערדעלע פון עטלעכע האָר. ער האָט מורא פאַרן ווייב און דרייט זיך אַרום איר, ווי אַ קליין הינטל אַרום אַ גרויסן, ערנסטן הונט. זי גלאַנצט מיט די בייזע, שטאָלענע שפּיזלען און דרייט אַ קנויל נודנע, גראָע ביינוול, און נאָך יעדן סוחרישן עסק, וואָס דער מאַן דערציילט איר, טוט זי

אויף אים א קוק, פון וועלכן ער ווערט נאָך קלענער און פינטלט לאַנג מיט די אויגן.

דער מאַן שטאַמלט. ער הויבט אָן צו רעדן גיך. פאַרהאַקט זיך ביי „קופּן", ביי „למדן" און „וואָוון". דעמאָלט מאַכט ער צו די אויגן, שפּאַרט זיך אָן מיט זיין קורץ הענטל אָן די קני און הויבט אָן צאַפּלען מיטן בערדעלע.

דעמאָלט לאָזט זי אַרויס איר מוראַדיקן באַס און פאַרענדיקט דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן:

— וויפל קאָסט דאָס? — פרעגט דער קונה.

— ד־ד־דאָס... קאָאָסט... פּ־פּ־פינעף. — און איידער דער מאַן האָט באַוויזן צו ענדיקן, גיט די אידענע צו:

— מיט פופציק גראָשן.

צו יעדן פּרייז, וואָס ער וויל זאָגן, לייגט זי צו פופציק גראָשן, דער מאַן האָט שוין מורא צו רעדן און פינטלט מיט די אויגן, ביז ס'גייט אַוועק דער קונה באַצאָלט.

*

טיילמאָל ווערט זי ווייך און הויבט אָן אויף איר באַס צו רעדן צום מאַן. זי רעדט מיט א שווערן ניגון, אַזוי ווי דאָס זשום פון א בין, וויינענדיק, איר נאָז ווערט פייכט און קלינגט־צו, אַזוי ווי א רינע פון א דאַך, בעת עס רעגנט. זי האָט ליב צו רעדן שרעקלעכע רייד, ווי מען רעדט ביי א טויטן, אָדער ווי עס רעדט א נביא.

— אליה... — הויבט זי אָן — אליה... אַן אומגליק און א פינסטערער צאָרן האָט זיך אָנגערוקט אויף מיר... דו וועסט מיך טרייבן יונגערהייט אין דער ערד אַריין און לעבעדיקע ווערעם וועלן פרעסן מיין לייב. אליה... איך פיל, ווי דאָס האַרץ פּלאַצט אין מיר... און מיין בלוט ווערט מיר פאַרקילט אין די אָדערן... אליה... כ'האָב דיר געזאָגט, זאָלסט נישט קויפן די קליינע מעסער־לעך נומער זיבעצן... ווייל קיינער נעמט זיי נישט אין דער האַנט אַריין... אליה... פאַרוואָס האָסטו אַזאַ מערדעריש האַרץ... אַז דו האָסט גענומען א שוואַך פּראָווענצימער... וואָס קוים זי פּאַטשט

מיט דער נשמה... האָסט זיך אָנגעזעצט אויף אַ קראַנקן, צעבראָ־כענעם שאַרבן... און ווילסט אים נאָר טרייבן פון דער וועלט... אליה... וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, זאָלסט נישט מאַכן מיט יענקעלע גנב קיין געשעפטן... און דו שטופּסט אין אים אַריין אַ פאַרמעגן... בכן... דו טרעפסט זיך מיט אים ביים רבין... און עטס שיכורט דאָרט ביידע אַרום... נעם־זשע בעסער אַ האַק און האַק מיר אָפּ דעם קאָפּ... וועסטו באַלד זען מיין סוף... און דו וועסט באַלד פּטור ווערן...

נאָכדעם לאָזט זי אַרויס אַ מוראדיקן יאָמער אויף טיפע, אונ־טערשטע טענער און נאָר פון אויבן פּישטשעט צו אַ דינע באַגליי־טונג, גלייך ווי איר מעטאַלענע נאָז וואָלט צוגעקלונגען.

אליה שטייט אין אַ ווינקל, ווי אַ קינד, מיט זיין קליין, הויי־קערדיק קעפּעלע. זיינע אויגן זענען אויפגעריסן פון שרעק. ער ווייסט נישט, וווהין צו קוקן, רעדן רעדט ער גאָרנישט, די עט־לעכע שיטערע האָר אויפן גאָמבעלע ציטערן און אַזוי שטייענ־דיק, ווילט זיך אים שטאַרק זיך צעוויינען. דאָס אומרעכט, וואָס גייט פון דער שווערער, אייזערנער אידענע, שטעכט אים ווי אַ מע־סער אין סאַמע האַרץ. עס דאַכט זיך אים, אַז עמעצער האָט אים פאַרקויפט צו אַ גרויסן, שלעכטן גוי, אַזוי ווי די ברידער האָבן פאַרקויפט יוספן צו די מצריים...

אינמיטן פאַרגייט אים דער ריח פון קיכלעך מיט הערינג און בראָנפן, וואָס מען פאַרקויפט אין דער אכסניה, ווען מען פאָרט צום רבין. און עס ווילט זיך אים שוין נעמען דאָס שוואַר־צע, חסידישע וואַליזקעלע מיטן רויטן טיכל, מאַכן אַ קלימעקל און אַנטלויפן:

— אידן, געוואַלט! — וועט ער שרייען — ראַטעוועט מיך אַרויס פון אירע הענט... רבי... הייליקער רבי... כ׳וועל דאָ ליגן ביי אייך אויף דער באַנק... כ׳וועל אַרבעטן שווער, ווי אַ קנעכט... כ׳וועל עסן דעם דריטן טאָג אַ שטיקל טרוקן ברויט...

ער ווייסט אָבער, אַז דאָס אַלץ וועט נישט העלפן. אַז אין אָוונט וועט זי זיצן אין דער היים ביים לעמפּל, וואָס באַשלאָגט איר ציגל־פּנים מיט אַ שוואַרצלעכער רויטקייט, דער גראָבער

שפּענצער וועט אָפּשטיין, ווי זי וואָלט געהאַט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ, זי וועט האַלטן אַ גראָב, צעראַטן נאָטיץ־ביכל און איינשרייבן מיט אַ סטאָלאַרסקען בלייפעדער ציפערן מיט אותיות; די אותיות קו־מען ביי איר אַרויס, אַזוי ווי הענגענדיקע הערינג.

דערנאָך וועט זיך דערהערן איר יאָמערדיקער באַס:

— אליה... האָסט גוט פאַרשלאָסן... אליה... זיי נישט צע־מישט... מ'וועט אונז בדלות שטעלן, אליה... דאַוון אָפּ מעריב און לייג זיך... סט'נישט קאָנען אויפשטיינען אינדערפרי, אליה...

*

טויזנטער ווערטער שפּרינגען אים אַרום אין קאָפּ, רייסן זיך צו איר אַזוי ווי פויסטן... ער וואָלט געוואָלט זי פאַרשיטן... פאַר־ברענען מיט ווערטער...

נאָר ער קאָן קיין איין וואָרט נישט אַרויסברענגען. דעמאָלט ווערט ער מיטאַמאָל פריי פון אַלעם. ער וואָלט שוין באַשטאַנען צו זיין אַ גוי... אַ פּראָסטער גוי, אַזוי ווי דער סטרוזש, און שלאָגן... שלאָגן דאָס ווייב...

ער פאַררוקט מיטאַמאָל אַ פּאַפּיראָס. שטעקט אַריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס. די ציצית הענגען ביי אים אַראָפּ אויף קוראַזש. ער פאַררוקט דאָס קליינע היטעלע און בלאָזט דעם רויך מיט רעש און עזות.

ער לויפט אַרום פלינק אויף זיינע קליינע פיסעלעך... ער גלויבט: עס וועט קומען אַ יענע וועלט, וווּ ער וועט זיין דער מאַנס־פאַרשוין... דאָרט... וועט ער באַקומען זיין לוין...

# דאָס „קיל־שטיבל"

דאָס היינטיקע קלימאַטישע קור־אָרט אָטוואָצק איז ווייט אַוועקגעלאָפן פון יענעם פאַרלאָזענעם, טונקעלן געסל צווישן איינגעבראָכענע, שיטערע פּלויטן, ווו אַ שוואַרצלעכער שטויב הויבט זיך אויף נאָך יעדן דורכגייער, און צווישן די אויסגענאָגטע, שיטערע סאָסנע־ביימער שטייט דאָס אַלטע, שוואַרצלעכע הויז, וואָס איז האַלב אַרומגעביסן פון אַ שרפה. אַרום שטייען ענג אַרומגעשטעלט פאַרשטויבטע הייזער; צעפּאַטלטע ווייבער און אידן אין שווערע שטויביקע שטיוול מיט פאַרפּאַפּטע שטיקער בערד פּינטלען אַרום, און קינדער בלייכע, פאַרסמאָלעטע און אָפּגעריסענע קוקן מיט אומזיניקע בליקן פון אָרעמקייט.

דאָס היינטיקע אָטוואָצק האָט זיך אָפּגערוקט און בלאַנקט פונדערווייטנס מיט אַ רייכן שימער פון נייקייט און שיכט אין הימל אַריין מיט טורעמס און הויכע, געמויערטע טאַראַסן.

אָבער אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז דאָס הויז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער אומגעגנט.

אויפגעבויט האָט עס אַ וואַרשעווער איד, אַ חסיד און אַ גביר, וואָס האָט געהאַט אַ ווייב, אַ טאָכטער און פיר זין, קראַנקע אויף שווינדזוכט. אַלע זענען זיי דאָ אין דעם הויז געשטאָרבן. יעדן פרילינג און יעדן האַרבסט איינער, דערנאָך איז דאָס הויז לאַנג געשטאַנען פאַרקלאַפּט די טירן און פענסטער מיט

ברעטער און די איינוווינער האָבן דעם הויז אַ נאָמען געגעבן: דאָס „קיל-שטיבל״.

אָבער נישט לאַנג דערנאָך האָט דאָס הויז איבערגענומען דער „וואַרשעווער טענצער״. אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט אַ קליין, שוואַרץ באַחנט ווייבל פּעסעלע. דער יונגערמאַן איז גע־ווען אַ קראַנקער. זיין דאַרקייט האָט געשראָקן און די ציין האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל, ווי ביי אַ סקעלעט.

זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ פיבערהאַפטן גלאַנץ, ער האָט געהוסט דין און שפּיציק, מיט אַ פייף און אויף זיין געלבלעכער הויט איז געלעגן אַ בלייכער שמייכל פון פאַר־בלאַנדזשעטקייט... ער האָט נאָך דאָ געטראָגן לאַקירטע שיך מיט אַ הויכן, האַרטן קאָלנער. זיין ווייב פּעסעלע איז אים נאָכגעגאַנ־גען מיט אַ גלאָז מילך. זי איז נאָך אַלץ אין אים געווען פאַר־ליבט, ווי פריער, ווען מען האָט אים אויף דער דזשיקע־גאַס גע־רופן דער „שיינער מאָניעק״. און פאַרנאַכט, ווען זי האָט אויפ־געראַמט די שטוב, האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף דער וועראַנדע און אויסגעזונגען צוזאַמען לידער פון ליבע. פּעסעלע האָט שיין געזונגען, טרויעריק און פול מיט האַרץ, און ער האָט איר אונטערגעצויגן מיט אַ שטילן באַס. דערביי האָט זיין דאַרער גאָרגל־קנאָפּ זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

אין אָנהויב האָט נאָך פּעסעלע געאַרבעט ביי איר פאַך. זי איז געווען אַ פריזירקע, און די ווייבער פון שטעטל, פון אַרום ביז קאַרטשעוו, האָבן איר געבראַכט די שייטלעך צו קעמען. זי האָט געמאַכט צעפּ פאַר די מיידן און ווען ס'איז געווען אַ חתונה, האָט זי געקעמט דאָס גאַנצע שטעטל. מאָניעק האָט ביסלעכווייז אויך אָנגעהויבן זיך נעמען צום פאַך. עס איז אים דאָן אין אָנהויב ביטער געוואָרן נאָך דעם גרויסן „קוואַטאַק״, ווי ער איז געלעגן עטלעכע חדשים. אָבער ווי נאָר ס'איז געוואָרן בעסער, האָט ער שוין נישט געקאָנט איינרוען. אין קאָפּ האָבן זיך אים כסדר גע־דרייט וואַלצן און פּאָלקעס, און ס'פלעגט אים באַפאַלן אַזאַ בענק־שאַפט צו טאַנצן, אַז איינמאָל, ווען ער האָט געהאַט גרויסע היץ, איז ער אינמיטן דער נאַכט אַראָפּ פונם בעט און געטאַנצט

א וואָלץ אזוי לאַנג, ביז וואַנען ער איז געפאַלן. און אין איין טאָג האָבן זיך מאַניעקס „פּשיאַטשעלעס" אין װאַרשע צונויפגעלייגט און אים געקויפט א גראַמאָפאָן מיט א לאַנגער טראָמבע. די מיידן און די יונגען פונם שטעטל זענען געקומען הערן דעם גראַמאָפאָן, זיי האָבן באַלאַגערט די טיר מיט די פענסטער און מאַניעק האָט פאַרבעטן צום טאַנצן. איצט האָט מען זיך שוין דאָ געלערנט טאַנצן. אַלע פאַרנאַכט זענען געקומען עטלעכע חתנים מיט כלות, פורמאַנעס און יונגען פון שעכט־הויז. די יונגען האָבן אוועקגע־שטעלט די ביימשן אָן א זייט. די מיידן האָבן אוועקגעלייגט די קוישן, און די שיינע באַשקע, וואָס איז געקומען מיט די קאַנען מילך, האָט זיי אוועקגעשטעלט, און אַלע זענען געבליבן שטיין שטיל און שווער פאַרשעמט. די מיידן האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויג; און די באַקן האָבן ביי זיי געגליט. די יונגען האָבן זיך איבער־געשטעלט פון איין פוס אויפן אַנדערן און געשטופּט.

— נו, גאַי שוין, משה — דו ביזט דאָך נישט קיין יאָלד. נעם באַשקען.

א יונג האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און א זאָג געטון:

— חיה... װעסט מיר נישט אָפּזאָגן.

די מויד איז אַנטלאָפן אין א ווינקל מיט א קוויטש.

דעמאָלט איז אַריינגעקומען מאַניעק, מיט עלעגאַנטע. טאַנצנ־דיקע טריט. ער האָט זיך א נויג געטון און אויסגערופן:

— פאַנאָוויע... א נאָ וואָ „פּאַרדאָן". יעדער זאָל נעמען זיין דאַמע דע פּאַבע...

די יונגען האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די בייכער פון געלעכ־טער; און „בערעלע קעלבאַס", מיט די גנבישע אויגן און ווייסע ציין, וואָס האָט געפירט מתים קיין קאַרטשעוו, האָט א געשריי געטון:

— א רוח אין זיין... ווי ער אַרבעט...

— „אַלאָן" — דאַמי „נאַ לעוואָ" — האָט זיך געהערט די געשפּאָלטענע שטימע פון מאַניעקן. און די יונגען האָבן זיך גע־נומען יאָגן נאָך די קוויטשעדיקע מיידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט לויפן פון פאַרשעמטקייט.

די יונגען מיט די מיידן האָבן גענומען די „לעקציע טאַניעץ", מען האָט געטאַנצט וואָס אַמאָל דרייסטער, און עס האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אויפהערן. אַ שטרענגע אומעטיקייט איז שוין געשטאַנען אין דעם טונקעלן דרויסן. דער אומעט האָט זיך אויסגעלייגט פון די סאָסנעס, וואָס האָבן אין דעם פאַרנאַכטיקן נעפּל זיך אָנגעצויגן מיט אַ שרעקיקער פרעמדקייט און אַ שווינדלדיקע טונקלקייט האָט זיך אָנגעשראָגן מיט אַ ריח פון אָנגעברענטער זשיוויצע. נאָכן טאַנצן איז מען אַרויס פאַררויטלטע מיט אַ גליקלעכן סוד אין די אויגן. מ'האָט זיך אָפּגערעדט אויף מאָרגן, אָדער אויף שבת, ווען מ'האָט געטאַנצט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. די יונגען האָבן זיך גענומען ווער צו זיינע פּעק, ווער צו פערד און וואָגן, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט. און „יאַסעלע גאָפּ", וואָס איז געקומען איינגאַנצן צוליב רחלען, דעם מלמדס טאָכטער, האָט זיך געלאָזט צו זיינע צוויי קעלבלעך, וואָס ער האָט געפירט אין שעכט-הויז. די קעלבלעך זענען געלעגן מיט געבונדענע פיסלעך, האָבן געבלעקעט און געקוקט מיט וואַסערדיקע, בלאָע אויגן אין דער וועלט אַריין.

דאָס קיל-שטיבל איז געוואָרן דאָס פרייליכסטע הויז. דאָרט האָט מען געקאָנט הערן אַ חזן אויפן גראַמאָפאָן. און די „קאַוועצקאַ", ווי זי האָט געפייפט און געזונגען. הינטערן פענסטער האָט געוואַרט אַ שטענדיק פּובליקום פון קליינע מיידן, וואָס האָבן נאָכגעשט געטאַנצט, און פון ווייבער, וואָס האָבן באַדויערט זייער לעבן, וואָס זיי זענען געווען פאַרנאַרישט... ביי די „פּאַנאַטישע עלטערן".

אָבער דאָס טאַנצן האָט מאָניעקן געשאַדט. איינמאָל, ווען די טענצערס זענען געקומען, איז מאָניעק געלעגן אויפן בעטל אַרומגעלייגט מיט אייז. און אויף זיין געל-גרינלעך פּנים איז געלעגן אַ פאַרטראָגנקייט פון אַן אַנדער וועלט.

זיינע שוואַרצע, גוטע, אידישע אויגן האָבן אָנמעכטיק אַרומגעבלאָנדזשעט און ער האָט עפּעס געוויזן מיט אַ געלער פלאַטשיקער האַנט.

פּעסעלע איז געווען פאַרווינט.

— ר'איז „פארביי'' — מאָניעק... דאָס טאַנצן וועט'ן ברענגען פון דער וועלט... וואָס ווילסטו, מאָניעק?...

מאָניעק האָט געוואָלט, אַז זיינע שילער זאָלן טאַנצן אָן אים און אַזוי איז געבליבן. מען האָט געמאַכט דאָ די לעקציע. מען האָט אָנגעשטעלט אויפן גראַמאָפאָן די „פּאָלקע'' מיטן „וואַלץ'' און מען האָט שטיל געטאַנצט, מאָניעק האָט געקוקט פונם פּלאַכן בעט, ווו ער איז געלעגן אָן אַ קישן, און זיינע טרוקענע, פאַרברענטע, שוואַרצלעכע ליפּן האָבן געמורמלט:

— „ראַז'', „דוואַ'', „טרזשי''.

— „ראַז'', „דוואַ'', „טרזשי''...

מ'האָט דאָס מאָל שטאַרק געטאַנצט, ווייל איינגיכן האָט געדאַרפט זיין די חתונה ביי „סאַלטשע שפּינאַק''. מען האָט שוין צעשיקט בילעטן, ווען עס „ווירד שטאַטספינדען די האָכצייט'' און אַלע האָבן געוואָלט קענען טאַנצן. דערפאַר איז געווען ענג און מ'האָט זיך געטרעטן אויף די פיס, איין מויד האָט שוין אַפילו געשאָלטן די יונגען מיט די „אָקסענע'' פיס, זי איז געזעסן אין אַ ווינקל אַראָפּגעלאָזן אַ זאָק און מ'האָט איר געלייגט קאַלט וואַסער צום רויטן, געשוואָלענעם פוס.

ווייבער האָבן אַריינגעקוקט מיט בלאָע, שעלטנדיקע מיילער, און אַ פאַרשטויבטער גוי מיט קורצע, אַרומגעצופּטע הויזן האָט אַריינגעשריגן:

— „טאַטעלע... מאַמעלע... מאַזעלטאָפ''...

די יונגען מיט די מיידן האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָ איז שוין די חתונה. מ'האָט זיך געדרייט, געפּאָמפּעט מיט די הענט און אַרויסגעשטעלט גראָבע פיס, דרייענדיק איידל מיט די קעפּ, מיט פאַרריסענע נעז, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט ניסן.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל אין שטוב און די יונגען האָבן זיך צעוואַרעמט, טייל האָבן געדריקט די מיידן צו זיך, און ביי די מיידן זענען אַלע מאָל געפּלאַצט די בענדלעך פון די זאָקן.

מ'האָט נישט באַמערקט, ווי שטיל עס איז געוואָרן אַרום מאָניעקס בעטל. אַ באַזונדערע שטילקייט, אַ טיפע און אַן איינגעשפּאַרטע.

עפּעס האָט איבערגעריסן דעם מאַגן און דאָס שאַרן פון די פּיס. מאַניעקס נאָז האָט זיך אויסגעשפּיצט, אַ בלאָע אויסגעבראָטנקייט האָט זיך צעלייגט אַרום דעם מויל און די אויגן, און אַ רואיקער שמייכל איז פאַרגליווערט געוואָרן אַרום זיין מויל.

פּעסעלע האָט נאָך אַ הויב געטון זיין קאָפּ פון דעם קישן ביז צו איר ברוסט, און דער קאָפּ איז שווער צוריק אַריינגעפאַלן אין דעם קישן. אין איין מינוט איז ליידיק געוואָרן די שטוב.

און פון ערגעץ, פון צווישן די שטרענגע פינסטערע סאָסנעביימער האָט שווער און מאַטערנד געוואָיעט אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט.

*

די זעלבע יונגען, וואָס האָבן געטאַנצט, האָבן מאַניעקן מיט אַ שוואַרץ געדודער, צווישן טאָג און נאַכט, אַרויפגעלאַדעוועט אויף אַ וועגעלע און אוועקגעפירט קיין „קאַרטשעוו".

דאָס וועגעלע האָט געקרעכצט אינם טיפן זאַמד און די לאַנגע, שוואַרצע מאַסע פונם טויטן קערפּער האָט זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט איבער די בערגלעך און גריבער. די יונגען האָבן אונטערגעשטופּט דעם וואָגן, האָבן זיך איבערגעשריגן מיט צעריסענע שטימען פון שרעקיקע נאַכט-פייגל, און פּעסעלע האָט נאָכגעשפּאַנט אינם שווערן שטויביקן זאַמד. עטלעכע ווייבער און אידן האָבן באַגלייט. זיי האָבן פעסטער זי געהאַלטן פאַר די הענט און צוגעשטאַנען צו איר, אַז זי זאָל צוריקגיין.

אַרום האָט שנעל געפינסטערט. די וועלדער זענען געוואָרן פרעמד און שרעקיק, אָבער פּעסעלע האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ ווילדע קראַפט, האָט שטיל אין זיך געקוויטשעט, ווי זי וואָלט זיך געאַמפּערט מיט וועמען:

— כ'זאָל אפילו נישט זען, ווו זיינע ביינער ליגן?... ניין... ניין... ניין!...

די יונגען האָבן אַ שמיץ געטון דאָס פערדל און דאָס וועגעלע האָט אָנגעהויבן זיך דערווייטערן, די ווייבער זענען פאַרשוווּנדן

און פעסעלע האָט גענומען לויפן נאָכן וואָגן מיט צעפּלאָשעטע האָר און מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם טוך איבער די אַקסלען.

די יונגען האָבן געוואָלט, ווי געוויינלעך, „אָנפּייפן", זיי האָבן געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פונם מת, אָבער פעסעלעס שרייען האָט זיי דערשראָקן און זיי האָבן אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע. פעסעלע איז געלעגן אינמיטן וועג, אינם זאַמד, אָן כוחות. דעמאָלט האָבן זי די יונגען אַרויפגעטראָגן אויפן וואָגן און זי אַוועקגעזעצט צווישן זיך. איר קאָפּ האָט זיך ווי אונטערגעשניטן געוואָרפן צווישן זייערע אַקסלען און זיך אוממעכטיק און פאַרלוירן געוויגט.

אַ לאַנגע צייט האָט פעסעלע נישט געגעכטיקט אין שטוב. ווי נאָר ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז זי באַפאַלן אַ פּחד. באַלד נאָך מאָניעקס טויט, נאָך דער „שבעה", האָט זי געוואָלט אַוועק צוריק קיין וואַרשע. נאָר דאָ האָט זי נאָך געהאַט אַרבעט. די ווייבער האָבן זי באַשיט מיט אַרבעט. ס'איז געווען סוף זומער און אויף די יום־טובים האָבן זיך די פרומע ווייבער פאַרזאָרגט מיט שייטלען. זינט דעם מאַנס טויט, האָבן זיך די שכנים מיט פעסעלען נאָכמער פאַרנומען. מ'האָט איר אַריינגעבראַכט אַביסל עסן, כלומרשט, אַז זי זאָל נישט דאַרפן איבעררייסן די אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג איז זי נישט אַריינגעגאַנגען אינם צווייטן צימער, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס פאַרלאָזענע, ליידיקע בעטל נאָכן געשטאָרבענעם. דער גראַמאָפאָן איז געווען צוגעדעקט מיט אַ טישטוך און פון דער טונקעלער שאַנק האָבן אַרויסגעקוקט זיינע קליידער. פעסעלע האָט געווויינט שעהנווייז, אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבעט און די קאַם האָט אָנגעהויבן לויפן איבער די גראָבע, טויטלעכע האָר פון די שייטלען.

די ווייבער זענען אַריינגעקומען מיט פאַרקרומטע פנימער:

— פעסעשי... כ'וויים, ביזט נעבעך צעבראָכן... אַזאַ אומגליק... נאָר וואָס זאָל מען טון?... קעגן דעם אויבערשטנס ווילן קאָן מען נישט גיין... האָב איך דיך געוואָלט בעטן, אַז דו זאָלסט מיר מאַכן דעם שרינט פונקט אין דער מיט... און די לאָקן זאָלן זיין גוט צוגעקאַרבט...

פעסעלע האָט געקאַרבט די לאָקן, האָט געפּלאָכטן צעפּ פּאַר די כלות און האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צייט זיך אַרומצו־קוקן, ווי אַ פייכטער ווינט האָט גענומען אַרומבלאָזן צווישן די ביימער. דער טאָג האָט אָנגעהויבן פרי איינברעכן און אַ קעלט האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב.

די אומעטיקע טעג האָבן זיך אָנגעטראָגן און אין די וועל־דער אַרום האָט זיך צעלייגט אַ טויטלעכע ריינקייט און פרעמד־קייט. די קורצע טעג זענען געווען קלאָרע און שיינע. דער הימל האָט באַקומען אַ האַרטע בלאָקייט, ווי פון גלאָז און צוזאַמען מיט דער ליכטיקייט פון דער זון. האָט זיך אַ טראָג געטון אַ קעלט, ווי מ׳וואָלט אָנגערירט די פּלייצע מיט אייז.

די שכנים און שכנטעס האָבן אַלץ מיט פעסעלען געהאַט וואָס צו רעדן. מ׳האָט אַלץ גערעדט צו איר וועגן איר פאַרמעגן, וועגן אירע דריי שטיבלעך מיטן ביסל מעבל. מ׳האָט זי מקנא געווען...

— פעסעלע... עס גייט דאָך צו ווינטער, דו מוזט דאָך וויסן, ווו דו ביזט אין דער וועלט...

דאָס ביסל אָרעמקייט אַרום האָט זיך געגרייט צום ווינטער. מ׳האָט צונויפגעשלעפּט ביסלעך האָלץ, ביסלעך שפּייז, מ׳איז גע־זעסן ביז אין דער טיפער נאַכט אין דער פינסטער. און איצט האָט שוין פעסעלע געוווּסט, אַז כמעט אין אַלע שטובן דאָ אַרום ליגן קראַנקע, גליען אין דער שטיל אויף בעטלעך. אַז די אַלע צע־פּלאַטעטע, לויפנדיקע ווייבער און אידן, אַלטע און יונגע, וואָס „ראַיען" זיך דאָ, זענען צומייסטנס אויך קראַנקע, פאַרהיילטע, צוגעהיילטע. אַ חוץ דעם איז יעדע צווייטע שטוב געווען פאַרדונ־גען פאַר קראַנקע אָרעמעלייט, וואָס זענען שטאַר געלעגן אין די ווינקלען און קיינער האָט דערפון נישט גערעדט. פאַר פעסעלען האָט זיך ביסלעכווייז געעפנט דער סוד פון דעם שטיקל יונג־באַוווינטן אָרט. זי האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אַ חוץ דעם אַלעמען, וואָס מענטשן טוען דאָ, טוען זיי נאָך עפּעס באַהאַלטנס און שרעקיקס און זי האָט ערשט אָנגעהויבן זען, ווי דער הויכער דאַרער פעלדשער, מיטן האַרטן, סענקעוואַטן שטעקן, גייט אַרום

פון שטוב צו שטוב, ווו צו די שכנים ברענגט מען מאָל־צו־מאָל
געסט, אָנגעפּעלצטע מיידלעך און יונגעלייט, זיי קומען מיט אַביסל
בעטגעוואַנט און מען לייגט זיך אַריין אין די בעטלעך, שטילער־
הייט, זי האָט אָנגעהויבן כאַפּן האַלבע ווערטער פון אַ באַזונדער
לשון וועגן די קרענק, וועגן היץ, וועגן בלוט און זי האָט דער־
זען, אַז דער גורל פון איר מאַן איז דאָ אַן אַלטער, שטענדיקער
גאַסט. זי האָט מורא געקריגן פאַר די ביימער, איר האָט זיך גע־
דאַכט, אַז אין דער קילער לופט מיטן ריח פון זשיוויצע גייט
אַרום נאָך אַ ריח און עס האָט זי אַרומגענומען אַ דריקנדע בענק־
שאַפט נאָך דער שטאָט, נאָך דעם געסל, ווו זי איז געווען אַ מיידל,
נאָכן הויף, נאָך די שפּאַצירן צו די שיינע גאַסן. זי האָט אָבער
דאָ געהאַט אַ היים, צוויי שטובן און אַ טונקעלן אַלקער מיט אַן
אייגן קיכל, דאָ האָט זי געקויפט אַ שאַנק, נאָך אַ נייע שאַנק,
מיט נייע, בלישטשענדיקע, דרשה־געשאַנק־זאַכן. אין שטאָט
האָט זי נאָר געהאַט אַ געליימטע מאַמע אין שפּיטאָל מיט אַ שטיף־
טאַטן, אַ „שאַכער“, וואָס האָט געוווינט ביי יענעם אין „קאָנט“.
און זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז זי איז אַריין דאָ אין דעם
טיפן, שטויביקן זאַמד און זי קאָן נישט אַרויס, זי זינקט אַלץ טי־
פער. די קלאָרקייט און די כשופדיקע ליכטיקייט פון די קורצע
האַרבסט־טעג האָבן זי צוגעצויגן. אַ גרויסע רו האָט זיך אָנגע־
טראָגן פון די שטומע וועלדער און נאָר די נעכט האָבן זיך גע־
לייגט שווער און מרה־שחורהדיק. יעדע נאַכט איז זי אָפּגעלעגן
אין טרערן, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז ווי נאָר דער טאָג וועט
אויפלויכטן, וועט זי אַנטלויפן פונדאַנען. אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג
נאָך אַ טאָג און דאָ האָט צוגעקלאַפּט ערב ראש־השנה. דער טאָג
איז אויסגעפאַלן אַ שיינער מיט אַ לינדער זון. די ווייבער האָבן
זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאַרטשעוו אויפן בית־עולם און פּעסעלע
איז מיטגעפאָרן מיטן פורל. יעדע פון די ווייבער האָט וועמען דאָ
געהאַט, אָדער גלאַט אַזוי זיך געוואָלט אויסוויינען. פּעסעלע איז
געקומען אויפן ווילדן שטיק פעלד, פון וואַנען ס׳האָט זיך גע־
מראָגן אַ יאָמער. זי האָט גיך אָפּגעזוכט דעם קבר. ס׳האָט זיך דאָ
גאָרנישט געענדערט, נאָר דאָס ברעטל, אויף וועלכן ס׳איז געווען

אויפגעשריבן מיט סמאָלע דאָס וואָרט: „משה" איז געלעגן פלאַך, אַרויסגעריסן פונם בערגל זאַמד. „משה"", דאָס איז איר מאַניעק. און דאָ האָט ערשט פּעסעלע דערפילט, אַז זי איז אַ פרוי, אַ ווייב און אַן אַלמנה. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן קאַלטן, ראַציקן בערגל און זיך געדריקט מיטן גאַנצן לייב צו דער ערד און אַ זיסע, וואַרעמע כוואַליע טרערן האָט זיך אַ הויב געטון אין איר. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי דרינגט אַריין דורך דער ערד צו אים. די גאַנצע וועלט איז פאַרשוווּנדן, נאָר דאָ, אויף דעם שטיקל ערד, איז איר אָרט. אַ ווּנדערלעכע זיסקייט האָט געקלאַפּט אין איר. די אַלע פאַרלאָפענע טעג און נעכט, זינט ער איז געשטאָרבן, האָבן זיך ערגעץ אַוועקגעטראָגן, און ערשט איצט האָט זי אים געפונען. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן אין אַ פרומען עקסטאַז און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז שוין אויף יענער וועלט, מיט אים צוזאַמען. זי האָט שוין נישט געיאָמערט, נישט געשריגן, נאָר שטיל עפּעס אַריינגערעדט מיט אַ משוגע פליסטערן, ווי זי וואָלט גערעדט מיט אים אין דער שטילער נאַכט אין בעט...

די ווייבער איז געפעלן איר באַווייַנען. זיי האָבן איר נישט געשטערט. לאַנג געוואַרט אויף איר. דערנאָך שטיל זי פּאַר אַן אַרבל אַ שלעפּ געטון:

— פּעסעלע... געדענקען זי אַן גאָט...

און צווישן זיך:

— מ'שטיינסגעזאָגט... וואָס האָט זי מער?... אַזאַ יונג בלוט... זאָל זי זיך כאָטש „אָנטשעשען"...

ערשט דעמאָלט האָט פּעסעלע אויפגעוואַכט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט איר איבערגעריסן אַ ווּנדערלעכן וועג; זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שוידערנדע קעלט אין דער פּלייצע, זי האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. די ווייבער האָבן זיך אויפגעזעצט אויפן וועגעלע. מ'האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן אַ בורקע, עפּעס אידן האָבן ביי איר גענומען געלט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין אַ טיכל פאַרבונדן. זיי האָבן זיך געשאָקלט און געזאָגט. פּעסעלען האָט זיך אַ מיש געטון אין קאָפּ און אַ רגע האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פאָרט פון איר חתונה...

שוין נאָך האַלבן טאָג איז זי צוריקגעקומען.

זי איז אַריין אין שטוב און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנ־צער צייט איז זי אַ פאַל געטון אויף זיין בעטל. די שטוב און אַלץ אַרום איז איר איצט אייגן געוואָרן. פאַרשידענע שטוב־קליי־ניקייטן זענען פאַר איר איצט אויפגעשווומען. זי האָט זיי דערקענט און זיי האָבן איר דערמאָנט אָן די פאַרגאַנגענע טעג. אויף אַ טשוואָק איז געהאָנגען זיין האַרטער קאַפּעלוש. ער איז געווען ביז צו דער העלפט פון אויבן אַראָפּ פאַרשטויבט און זי האָט ווי אַמאָל אַ קלער געטון, אַז ס׳דאַרף אים אַריינלייגן אין שאַכטל, וואָס שטייט אין דער שאַנק.

זי איז לאַנג אַזוי געלעגן. אַ פרומע שטילקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין איר. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן לעשן. פון איין זייט האָבן זיך אָנגעצונדן מיט רויטן, גליאיקן גאָלד די שפּיצן פון די סאָסנעס און נידעריק, אין דער קילער זייט פון הימל, האָבן די טונקעלע אידישע שטובן אַרויסגעפינטלט געלע פלעמע־לעך פון ליכט.

אַ גרויסע שטילקייט, אַ ראש־השנהדיקע, האָט זיך אויפגע־הויבן. טרויעריק און הייליק האָט אַלץ אַרום אויסגעזען. פעסעלע האָט געקוקט אין ווייטן ליכט דורכן פענסטער. דאָרט איז אין אַ לילער ליכטיקייט געלעגן דער זאַמדיקער וועג, וואָס האָט געפירט צו איר מאַן... צו מאַניעקן...

## פונם קינדער-צימער

מיין זון, פּרץ, איז אַלט פינף יאָר. אין שטוב האָט ער נאָך צוויי חברים-קינדער, אַ אינגעלע פון אַ יאָר ניין און אַ אינגערן פון אַ יאָר דריי. די קינדער שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשידענע מענטשן-כאַראַקטערן.

דער ניין-יעריקער איז אַ „וויסנשאַפטס-מאַן". ער האָט בלאָע, זוכנדיקע אויגן מיט ווייסע, איידעלע הענט פון אַן אינטעליגענט. ער לעזט ביכער און איז אַריינגעטון אין נאַטור-וויסנשאַפט. דאָס קליינע, דריי-יעריקע אינגעלע קוקט מיט גרויסע, אָפענע אויגן און זיין קליין גופל ציט זיך מיטן באַגער צו דערגרייכן די צוויי על-טערע.

נאָר מיין זון, פּרץ, איז אַ מענטש פון ד ע ר וועלט, אַן אַט-לעטיש-געבויטער, קרעפטיקער, מיט צוויי שטראַלנדיקע אויגן, פון וועלכע עס קלאַפט אַרויס אַ הונגער, אַ הונגער צו עסן, צו געניסן, צו אַרבעטן, צו גיין, צו צעשטערן, צו זען און אָנטאַפּן. ער איז אומגעדולדיק און באַנוצט זיך אַממייסטן מיט די הענט. צוויי פּו-לע, קרעפטיקע, ריטמישע הענטלעך העלפן אים אַרויס אין אַלעם. ער איז, זעט אויס, נישט געאָרדנט צו קיין סיסטעמאַטישן קלערן, און אין דעם עלטערן, ניין-יעריקן „פּראָפעסאָר", האָט ער דער-פילט אַ קוואַל פון וויסנשאַפט, וואָס קאָן אים אַלץ קלאָר מאַכן, און עס גייט צווישן זיי אַ שטענדיקער קאַמף צווישן פיזישער קראַפט און קולטור.

עס איז רירנד צוצוקוקן, ווי דאָס קליינע, דריי־יעריקע אינגע־לע בלייבט כסדר הינטערשטעליק, מיט צוויי אַנגעווייטאָגטע אויגן פון באַגערן, און עס בלייבט אים דער איינציקער, אינסטינקטיווער וועג פון וויינען. אָט בויען די צוויי עלטערע עפּעס, און דאָס קליי־נע דערפילט אַ פאַרלאַנג זיך אַריינצוציען אַלס באַרעכטיקטער מיט־בויער אין דער שפּיל און פּרוּווט מיט די לעצטע כוחות צוטראָגן אַ קלעצל. דאָס קלעצל טויג אָבער נישט, און די צוויי עלטערע נע־מען עס אָן פאַר אַ חשק צו שטערן. ער ווערט אָפּגעוואָרפן און בלייבט שטיין אין זיין אָנמעכטיקייט. ער מיינט אָבער צו זיין נוצ־לעך, און מיט אַנגעווייטאָגטע אויגן קעמפט ער פאַר זיין אָנטייל אין לעבן.

*

דער ניין־יעריקער „וויסנשאַפטס־מאַן" ליגט אויף דער סאָפע און קוקט אַריין אין אַ בוך. ער זעט איצט פאַר זיך געוויס די העלדן פון מאַין־ריד, אָדער עפּעס אַן אידיליש־פאַנטאַסטישע זעאונג פון אַנדערסען, און ער איז ווייט פון יענע צוויי קליינע חברים, וואָס געפינען זיך נעבן אים.

מיין זון האָט שוין אַלץ אָפּגעטון: ער האָט שוין צעבראָכן די שפּילצייג, ער האָט שוין איבערגעדרייט אַלע שופלאָדן, און פונם פּידעלע, וואָס מען האָט אים געקויפט צום געבורטס־טאָג און וואָס האָט אים אַזוי לאַנג געלאָקט מיט זיין אינעווייניקסטער מוזיקאַלקייט, האָט ער שוין אַראָפּגעבראָכן דעם צודעק אויך. איצט איז אים אומעטיק און ער הויבט אָן צושטיין צום עלטערן, צום קוואַל פון יעדער וויסנשאַפט. ער שטערט אים צו לעזן:

— אַלעק, וואָס לייענסטו?

— לאָז מיך אָפּ — ענטפערט יענער פאַרטרוימט.

— דערצייל מיר די „באַיקע"!

יענער ענטפערט נישט.

דער קליינער פריץ פילט זיך געטראָפן. ער לייגט אַרויף זיין שוועך, פּוכקע הענטל אויפן בלאַט פונם ביכל. אין זיינע אויגן ליגט אַ באַצווינגערישע איינגעשפּאַרטקייט.

דער קלײנער פארקרימט זיך:

— לאָז מיך לעזן!...

— כ׳וויל נישט... אָדער דערציי̇ל מיר, וואָס דו לייענסט...

ער לייגט נאָך אַרויף די צווייטע האַנט אויפן ביכל.

דעם קלענסטן געפעלט די שפּיל. ער שמייכלט און לאַשטשעט זיך צום שטאַרקערן, צום באַצווינגער.

דער „פּראָפעסאָר״ בלייבט אַנמעכטיק. ער איז נישט קיין שטאַרקער. נאָך מער קאָן ער זיך מיט קיין קראַפט נישט באַנוצן. עס פאַרדריסט אים, וואָס דער קלענסטער האַלט אונטער דעם באַצווינגער, און ער רעדט צו זיין געוויסן:

— דו ביזט אויך אַזעלכער... דו, נאַר...

דער קלײנער פאַרשטייט אָבער נישט די טראַגעדיע, אים געפעלן נאָר פּרצלס שטאַרקע הענטלעך אויפן ביכל.

ענדלעך הויבט אָן דער „פּראָפעסאָר״ צו פירן אונטערהאַנדלונגען:

— פאַרוואָס לאָזטו מיך נישט לייענען?...

— ווייל כ׳וויל נישט...

— פאַרוואָס?

— כ׳וויל וויסן, וואָס דאָרט שטייט...

— לייען דיר אַליין.

פּרץ וויל נישט זאָגן, אַז ער קען נישט לייענען, ער לאָזט נאָר אַראָפּ דעם קאָפּ און מאַכט שווערער די הענט אויפן בוך.

— אָבער דאָס איז נישט פאַר דיר... דו וועסט נישט פאַרשטיין, דאָס איז נישט קיין „באַיקע״... —

— נאָר וואָס דען?

— דאָס איז א געשיכטע פון אַפריקע... פון די רויטע מענטשן, וווּ ס׳איז אַהינגעקומען אַ ווייסער מענטש...

דער קלײנער פּרץ רייסט אויף מיט ערנסט די אויגן, ער הערט מיט אַלע אברים, אָבער ער האָט אויף אים אַ חשד, אַז דאָס איז נישט פונם ביכל, אַז דאָס רעדט ער נאָר אַזוי, כדי ער זאָל אים לאָזן צורו, און ער נעמט פונדעסטוועגן נישט צו די האַנט פונם ביכל.

אַלעק וויל שוין פּטור ווערן:

— נו, וועסט שוין האָבן גענוג... לאָז אָפּ...

ניין, ער האָט נישט גענוג:

— דערצייל נאָך...

— טאַ לאָז מיך לייענען, וועל איך דיר שפּעטער דערציילן...

אַלעק וויל נאָר צופּאַלן מיט זיינע בלאָע אויגן צו די געדרוקטע שורות, און עס גייט אים אין לעבן גיכער צו וויסן, וואָס עס האָט געענטפערט דער הויפּטמאַן פון די ווילדע אינדיאַנער דעם ווייסן קאַפּיטאַן.

אָבער די צוויי באַצווינגערישע שטאַרקע הענטלעך פון דעם קליינעם זון מיינעם ווילן נישט אָפּטרעטן. ער וויל אויספּרעסן מיטן כוח פון זיינע הענט יענעמס וויסן.

און דער קליינער לעזער גיט זיך איינגאַנצן אונטער. ער מאַכט אָפּ מיט דעם באַצווינגער, אַז ער וועט אים לייענען פונם בוך, און ער לייענט וועגן דעם, ווי עס האָט זיך באַוויזן אַ וואַלפיש. דער קליינער ווייס נישט, וואָס עס איז אַ וואַלפיש, און עס הויבן זיך אָן נייע פראַגן און אויסטייטשונגען.

און די גאַנצע צייט וואַכט איבער דעם ליכטיקן קאָפּ פונם „ווייסער" דאָס שטאַרקע, באַצווינגערישע הענטל פון דעם קליינעם פּרינץ. ער האָט נאָר איין כוח — דעם כוח פון דער פויסט.

און ווען ער האָט זיך שוין אָנגעזעטיקט מיט דער מעשה פון די אינדיאַנער און די בילדער מאַכן מיד זיין קאָפּ, זוכט ער עפּעס אַ נייע עמפּינדונג און מיט צוויי גרויסע, ליכטיקע אויגן זאָגט ער צו זיך אַליין:

— מ'דאַרף זיך אויסלערנען לעזן...

און ער נעמט זיך צו די קלעצלעך בויען אַ הויז.

# דער טאַטע

נאָר אין אָוונט האָט די שטוב אָנגעהויבן צו לעבן.

א גאַנצן טאָג זענען מענטשן פאַרבייגעגאַנגען און אַריינגע־קוקט דורך די נידעריקע, צעבראָכענע פענסטער אין די צוויי טונ־קעלע שטיבלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי א ליידיקע, פאַרלאָזענע שאָפּע. א הינקענדיקער טיש, צוגעדעקט מיט א שמאַטע, א פּאָר צעבראָכענע, אייזערנע בעטלעך. און נאָר אין אָוונט, ווען עס האָט אָנגעהויבן רויכערן דאָס קליינע, פאַרקאָפּטשעטע נאַפּט־לעמפּל האָט מען מיטאַמאָל דערזען, אַז דאָרט פינטלען אַרום מענטשן.

די מענטשן זענען געווען קוים באַשמירט מיט א רויטלעכן פלאַם פונם לעמפּל, און גאַנצע סטאָיעס רויכערנדיקע שאָטנס אויף די ווענט האָבן ווי נאָכגעשפּעט די באַוועגונגען פון די מענטשן.

דאָ זענען געווען צוויי זין און דריי טעכטער, די מאַמע און דער טאַטע, וועלכע מ'האָט גערופן אין גאַס: „נחל קילקע'', צו־ליב דעם, וואָס ער איז געווען קליין און דין, ווי א קינד, מיט א קליין שמאָל קעפּעלע.

דאָס ווייב איז געווען א גרויסע אידענע מיט א בלאַ פּנים, מיט א געפּלאַצטער באַס־שטימע, האָט געהאַנדלט אין מאַרק. די מיידלעך האָבן געאַרבעט אין פאַבריקן און פון די זין איז איינער געוואָרן א „מענטש'', ער איז געווען א „מאַרקער'' אין א שענק און דער צווייטער — א גנב...

די מיידן האָבן לאַנג געקלאָגט אויף דעם אינגערן ברודער פיניע, וואָס איז געוואָרן אַ גנב. זיי האָבן זיך פאַרדעקט מיט גרויסע טיכער און אים געטראָגן „וואָלוואקעס" אין פּאַוויאַק אַריין, און אַלע דריי חתנים פון די מיידלעך האָבן זיך געשעמט. זיי זע־נען געווען אַרבעטער און האָבן בײַנאַכט, יעדער זיצנדיק נעבן זיין כלה, אין אַ ווינקל גערזונגען סאָציאַליסטישע לידער.

די מאַמע האָט זיך געלייגט באַלד, ווי זי איז נאָר אַהיימ־געקומען פון מאַרק. זי האָט געקרעכצט, געגנעצט, און די מיידלעך האָבן איר דערלאַנגט דאָס „ביסל עסן" אין בעט אַריין. איר גרוי־סער, צעפּאַטלטער קאָפּ מיטן הארטן „שייטל" פון האָלץ־קאָליר איז געלעגן אויף דעם טונקעלן, שוואַרצלעכן קישן. דעם קאָפּ האָט זי אָנגעשפּאַרט אָן ראַנד פונם אייזערנעם בעטל און אַרויסעסנדיק מיטן צינערנעם לעפל, האָט זי גערעדט מיט איר געשפּאָלטן, יללה־דיק קול:

— אַז מ׳האָט זיך נישט אויף וועמען צו פאַרלאָזן... אַזעל־כע דריי אויסגעשריגענע מיידנטשיסקעס האָבן נאָר אין זינען די יונגען און מען ליגט נאָר אויף די בעטן...

די חתנים זענען געזעסן אָנגעכמורעט מיט די שפּיציקע דאַשקעס, אַריינגעלאָזן די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס און געוואַרט, אַז די מאַמע זאָל שוין אָנטשלאָפן ווערן. איר געשפּאָלטן יום־כפּורדיק קול, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גאַס און קללות האָט זיך אַרומגעשלײַדערט איבער דער טונקעלער קעלער־שטוב און אָנגעוואָרפן אַ שרעקיקייט פון אומגליק. פון פאַרנאַכט אָן, ווען די מאַמע האָט אַריינגעשטעלט אירע געשוואָלענע, אַרומגע־באַבלטע פיס, מיט די צווײ לײדיקע קוישן, אָנגעפּילט מיט נאַס, ברודיק, קאַלט שטרוי און זי האָט געגעבן דעם ערשטן קרעכץ, האָט זיך די שטוב אָנגעפּילט מיט אומרו. באַלד האָט זיך באַוויזן דעם אינגערן זונס כלה, קאַראָלע, אַ גרויסע, רויטע מויד מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, פייכטע אויסגעקאַרבטע „ניאָפּן", וואָס זענען געלעגן אויף איר גרויסן, רויטן שטערן, אַזוי ווי אויסגעשניטענע רעדלעך. אירע רויטע, אָנגעשמירטע ליפּן האָבן זיך געהויבן, ווען זי האָט מיט אירע ווייסע, לײדיקע ציין געקנאַקט „באַניע־קערן".

זי איז געקומען רעדן וועגן איר חתן, וואָס איז געזעסן אין „פּאַוויאַק". די טעכטער האָבן נישט גערעדט מיט איר, אָבער קאַראָלע האָט זיך נישט געמאַכט דערפֿון. זי האָט גערופֿן די מאַמע „שוויגער" און גערעדט מיט אירע בריִיטע ווערטער פֿון „גנבֿיש־לשון":

— פּיניע האָט מיר אַרויסגעשיקט אַ „גריסקע" מיט אַ „מאַרעוויכער", וואָס איז געגאַנגען לויז...

די טעכטער האָבן אַלע דריי געמאַכט אַ געוואַלט:

— מאַמע!... זאָל זי אַרויסגיין פֿון דאַנען מיט דעם לשון!... טראָג דיך אָפּ פֿון דאַנען מיט די גנבֿישע ווערטער... דאָ וווינען אַרבעטאָרערס...

קאַראָלע האָט געקוקט אויף זיי מיט אירע גרויסע, שפּיגלדיקע אויגן און האָט מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ ריטש:

— עס פּאַסט ענק נישט... זעט נאָר די יאָלדישע „וויִשטשאָקן"... אַ רוח אין ענקער...

אַרום פֿענסטער האָט זיך אַרומגעשטעלט דאָס הייפֿל. די אַרבעטער האָבן געהאַלטן פֿאַר די מיידן, און די גנבֿים און פּאַסערס האָבן זיך איבערגעוווּנקען מיט ווערטלעך וועגן די „יאָלדן". אַ קליינער גנבֿ, וועלכער האָט זיך צוגעהערט, וואָס מען רעדט וועגן פּיניען, וואָס זיצט אין „פּאַוויאַק", האָט אויסגעהאַקט אַ שויב...

דעמאָלט זענען די חתנים, די אַרבעטער, געגאַנגען שלאָגן זיך מיט די גנבֿים. די כּלות האָבן מורא געהאַט פֿאַר מעסערס און די צוויי שטיבלעך האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט קוויטשיקע געשרייען.

*

ווען נאָר אין שפּעטן אָוונט איז פֿונם האַלץ־סקלאַד, ווו ער האָט געשטופּט אַ האַנט־וועגעלע, געקומען דער טאַטע, דאָס קלייניע, קינדערשע אידל, אַרומגעבונדן מיט אַ ברייטן שטריק און אויף די פֿיס אַ פּאָר גרויסע, צעריסענע שטיוול, וואָס האָבן ביי יעדן טריט אויפֿגעהויבן אַ הילכיקע, לײַדיקע פּאַטשעריי, האָט געעפֿנט די טיר און שטיל אַ פֿרעג געטון:

— זי שלאָפט שוין?

דעמאָלט האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין. זיין קליין, פאַרבלאָזן בערדל האָט זיך פאַררויסן און אַ שמייכל האָט אָנגעפילט זיינע קינדערשע אויגן:

— אַ גוטנ׳אָוונט, קינדערלעך — און ער האָט יעדן פון זיי דערלאַנגט זיין קליין, ראַציק הענטל.

די טעכטער האָבן אים איילִיק דערלאַנגט עסן און די חתנים האָבן צוגעאײַלט די כלות:

— ריקל... דערלאַנג דעם טאַטן דאָס ביסל עסן...

— קיילע... גיב דעם טאַטן ס׳מעסער...

און דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן די גרויסע צעוואַקסענע מיידן. ער האָט פאַמעלעך געשלונגען דאָס ביסל גריץ מיט ברויט. זיין שמאָלער גאָרגל האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און אַרומנעמענדיק די אַלע מיט אַ ליבן שמייכל, האָט ער געקרעכצט:

— איי, ס׳איז גוט... אַ לעבן אויף ענק...

ער האָט שטיפעריש פאַרטשעפּעט די טאָכטער ריקל, די אינגסטע, און די צווייטע האָט ער אַ קניפּ געטון ביי דער גאָמבע. און צו די חתנים האָט ער פריילעך אַ ווונק געטון:

— אַ, יאָסל... האָסט געפּאַקט ביי מיר אַ וואַזשנע מויד... אַ?...

יאָסל האָט אַרויסגעשטעלט צוויי ציין, וואָס זענען אים געבליבן פונם „פּריזיוו״ און אַ וואָרעמער גלאַנץ איז אים דורכגעלאָפן דורך די אויגן.

— לאָז שוין דער טאַטע אויפהערן... — האָבן די מיידן געבעטן:

— דער טאַטע האָט נאָר ליב צו רעדן „גלופּסטוועס״...

דעמאָלט האָט זיך „נחל קילקע״ אַוועקגעשטעלט צווישן די מיידן, מיט איין אויג האָט ער געקוקט, ער זאָל נישט אויפוועקן „ס׳אומגליק״ און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן פריילעך. ער האָט דערציילט מעשיות פון דער גאַס. ער האָט זיך צעוואָרעמט. ער האָט אַרומגעכאַפּט די חתנים, די טעכטער. זיינע קינדערשע אויגן

האָבן געגלאַנצט פון באַהאַרצטקייט. און מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ פון עקסטאַז האָט ער אויפגעהויבן די הענט און געפּרעדיקט:

— אַי, קינדערלעך... ס'וועט נאָך זיין גוט... נאָר נישט גע־זאָרגט. מ'עט נאָך לעבן אַ טאָג... עס גייען גוטע צייטן... ס'וועלן זיין חתונות... שמחות... דערנאָך בריתן... מ'עט מאַכן דעם אמתן „לחיים".

די יונגען האָבן אָנגעהויבן הירזשען, מען האָט זיך גע־פּאַטשט איינער דעם אַנדערן איבער די קני און די טעכטער האָבן זיך געוויקלט, ווי די שלאַנגען. דער אַלטער האָט געכאַפּט אַ טענצל... זיינע שמאָלע קינדערשע אַקסלען האָבן זיך געהויבן:

— איי, קינדערלעך, איז גוט...

און נאָר אַ ווילדער שנאָרך פון דעם ווייב האָט איבערגע־ריסן זיין פרייד. און מיט אַ דערשראָקענעם פינגער ביי דער נאָז, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל...

## דער ראמאנען-„העלד"

יעדעס מאָל, ווען דער מאַן דערוויסט זיך, אַז דאָס ווייב האָט שוין ווידער אַ געליבטן, שפּילן זיך אָפּ די זעלבע סצענעס: ער הויבט אָן אַרומצוגיין מיט אַן אַראָפּגערוקטן הוט, הויבט אָן צו רעדן וועגן דעם, אַז דאָס האָט נישט קיין ציל... פון געשעפט גייט ער נישט אַהיים. שאַפט זיך „גוטע ברידער" און גייט אין רעסטאָ־ראַציעס טרינקען ביר און דערציילט יעדן באַזונדער זיינע איבער־לעבונגען.

זיינע חברים, סוחרים און הענדלער פון דער בראַנזשע, גיבן אים עצות:

— נעם זיך, ברודער, צום לעבן... זיי נישט קיין יאָלד... זאָג דיך נישט אָפּ פונם לעבן...

פון דעם אַלעם ווערט אים וואַרעם אַרום האַרץ. ער דערפילט, אַז מיט אים טוט זיך עפּעס. ער איז אַ העלד פון אַ גרויסער גע־שעעניש.

אין דער היים שווייגט ער, קוקט אַריין אין אַ ביכל. די דינסט ווייסט, וואָס עס קומט פאָר און רעדט צו אים מיט אַ באַזונדער געטריישאַפט:

— דער הער וואָלט זיך בעסער געלייגט שלאָפן און נישט געקלערט אַזויפיל, וואָלט דער הער בעסער אויסגעזען...

דער „הער" קוקט זי אָן, כלומרשט מיט פאַרוואונדערונג, וועגן וואָס זי רעדט און ער זאָגט:

— גיי, נאַרעלע... אַזוי איז דאָס לעבן...

— זאָל דער הער נישט זאָגן... נישט אומעטום איז אַזוי...

די דינסט פּלאַמט: זי וואָלט שוין געוואָלט דערציילן אַלץ, וואָס זי ווייסט, וועגן דעם, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון, ווען דער „הער" איז נישט געווען הי, ווי אַזוי יענער איז אַהיימגעקומען מיט דער מאַדאַם אין דער שפּעטער נאַכט, ווי זי האָט אַליין אים געזען אַוועקגיין פּאַרטאָג, און וואָס איז ער אַזוינס יענער?... אַ יונג מיט אַ פּאָר פּלייצעס... עפּעס אַ „שמיעטשאַזש"...

נאָר דער „הער" טוט אַ טרויעריקן שמייכל און רעדט נישט מער.

אַזוי גייען די טעג. דער מאַן גייט אַרום מיט אַ וואָרעמקייט אין האַרץ. און דאָס ווייב באַקומט אויך צו אים אַ באַציאונג, פון וועלכער ס'איז אים גוט. זי רעדט צו אים ווייך, ווי צו אַ קראַנקן, און ווייזט אים אַרויס אַ באַזונדערע אַכטונג.

יעדעס מאָל, ווען ער זעט זי, זוכט ער צו ווערטער פול מיט איראָניע. ער דערמאָנט זיך פון ביכער, פון טעאַטער, רייד פון אַ פּאַרראַטעטענעם מאַן און ער זאָגט אויס פון זיי אַ באַזונדערע זיס־קייט.

אייגנטלעך, האָט ער שוין לאַנג פּאַרטיק דעם סקאַנדאַל. נישט רעכענענדיק די עטלעכע מאָל, וואָס ער האָט זיי געטראָפן אין שטוב אין אַ שטילער שעה, אין אינטימען פּאַרברענגען און אין שטאָט, אין פּאַרשידענע שטילע גאַסן. ער האָט לאַנג צוגע־גרייט אַלץ, וואָס ער וועט דאַרפן שרייען מיט אַ שוים אויף די ליפּן. נאָר עס ווילט זיך אים נאָך אַרומגיין מיט דער טראַגישער אומגעבראָכנקייט. ער האָט ליב אָט־די צייט, ווען ער שטייט אין שאָטן און אַרום אים טוט זיך עפּעס באַהאַלטנס. ער קוקט אויף זיך אַליין, ווי אויף אַ שפּאַנענדן ראָמאַן און טיילמאָל, ווען דאָס ווייב קומט אַהיים אין דער שפּעטער נאַכט און זאָגט אַ סך ליגנט וועגן דעם, ווו זי איז געווען, קוקט ער זי אָן מיט אַ דורכדרינג־לעכן בליק און קוויקט זיך, ווען זי פּאַרמאַכט די אויגן:

— צו וואָס דאַרף איך דען וויסן, ווו דו ביזט געווען?...

און ער מאַכט אַן אויסדרוק פון פּאַרטראַגנקייט. אין האַרץ

קאַכט בײַ אים אַ ווילדע הנאה, און ער זאָגט איר רואיק: „אַ גוטע נאַכט” און לייגט זיך שלאָפן אין דער מיטל־שטוב.

דערבײַ קלערט ער וועגן זיך: „דער מאַן האָט געזאָגט „אַ גו־טע נאַכט” און זיך געלייגט שלאָפן”.

ער האָט עס ערגעץ געלייענט אין אַ בוך, עס געפעלט אים. ער וואָלט נאָך געוואָלט וויסן, צי דאָס ווייב ליגט דאָרט אין בעט און מאַטערט זיך. אָדער אפשר וויינט זי איצט? ווייל ער איז איר אַ שאָד... ער איז בײַ איר טײַער... אָט־אָט קומט זי אַרײַן אין די נאַכט־קליידער און וואַרפט זיך פאַר זײַנע קני מיט אַ דראַמאַטיש געוויין:

— איך קאָן נישט מער... איך מוז דיר אַלץ זאָגן...

ער הערט זיך אײַן אין דער טונקלקייט... עס דאַכט אים, אַז פון דער שלאָף־שטוב הערט זיך עפּעס. דאַכט זיך, אַז זי גייט...

דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ אים פון אַנטציקונג און דערוואַרטונג. אָבער ניין. עס איז שטיל, און מיט שטילע שריט הויבט ער זיך אויף און שפּאַנט צום שלאָף־צימער. ער עפנט שטיל די טיר, און דערהערט... ווי דאָס ווײַב כראָפּעט.

ער דערמאָנט זיך, אַז ווען זי האָט געהאַט „יענעם”, איז אויך אַלץ געווען, אַזוי ווי איצט. זי איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע נעכט, דערנאָך האָט ער זיי געכאַפּט אין אַ פּענסיאָנאַט הינטער דער שטאָט, וווּ זי איז מיט אים אוועקגעפאָרן אויף אַ גאַנצער וואָך. און דאָך האָט זי זיך מודה געווען, זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ משוגענעם.

צענדליקער פאַקטן פון פאַרראַט און ליגן שווימען איצט אַרום פאַר אים, ער קאָן נישט שלאָפן, ווייל אים וואָלט זיך גע־וואָלט עפּעס הערן וועגן דער גאַנצער משונהדיקער זאַך... עמעצער זאָל עפּעס זאָגן. און ער ווערט אַנטשלאָפן מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגן וועט ער וועמען פון זײַנע נאָענטע האָבן צו דערציילן פון דער מאַטערנדער נאַכט, ער פילט, אַז ער האָט עפּעס אויפגעטון און ער איז צופרידן.

דערנאָך, ענדלעך, אין אַ טאָג אָדער אין אַ נאַכט קומט דאָס גרויסע פאַרגעניגן: דער סקאַנדאַל. ער וואַרט זי אָפּ, ווען זי קומט

אהיים. און ער באַגעגנט זי מיט שוין פון פריער צוגעגרייטן אָנפאַל.

ער הויבט אויף די הענט און וואַרפט איר אין פּנים אַריין אַלץ, וואָס ער ווייסט, אַלע צוזאַמענגענומענע פאַקטן. ער רופט זי אָן „גאַסן־מויד", „שלאַנג"; ער האָרכט זיך צו צו זיין שטים, וואָס קלינגט איצט אַזוי הויך און פיין. ער כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ, און זוכט אַלץ ווערטער, וואָס זאָלן פאַלן אויף איר און זי צעשמעטערן.

דאָס ווייב אָבער קוקט אויף אים אַרויסרופנד, מיט פרעמדע, באַרוווּגדערטע אויגן און וואַרפט אים צוריק קאַלטע, פּראָסטע ווערטער. ער פילט, אַז עס פעלט דער שיינער בנין, וואָס ער האָט אויפגעבויט, ער וואָלט איר איצט אַלץ מוחל געווען, אַבי זי זאָל אים איצט ענטפערן עפּעס קלינגענדיקס, עפּעס דראַמאַטישס, עפּעס ווערטער פון אַ שפּאַנענדן ראָמאַן. ער ווערט אויסגעלאָשן, עס טוט אים באַנג. ער וואָלט שוין געוואָלט, אַז ווייטער זאָלן זיך ציען אָט־די גוטע טעג, ווען דאָס ווייב האָט אַ געליבטן און ער איז אַ העלד, אַ העלד פון אַ ראָמאַן, אַ מאַן, אַ פאַרראַטענער, און אַ סודותדיק־שווייגנדיקער, וואָס „לעבט איבער" און האָט וואָס צו דערציילן...

# רוזשקע

די מאַשינען קלאַפּן פריילעך אין די ווינקלען פון דעם גרויסן בּירקאַנטיקן צימער. די צוויי קליינע צימערלעך אַן דער זייט זע־נען פאַרוואַרפן מיט „אַרבעט”: מיט גראַבּע, שטייפע הויזן פאַר פויערן און אַרעמלייט, גראַבּע, בּלאָע פאַרטוכער און אַרבּעטס־בּלוזעס. פונם טונקעלן פאַדערהויז האָט מען געמאַכט אַ קיך, ווו זעליקס ווייב, גאָלדע, קאָכט אַ גאַנצן טאָג. זי קאָכט אַ סך און פריילעך, די קיך קנאַקט און זידט, און די ריחות פון די עסנס גייען אַרום איבּערן גאַנצן הויז.

זי קאָכט פאַר די מיידן, וואָס אַרבּעטן ביי די מאַשינען, פאַר די געזעלן אויפן הויף, וואָס אַרבּעטן אין די קליינע פאַבּריקלעך, בּיים מעכאַניק און בּיים מענער־שניידער און פאַר די געזעלן פון דער איינבּינדעריי.

אַ חוץ דעם קומען נאָך עטלעכע אַלטע פריינט פון דער שטוב, אַרבּעטלאָזע חברים פון די זין און טעכטער.

די עלטסטע טאָכטער, עטל די אַלמנה, וואָס איז געקומען פון פּאַריז מיט איר מיידל רוזשקע, האָט פאַרנומען דאָס לעצטע טונ־קעלע אַלקערל. דאָס מיידל איז אַלט פערצן יאָר און האָט געענ־דיקט אַ פאָלקס־שולע. גייט אַרום מיט אינגלעך און קומט אַהיים שפּעט... אירע אויגן בּרענען מיט שווייגנדיקער גלויביקייט, יעדער אויסגעריבּן ווינקל פון דער שטוב איז פריי און הפקר פאַר פרעמדע מענטשן, און אין דעם אויסגעריבּענעם פינסטערן פאַדערהויז, ווו

עס שטייט די קיך, האָבן שוין די יונגען פון עטלעכע יאָר צוריק אין איר אויפגעוועקט אַ שרעקיקע נייגעריקייט. זיי האָבן זי גע־כאַפּט אין די פינסטערע ווינקלען און שטום, אָן ווערטער, גע־דריקט צו זיך און געזוכט מיט בלאָנדזשענדיקע הענט אירע קוים אַרויסגעשטאַרצטע בּרוסטן.

רוזשקע האָט דערפילט אין זיך אַ נייעם, וואַרעמען שטראָם, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אין איר, פון דער קורצער צייט, וואָס זי האָט מיט דער מוטער געוווינט אין פּאַריז, איז איר גע־בליבן עפּעס אַ קונץ, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט דאָרט. די קונץ איז באַשטאַנען אין איר גאַנג, ביי וועלכן זי האָט געדרייט מיט די זייטן און אַרויסגעשטעלט די ברוסט. זי האָט געוואָלט וואָס גיכער אויפוואַקסן, כדי זי זאָל קאָנען פאַרשטיין די סודות־דיקע וווּנקען און האַלבע רייד פון די מיידן, וואָס אַרבעטן ביי דער מאַשין. זינט זי האָט געענדיקט די פאָלקס־שול, האָט זי זיך גענו־מען צום נייען.

זעליק, כאָטש ער איז שוין געווען אַ זיידע, איז נאָך געווען יונג. זיינע אַכט און פופציק יאָר האָבן אים נישט מיד געמאַכט, ער האָט זיך אויסגעמישט מיט די יונגע מענטשן, וואָס האָבן כסדר זיך געדרייט אַרום אים, און די אַלטע גאָלדע האָט מיט איר פאָלקס־טימלעכער פריילעכקייט געעפנט די טיר פאַר דעם גאַנצן ענג־באַ־וווינטן אידישן הויף.

דער אַלטער זעליק האָט נאָך מיט פינף און דרייסיק יאָר צו־ריק געהערט צו עפּעס אַ פּאַרטיי, צוליב וואָס ער איז געווען פאַר־שיקט אין אַ ווייטער געגנט אין סיביר, דאָרט האָט ער זיך אויס־געלערנט אַ סך רוסישע ווערטער, וועלכע זענען ביי אים מיט דער צייט פאַרגרייזט געוואָרן, אָבער זיין רעוואָלוציאָנערן שטאָלץ האָט ער געהיטן און ביי אים אין שטוב האָט מען שטענדיק גערעדט וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַלטע פריינט און חברים זעליקס, אויסגעאַרבעטע אידן, פלעגן זיך אַריינלאָזן פון צייט צו צייט מיט אים אין געשפּרעכן און האָבן בשעת־מעשה אָפּגעלאַכט פון די יונגע, וואָס האָבן גע־פירט הייסע דיסקוסיעס. אין די שבתדיקע אָוונטן, ווען מען האָט

נישט געארבעט, האָבן זיך אין די ווינקעלעך אויסגעזעצט פּאָר־לעך. מען האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, נאָר אַזוי אין דער טונקלקייט האָט מען געזונגען לידער.

די פּאָרלעך זענען געווען אַלץ היימישע מיידלעך. אַרבעטאָ־רינס און אַרבעטער.

רוזשקע האָט אין אַזעלכע שעהן נישט געפונען פאַר זיך קיין אָרט. זי איז אַרויס פון שטוב. אוועק צו די חברטעס אָדער זיך אוועקגעלייגט אויף דעם שווערן, אַלטן בעט אינעם לעצטן צימער און שווער אַנטשלאָפן געוואָרן. דאָס האַרץ האָט ביי איר געקלאַפּט און דאָס בלוט האָט געקאָכט. זי האָט געפילט, ווי אין דער פינ־סטער האָבן די יונגען מיט די מיידן געזונגען מיט אַ געדעמפטן אָטעם, און דאָס האָט ווי דינע, הייסע דראָטן אָנגערירט איר הויט. נאָר איינמאָל, אין פרייטאָג־אָוונט, ווען רוזשקע איז אַהיימגעקו־מען, האָט זי זיך גלייך אַריינגעלאָזן אינעם לעצטן צימער, ווו זי האָט געוווינט מיט דער מאַמען. זי האָט געמיינט, אַז קיינער איז נישטאָ, עס איז געווען פינסטער. זי האָט אָבער דערפילט אַ לע־בעדיקן אָטעם, און אין איין מינוט האָט זי דערזען איבער דער מאַמעס בעט צוויי מענערישע אַקסלען. זי האָט דערקענט דעם שניידער־געזעלן, וואָלף, וואָס פלעגט אָפט אַריינקומען. רוזשקע האָט נישט געוווּסט, וווּהין זיך צו וואַרפן. זי האָט זיך אַראָפּגע־לאָזן אין דער פינסטער אויף אַ בענקל און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט. זי האָט געהערט, ווי דער יונג איז אַנטלאָפן. ער איז אַריין אינעם גרויסן צימער און לאַנג געשטאַנען ביי דעם פאַר־הויכטן, טונקעלן פענסטער און שווער געאָטעמט. די מאַמע האָט אַ קרעכץ געטון און מיט אַ פּלוצלינגער רעשיקייט גערופן:

— רוזשקע... דאכט זיך, אַז דו ביזט עס?...

רוזשקע האָט נישט געענטפערט.

די מוטער איז האַסטיק אַראָפּ פונם בעט. רוזשקע האָט אין דער פינסטער געזען, ווי זי האָט זיך אויסגעגלייכט די קליידער. דאָס האָט לאַנג געדויערט. דערנאָך האָט זי אָנגעצונדן ליכט:

— וואָס ביזטו אַזוי צערודערט?... רוזשקע, וואָס ענטפער־סטו נישט?...

רוזשקע האט ווידער נישט געענטפערט. זי האט נישט גע־קאנט פון זיך ארויסבאקומען קיין שטים. דערנאך האט זי א קוק געטון אויף דער מוטער. אבער די מוטער האט באהאלטן איר בליק און פלוצלינג א זאג געטון:

— דער... וואלף איז דא געזעסן, האט זיך אוועקגעזעצט און געדרעדט... דערציילט פון דער מלחמה... פארגעסן אנצוצינדן א ליכט...

רוזשקע האט זיך אויפגעהויבן. זי האט אויסגעצויגן די הענט אין דער הויך, און מיטאמאל ארויסגעלאפן פון שטוב.

זי איז דורכגעלאפן די גרויסע שטוב, וווּ ס'האט געברענט א קליין לעמפל. זי האט דערהערט דאס כראפען פון זעליקן און געכאפט דאס דעמפיקע אטעמען פון די יונגען מיט די מיידן, וואס האבן פארשטיקט און איבערטריבן געלאכט, זי איז ארויס אין פינסטערן פארדערהויז און זיך אנגעשפארט אן דער טיר. דארט זענען געלעגן אנגעווארפן פעק מיט רויע זעק און אלט בעטגע־וואנט. עס איז איר געווען משונהדיק, איר האט זיך געדאכט, אז זי איז איינע אויף דער וועלט. די ברייטע ארעמס פון דעם געזעלן־יונג, וואס איז געלעגן איבער דער מאמעס בעט, האבן איר פאר־שטעלט די וועלט, און דער מאמעס קרעכץ האט זי משונהדיק גע־רייצט. איר האט זיך געדאכט, אז די מאמע איז פאר איר גע־שטארבן. זי האט האסטיק געעפנט די טיר, און איז ארויס אויף די טרעפ. א פייכטע קעלט האט זי מיטאמאל ארומגענומען. זי איז שטיין געבליבן ביי די קוים־באלויכטענע, בלאטיקע טרעפ און דא האט זי זיך דערמאנט אן דעם מעכאניקס זון, דעם יונג מיט דער שווארצער טשופרינע פון הינטערן היטל, פאר וועלכן זי האט שטענדיק אזוי מורא געהאט. איצט האט זי זיך פלוצלינג דערמאנט אן אים און ס'האט זיך איר געדאכט, אז באלד וועט ער עפענען די טיר אינעם פינסטערן הייזל, און ארויס נאך איר.

און איר האט זיך פארוואלט, אז ער זאל קומען.

זי האט נאך נישט געוווּסט, וואס זי וועט טון, ווען זי וועט אים דערזען, אבער זי האט דערפילט, אז זי דארף איצט עפעס אפטון א להכעיס וועמען. און זי האט ווידער דערזען דער מאמעס

בעט, אַט דאָס בעט, ווו דער טאַטע איז געלעגן, און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל, ווען זי איז מיט דער פאָלקס־שולע אוועק־געפאָרן אויף אַן אויספלוג, איז ביי דער מאַמען געזעסן אַ יונגער־מאַן. ער האָט געהייסן יאָסל, און האָט איר געבראַנגט טיילמאָל ז׳סקייטן. ער פלעגט אַריינקומען און לאַנג זיצן און רעדן מיט דער מאַמען, ער איז געזעסן שפּעט נאָך דעם, ווי זי, רוזשקע, פלעגט שוין שלאָפן.

און אַ הייסע כוואַליע בלוט האָט אַ שלאָג געטון צו איר ברוסט.

די שטוב איז פאַרוואָרפן מיט שטוביקע שטיקער געוואַנט. זיי ליגן טויב און יוייך אין גרויסע, אַנגעשוואָלענע, שווערע ראָלן. דער אַלטער זעליק וויקלט דעם קריכנדיקן שטאָף און שניידט מיט אַ גרויסער, קוויטשעדיקער שער. נייע מיידן אַרבעטן איצט, די אַל־טע גאָלדע קאָכט. עס קומט אָן דער ווינטער און די נאַסע פּאַרע פון דער טיר אינם פינסטערן פּאָדער־הייזל, רוט נישט. עס אַרבעטן נייע געזעלן, און עטל די אַלמנה אַרבעט איצט אויך.

דאָס גרויסע צימער איז נאָר באַלויכטן, די צוויי קליינע — דאָרט, ווו ס׳ליגט די פּאַרטיקע אַרבעט און דאָס צווייטע, ווו עטל מיט רוזשקען וווינען — זענען פינסטער. די לעמפּלעך אין דער גרויסער שטוב האָט מען צוגעבונדן מיט שטריקלעך און צוגעצויגן צו די מאַשינען. די מאַשינען קלאַפּן, און די אַרבעטער רעדן און זינגען.

רוזשקע גייט די מאַנקעטן צו גרויסע, גראָבע לייבלעך. אַזעל־כע לייבלעך זעט מען ווינטער־צייט אויף די מענטשן, וואָס האַנד־לען אין גאַס. זי זיצט נעבן אַ פענסטער ביי דער מאַשין און דער רווישיקער הויף קוקט אַריין דורך די שויבן. די קעגנאַיבערדיקע אָפיצינע איז אָפּגעשיט מיט קליינע, פאַרשטויבטע פענסטערלעך. אומעטום באַווייזן זיך הענט. עס רודערן מאַשינען, אָבער רוזש־קע הערט נאָך עפּעס. זי הערט אַ שטיל געפּליסטער, וואָס טראָגט זיך אַרום איבער אַלע טונקעלע טרעפּ און בוידעמער פון דעם גרויסן, אָרעמען, ענג־באַוווינטן הויף. עס ציט זי אַרוים אויף די

טונקעלע טרעפ, וווּ עס גייט די זיסע סודותדיקייט. אראפּ צום הויף, וווּ עס ליגט אַ ליידיק שטיק ברוקירטע ערד — דאָרט, וווּ דער מילך־איד האַלט די קי, דאָרטן הינטערן פּלויטל, וווּ ס'שלאָגן זיך אַרויס די מאַטע גראָזן און עס קומען די מיידן נאָך מילך און די יונגען כאַפּן זיי אַרום, דער ריח פון מילך מיט קי טראָגט זיך אַהער און וועקט בײַ רוזשקען אַ הפקרדיקייט... איר דאַכט זיך, אַז זי אַליין איז אַ רוי, טונקל שטיק ערד און עס וואַקסן אויף איר פרישע גראָזן — זי איז שיכור. זי ווייסט שוין איצט פון אַלעם; זי ווייסט, אַז דער יונג וואָלף, דער שנײַדער־געזעלן מיט דער לאַנגער נאָז און די ברייטע, רויטע הענט, קומט צו דער מאַמען, און זיי באַהאַלטן זיך אין דעם פינסטערן צימער. קיינער שטערט זיי נישט. דער זיידע זעליק האָט געזאָגט צו גאָלדען:

— גאָלדע, רוף אַרײַן עטלען, וואָלף איז געקומען. רוזשקע איז שוין נישט נײַגעריק צו וויסן, וואָס די מאַמע טוט מיטן יונג. זי וואָלט נאָר געוואָלט אַוועקגיין פון דער ענגן, טונקעלן צימערל און נישט אָנקוקן דאָס בעט, זי האָט געהערט דאָ נישט לאַנג און זי האָט זיך געמאַכט שלאָפן, ווי די מאַמע האָט געזאָגט צו וואָלפן:

— פון דעם מיידל ווערט אַ תל...

דעמאָלט האָט זי געוואָלט מיט עמעצן רעדן וועגן דעם. אָבער זי האָט נישט געפונען מיט וועמען. איר האָט זיך זייער פאַרוואָלט, אַז פון איר זאָל ווערן אַ „תל". און אין אָוונט, ווען זי איז געקומען פון קינאָ, האָט זי לאַנג געוואַרט אויף די פינסטערע טרעפּ, ביז וואַנען דעם מעכאַניקס זון איז געקומען. ווען זי האָט דערהערט זײַנע טריט אויף די טרעפ, האָט זי אַ געשריי געטון מיט אַ כלומרשטע שרעק:

— ווער איז עס?...

און באַלד איז דער יונג געווען נעבן איר, זי האָט דערפילט פון זײַנע קליידער אַ ריח פון נאַפט און זײַנע קאַלטע הענט האָבן זי אַ כאַפּ געטון מיט אַ ווילדן כוח. זי האָט פאַר אים נישט קיין מורא געהאַט. איר האָט זיך געוואָלט פון אים עפּעס דערוואַרטן. אָבער ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און פּלוצלונג געזאָגט:

— דו ביזט דאָך אַן אַרבעטאָרין, אַ חברטע...
איר האַנט איז מיד געלעגן אויף זיין אָרעם.

*

איצט האָבן זיי זיך באַגעגנט עטלעכע מאָל אין טאָג. ער האָט געפּרוּווט אַריינקומען אין דער גרויסער, רווישיקער שטוב. רוזש־קע האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט נאָר געהערט, ווי ער האָט געבעטן באָרגן אַ שרויפן־ציער. און דער זיידע זעליק האָט אויף אים געשריגן:

— זאָג נאָר, אַזאַ מעכאַניק ביזטו, אַז דו האָסט נישט קיין שרויפן־ציער...

און די מיידן האָבן געלאַכט.

רוזשקע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיין צעשויבערטער טשופּ־רינע, און אַ וואַרעמע, שטעכיקע זיסקייט האָט אַ פלים געטון דורך איר.

די אַלטע גאָלדע האָט אים נאָכגעשריגן:

— מען ווייסט שוין, וואָס פאַר אַ שרויפן־ציער דו דאַרפסט... דו דאַרפסט די מויד. איז איצט נישט קיין צייט... איצט אַרבעט מען.

באַלד נאָכדעם האָט זיך רוזשקע אויפגעהויבן און איז אַרויס אין הויז.

דער אַלטער האָט איר נאָכגעשריגן:

— ווּ גייסטו... רוזשקע... גייסט נאָכן שרויפן־ציער?

און אַלע מיידן האָבן ווידער געלאַכט. און איינע האָט די צווייטע געקנייפּט.

רוזשקע איז אַרויס אינם טונקעלן הויז. דאָרטן האָט דער יונג געוואַרט, און אַן ווערטער האָבן זיי זיך אַרומגעכאַפּט און מיט אַלע כוחות צוגעדריקט צו זיך.

זי האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן, און זיך געזעצט צו דער אַרבעט...

פון די ווערטלעך און שטעכווערטלעך האָט רוזשקע געוווּסט, אַז אַלע אין שטוב ווייסן אַלץ, וואָס מיט איר קומט פאָר און אַז זי

האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז אַלע ווייסן, אַז אַלע טוען דאָס זעלבע און אַלע קלערן נאָר דערפון. די גאַנצע וועלט גייט אַרום אין אַ גע־דיכטן, זיסלעכן נעפּל און קלאַמערט זיך און דריקט זיך צו זיך. קלערנדיק, האָט זי זיך דערמאָנט הייסע זעאונגען, וואָס האָבן אַרומגעצאַפּלט אין די ווינקעלעך פון איר קאָפּ. איצט זענען זיי פאַר איר אויפגעשטאַנען לאָקנדע, רופנדע און צוזאָגנדע.

אַ מידקייט און אַ דרימל האָט זיך אויף איר אָנגעטראָגן. זי האָט זיך געלאָזן נעמען פון דעם דרימל, זי האָט אַרומגענומען איר ברוסט, קוים זיך אַריינגעטראָגן אינם טונקעלן אַלקער און גע־פאַלן אויפן בעט. זי איז איינגעשלאָפן שווער און היים. מיט די הענט אויף איר ברוסט, מיט ענג־צונויפגעדריקטע פּיס.

טײלמאָל פלעגט די מאַמע זי וועקן דערשראָקן:

— רוזשקעלע... וואָס „כאַמערסטו" אַזוי?... וואָס איז עפּעס אינמיטן דער אַרבעט?...

רוזשקע האָט נישט געענטפערט, און די מוטער האָט מער נישט געפרעגט.

דעם טאָג האָט מען נישט געאַרבעט. אַלע זענען געזעסן אין גרויסן צימער. די געזעלן מיט די מיידלעך. דער אַלטער זעליק האָט זיך אָנגעטון אין זיין קאַפּעלוש פון די אַלטע, פּאַרטייאישע צייטן און איז אַוועק מיט וואָלפן. היינט האָט מען שוין אָפן גערעדט וועגן דעם, אַז עטל האָט חתונה מיט וואָלפן, און באַלד אין דער פרי, ווען רוזשקע איז נאָך געלעגן אין בעט, האָט זיך די מוטער צו איר צוגעלייגט און מיטאַמאָל אָנגעהויבן רעדן מיט איר וועגן וואָלפן:

— ביזט דאָך אַ דערוואַקסן מיידל... מוזסט דאָך ווייסן... אַז דער מענטש איז מיר ליב... אַ פרוי קאָן נישט לעבן אַליין דאָס גאַנצע לעבן...

רוזשקע איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, די מוטער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר און געבלאָנדזשעט מיט די הענט איבער איר פול לייב. רוזשקען האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, די באַרירונג פון דער מוטערס האַנט האָט זי דערמאָנט אָן די לעצטע באַגעגע־נישן מיטן מעכאַניקס זון, לעאָן, אויף די טרעפּ נעבן בוידעם, אינם

פינסטערן שטיבל אויפן דריטן שטאָק. אין איר מוח זענען אַרומ־גערלאָפן די אַלע אַנגעגליטע ווערטער, וואָס זי האָט געדאַרפט זאָגן דער מוטער. פון וואָס וועט זי אָנהויבן? איר לייב האָט געציטערט אונטער דער מוטערס הענט, מיטאַמאָל האָט עטל אַ זאָג געטון:

— אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועסטו שוין אויך זיין אַ פרוי... און דו וועסט אַלץ פאַרשטיין...

— איך פאַרשטיי היינט אויך... — האָט רוזשקע, ווי פון חלום, מיט אַ פאַרטראַגענער שטימע געענטפערט.

די מוטער האָט זי אַרומגעכאַפּט... און איר טיף אַריינגעקוקט אין פּנים:

— גיין מיט אַ אינגל מאַכט נישט אויס... נאָר נישט אין דער שפּעטער נאַכט...

רוזשקע איז אין כעס געוואָרן:

— וואָס האָסטו מורא?...

— דער יונג איז אַ ווילדער יונג... דאַרפסט וויסן...

— כ'ווייס שוין אַלץ...

— וואָס הייסט?...

— כ'האָב דיך אויך נישט געהיטן...

די מוטער האָט לאַנג געשוויגן, דערנאָך האָט זי זיך אַרויס־גערוקט פון בעט און קאַלט געזאָגט:

— דו ווייסט דאָך, אַז מיר שטעלן אַ חופּה. כ'האָב עס אפילו נישט געוואָלט, נאָר ס'איז אַזוי אויסגעקומען...

רוזשקע האָט זיך אויפגעזעצט, אירע אויגן האָבן געבליצט און עטל האָט ווי צום ערשטן מאָל דערזען אירע מעכטיקע אָרעמס, און די שטייפע, ראָזע בריסט:

— יאָך בין גאָרנישט שולדיק, אַז לעאָן לאָזט מיך נישט דורכגיין... ער זאָגט, אַז ער האָט מיך ליב און איז גרייט פאַר מיר...

— וואָס רעדסטו... ביזט נאָך קיין פּופּצן יאָר נישט אַלט... ער קאָן דיך אומגליקלעך מאַכן... פאַרשטער מיר נישט מיין לעבן...

רוזשקע האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים פּנים און מיטאַמאָל אַרויס־געלאָזט אַ קינדיש, דערשראָקן געוויין.

עטל איז צוגעלאָפֿן, זי האָט אויפֿן וועג פֿאַרלוירן דאָס קליידל, וואָס זי האָט געזאָלט אָנטון, און אַרויפֿפֿאַלנדיק אויף דעם מיידל, האָט זי, ווי אַ משוגענע, זי אָנגעהויבן באַטאַפּן:

— זאָג, זאָג, וואָס האָט עס דיר געטון?...

דאָס מיידל האָט אָפּגעריסן די מאַמעס הענט פֿון איר לייב. די הענט האָבן געציטערט און געבריט:

— וואָס ווילסטו פֿון מיר... לאָז מיך...

די מוטער האָט זי אָבער פֿאַרדעקט אינגאַנצן מיט איר לייב, זי האָט זי געשטיקט מיט איר פֿאַרבערענטן אָטעם נעבן איר מויל און האָט געשלעפּט פֿון איר:

— זאָג... זאָג... וואָס האָט ער דיר געטון?

רוזשקע האָט לאַנג געשוויגן. זי האָט שוין נישט געוויינט. די מוטער האָט אַלץ איבערגעחזרט:

— זאָג... זאָג... ווען?...

אַזוי האָט זי צענדליקער מאָל איבערגעחזרט. שוין מיד און רייסנדיק, און מיטאַמאָל האָט זי איר אָנגעהויבן וואַרפֿן האַרטע, טרוקענע הענט אין קאָפּ אַריין. די קלעפּ האָבן זיך געשיט איבער רוזשקעס קאָפּ, פּנים און פּלייצע. רוזשקע האָט דעם ווייטאָג כמעט נישט געפֿילט. זי האָט נאָר אויפֿגעדעקט דאָס פּנים און אויסגע־שריגן מיט אַ נייער, פּייכטער, שפּיציקער ווייבער־שטים:

— דו מעגסט... אַלע טוען דאָס... אַלע מיידלעך מיט די גע־זעלן...

עטל איז אַ פֿאַל געטון אויף אַ שטול, זי האָט אויפֿגעריסן די אויגן מיטן מויל, ווי זי וואָלט געשריגן, אָבער זי איז געווען שטיל. דעמאָלט האָט זיך באַוויזן די אַלטע גאָלדע, די אַלטע איז שטיין גע־בליבן ביי דער שוועל:

— וואָס האָסטו צו טון מיט דער מויד... דער טאָג שטייט נישט... ווען וועסטו פֿאַרטיק ווערן...

עטל האָט געקוקט אויף דער מוטער מיט משוגענע אויגן:

— באָבע, האָב נחת פֿון דעם אייניקל.

און זי האָט זיך מיטאַמאָל צעוויינט:

— מאַמע קרוין... די מויד... ווער ווייסט, וואָס ר'האָט איר געטון...

די אַלטע האָט באַלד אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט אַ ווונק געגעבן:

— גיי נאָר אַרויס, טאָכטער...

און די אַלטע איז צוגעגאַנגען צו רוזשקען:

— כ'האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט אַרומגיין מיט דעם יונג.

— זאָל די באָבע זיך נישט אַריינמישן...

אָבער די אַלטע האָט זיך נישט איבערגענומען:

— רייזעלע... רוזשקעלע... זאָג דער באָבען... כ'וויל דיך פאַרשטיין... פאַרשטער נישט דעם טאָג... זעסט, די מאַמע איז געזעסן אַ וויסטע אַלמנה. איצט האָט גאָט געהאָלפן... זי שטעלט היינט אַ חופּה... ווילסט פאַרשטערן?... זאָג, אפשר האָט דיר ער עפּעס געטון שלעכטס... פּעוונע דער יונג... דעם מעכאַניקס.

רוזשקע האָט זיך אויסגעצויגן גלייך אויפן בעט. זי האָט צוגעלאָזט די באָבע.

די אַלטע האָט זי אַרומגענומען, זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און רוזשקע האָט צום ערשטן מאָל געפילט אַזאַ צאַרטקייט.

— רייזעלע, זאָג... וואָס האָט ער דיר געטון, כ'זע דאָך, אַז דו ביזט פאַרענדערט... נו, זאָג, ער האָט דיך געקושט... געהאַלזט.

— יאָ — האָט רוזשקע געענטפערט.

— און דערנאָך... ווו איז עס געווען... זאָג... צי האָט ער דיך געמאַטערט... געריסן פון דיר שטיקער... אַ יונג, אַ לאָבוז... און אפשר האָט ער דיך בלויז געקושט... ער האָט דיר אויפגעהויבן ס'קליידל... זאָג, טאָכטער?...

— כ'ווייס נישט...

— נאָר ווער דען זאָל וויסן? קינד... דו מוזט דאָך זאָגן, דו ווייסט דאָך שוין מסתמא, וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען... נו, וואָס ווילסטו, כ'זאָל אַריינגיין צום מעכאַניק... אַריינגיין צום טאַטן...

— מען דאַרף נישט גיין... באָבע... וואָס ווילט עך פון מיר?... ס'איז גאָרנישט געווען... לאָזט מיך אָפּ...

די באָבע איז ווילד אָפּגעשפּרונגען פון איר, און אַריינגע־שריגן צו עטלען:

— וואָס ווילסטו פון איר, משוגענע?...

רוזשקע האָט זיך איינגעגראָבן אין קישן און שטילערהייט אין זיך אַרויסגעקרעכצט:

— לעאָן... לעאָן...

*

אַ חתונה האָט מען געמאַכט אַ „פּראָלעטאַרישע". כאָטש מ'איז געגאַנגען צום רב און געשטעלט אַ חופּה, האָט מען דערביי געמאַכט חוזק פונם „קלעריקאַלן עלעמענט".

וואָלף, דער חתן, דער שניידער־געזעלן, וואָס איז געווען איני־גער פון עטלען מיט זיבן יאָר, האָט זיך נישט געמאַכט פון דער צערעמאָניע, מ'האָט געזאָגט גראָבע וויצן וועגן דעם, אַז אַן אַלמנה איז בעסער:

— וואָלף! — האָבן געשריגן די יונגען — דו מאַכסט שותפות מיט אַן אַלטער פירמע...

און מ'האָט געלאַכט.

דער אַלטער זעליק האָט זיך דאָ דערפילט יונג. ער האָט אומ־מערגעהאַלטן די וויצן, ער האָט גענומען אַ גלעזל בראָנפן, ער האָט אַפילו פאַרגעסן, צוליב וואָס די שמחה איז. ער האָט געשיט מיט ווערטלעך און צווייִדייטיקייטן. דערנאָך, ווען ער האָט געזען, אַז די שטוב איז פול פון אַרבעטער און יוגנט, האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן זיין סאָציאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט, דערציילט לאַנג־ווייליקע מעשיות וועגן געהיימע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד און קאַמפן מיט דער רוסישער פּאָליציי. דערנאָך האָט ער מיט אַ שיכורער און רייסנדיקער שטימע געזונגען עפּעס אַ שבועה.

עטל האָט זיך אַרומגעפּאַרעט. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קליידל און האָט איצט אויסגעזען, ווי אַן עלטערע פרוי, און נאָר די אויגן האָבן ביי איר געשפּילט מיט אַ זינדיקן גלאַנץ, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס וועמען צוזאָגן. די יונגען האָבן גע־

ווּסט ווע‏גן אירע באציאונגען מיט וואָלפֿן און האָבן זי פֿאַר־משעפּעט און געזאָגט שטער־ווערטלעך און וויצן:

— עטל, ווען וועט מען דיך שוין „פירן לייגן"?...

מ'האָט ארומגעכאַפּט די אַלטע גאָלדע, די מאַמע, און מ'האָט צו איר געשריגן:

— שוין אָנגעזאָגט דער טאָכטער דעם סוד?

די אַלטע האָט געשאָלטן:

— אַ פייער זוכט ענק... לאָבוזעס...

די שטוב איז געוואָרן וואָס אַמאָל פולער. ס'האָט געשפּילט אַ גראַמאָפאָן, וועלכן מ'האָט געבאָרגט ביים מעכאַניק און טייל מיידן מיט יונגען האָבן געטאַנצט.

עפּעס איינער אַ בחור מיט אַ לאַנגער נאָז און ברילן האָט פריילעך געמאַכט. ער האָט נאָכגעמאַכט פון אידישן טעאַטער און אַ מיידל מיט אַ קראַנק, גרין פּנים, האָט דעקלאַמירט בייזע פּראָלע־טאַרישע „פּאָעזיעס". זי האָט געשריגן, עפּעס עמעצן געדראָט און געוויזן מיט די הענט, ווי זי וואָלט געקלאַפּט מיט אַ האַמער. און ערשט אין שפּעטן אָוונט האָט זיך באַוויזן רוזשקע. זי האָט נישט אָנגעטון דאָס אויסגעפּרעסטע קליידל, וואָס די מוטער האָט איר צוגעגרייט, און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן נאָך ביי טאָג. זי האָט נישט געוואָלט העלפן אין שטוב און האָט געוואָלט אויסמיידן די חתונה. קיינער אין שטוב האָט אָבער וועגן דעם נישט גערעדט, נאָר די מו־טער האָט עטלעכע מאָל געזאָגט צו וואָלפֿן:

— די מויד ווערט משוגע!... ווער ווייסט, וואָס זי וועט אָפּ־טון... מ'דאַרף זי אָפּהיטן.

און ערשט איצט, ווען וואָלף האָט באַמערקט רוזשקען, ווי זי איז אַריינגעקומען, און די יונגען, אויפגעהייטערטע פון בראָנפן און פאַרליבטקייט, האָבן זי באַגעגנט און געפּרוּווט זי פאַרטשע־פּען — ערשט איצט האָט וואָלף זיך דערמאָנט, וואָס עטל האָט אים געזאָגט און ער האָט אַרומגענומען צום ערשטן מאָל רוזשקען מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען, און די פּופּצן־יעריקע מויד איז אים איצט אויסגעוואַקסן אין די אויגן. ער האָט געכאַפּט די פעסטע רונדיקייט פון אירע פיס, וואָס האָבן

זיך אַרויסגעפּאַרעמט פון אונטער איר קורץ קלײדל. און ער האָט זיך פאַרטראַכט, אַז דאָס איז איצט זיין טאָכטער. אָבער אים האָט זיך נישט געוואָלט זיין פאַר איר קיין פאָטער. ער האָט געפילט, אַז אין דעם ווינקל, ווו ער איז אַריין, איז עפּעס אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע און לאַקנדע זאַך.

רוזשקע האָט זיך אַ לאָז געטון דורכן גאַנצן גרויסן צימער אַריין אין דעם קלײנעם צימערל, ווו זי האָט געוווינט מיט דער מאַ־מען. דאָס צימערל איז איצט אויך געווען ליכטיק און דאָס בעט איז געווען פאַררוקט אין אַ ווינקל. דאָרט, אין ווינקל, האָט זי זיך אָוועקגעזעצט און איז געזעסן מיט אַ צעשטורעמטן בליק, אירע שווערע, קורצע האָר האָבן איצט געברענט.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צו איר:

— רוזשקע... וואָס טוסטו זיך נישט אָן?... ס'איז דאָך נישט שיין... גיי צו צו וואָלפן...

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. אין דער מינוט איז אויך וואָלף צוגעגאַנגען. ער האָט עפּעס זיך אַ וואַקל געטון און זיך שווער אַראָפּגעלאָזן נעבן רוזשקען. מ'האָט געפילט פון אים דעם רושנעם ריח פון אַ פריזירער און נאָך אַ ריח פון בראָנפן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף רוזשקעס קאָפּ, זי האָט זיין האַנט צוריק האַרט אַראָפּגעשאַרט.

— רוזשקע...

ער האָט צום ערשטן מאָל זיך צו איר אָנגערופן מיט אַ צאַפּל פון צאַרטקייט:

— רוזשקע... היינט זענען מיר שוין נישט קיין פרעמדע...

דאָס מיידל האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ און נישט געענטפערט:

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ מינוט און לייכט אַרויפגעלייגט זיין ברייטע האַנט אויף אירע קני. דאָס מיידל האָט אַ צאַפּל געטון. עטל איז צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— לאָז זי אָפּ, וואָלף... אַ ווילדע מויד...

דאָס מיידל האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און דורכשפּרינ־גענדיק די גאַנצע שטוב, איז זי אַראָפּ צו דער טיר. אין דעם

טונקעלן פֿאָדערהייזל. דאָ, אין דער פֿינסטער, האָט זי טיף אָפּגע־אָטעמט.

דאָ זענען געשטאַנען עטלעכע קינדער און דערוואַקסענע שכנטעס. אַ אידענע האָט געזאָגט מיט אַ מענערישער שטים:

— רוזשעלע... וואָס גייסטו נישט אַריין? ווילסט נישט טאַנצן אויף דער מאַמעס חתונה?...

און די ווייבער, מיידן און יונגען האָבן געלאַכט. דעמאָלט האָט זיך רוזשקע איינגאַנצן אַרויסגערוקט פֿון דער טיר. דאָס האָט שוין קיינער נישט באַמערקט. זי איז אַרוים אויף די טרעפּ. דאָ האָט אויף איר געוואַרט לעאָן און אָן ווערטער זענען זיי ביידע אַרויף אויבן צום בוידעם אין זייער באַהעלטעניש.

— ווי וועט עס איצט ווײַנען?... צוזאַמען?... — האָט דער יונג געפֿרעגט און זי אַרומגענומען. זי איז אַריינגעפֿאַלן אין זיינע אָרעמס...

— כ'וויים... נישט... פֿרעג מיך נישט...

און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אַלטן טיש, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. די טענער פֿונם גראַמאָפֿאָן מיט דעם רעש פֿון דער חתונה, האָבן זיך אָהער קוים דערטראָגן.

— וואָס וועט זיין? — האָט רוזשקע געפֿרעגט און זי האָט געגלעט די שווערע טשופּרינע לעאָנס.

— איך וועל מיט דיר אַנטלויפֿן... — האָט לעאָן געזאָגט און זיינע קאַלטע ליפּן מיט די ציין האָבן געבלאָנדזשעט אויף איר שווער, פֿליישיק מויל.

מיטאַמאָל זענען זיי צוגעפֿאַלן צו זיך און ערגעץ פֿאַרטראָגן געוואָרן.

*

אין דער שפּעטער נאַכט, אינם רעש פֿון בראָנפֿן און ציטער־דיקע, דערוואַרעמטע מיידן און יונגען — האָט זיך רוזשקע נישט געזעגענערהייט דורכגעגליטשט און אַוועקגעלייגט אויפֿן בעט. זי האָט נאָר געהערט, ווי דער אַלטער זעליק האַלט אַ רעדע און זינגט די שבועה. זי האָט זיך איינגעדרייט אין אַ קנויל און געפֿילט, אַז

ערגעץ איז צעריסן איר קליידל און איין זאָק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און נאָך עפּעס האָט זי געפֿילט: עפּעס אַ הייסע שרעק און אַן אַרויסרוף צו דער גאַנצער וועלט. זי האָט געפֿילט דעם זיסן ווייטאָג פֿון ליגן אויף דעם האַרטן, ראַציקן סטאָליאַרסקען טיש. זי האָט געלאָזט שווימען פֿאַר זיך די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט און ווען זי האָט דערפֿילט נעבן דער נאָז אַ שאַרפֿן ריח פֿון בראָנפֿן, וואָס וואָלף האָט איר צוגעטראָגן, האָט זי עס מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אויסגעטרונקען. דערבײַ האָט זי געפֿילט, ווי זײַן האַנט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער איר נאַקעטן לײַב, דאָרט, וווּ דאָס קליידל איז געווען צעריסן און דער זאָק איז געווען אַראָפּגעלאָזן און זי איז אײַנגעשלאָפֿן מיט פֿאַרקוועטשטע ליפּן פֿון עפּעס אַ להכעיסדיקייט דער גאַנצער וועלט. דער וועלט דער טונקעלער, וווּ מענטשן, ווי ווילדע הינט, רײַסן, שלעפּן און טוען עפּעס באַהאַלטנס און זיסעס...

# אדם און חוה

אַ רויע, רויטע ליכט, פון וועלכער עס הייבט אָן וויי־צו־טון דער קאָפּ, באַשלאָגט דאָס קליינע שלאָפצימער מיט די קאַלט־ראָזע ווענט, וואָס האָבן אַ קאַלטע, טרייפע פאַרב, ווי ביליק קלעק־פּאַ־פּיר. ביידע בעטן שטייען צוגעדעקט מיט איין רויטער קאָלדרע. אויף דער וואַנט הענגען צוויי בילדער, פאַרגרעסערטע פון פאָטאָ־גראַפיעס: ער און זי. זיין קאָפּ איז, ווי צוגעקלעפּט צום ווייסן, האַרטן קאָלנער, וואָס זעט אויס, ווי אַ טעפּל. ער קוקט דערשראָקן און עס דאַכט זיך: ער פינטלט מיט די אויגן. אויפן צווייטן בילד שטייט „זי". איין באַק איז ביי איר שוואַרץ, די צווייטע איז ווייס. דער גוידער שווערט אַראָפּ און די אויגן זענען אַרויסגעזעצט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעבלאָזן. דער בויסט איז אויסגעריסעוועט מיט געדריידלטער אַפּליקאַציע. באַזונדערס הענגט אויף איר ברוסט, ווי אויף אַ וואַנט, אַ זייגערל מיט צוויי בראָשן. די צוויי בילדער זענען פון חתן־כלה־צייט און זענען איינגעפּאַסט אין געל־גאָלדענע ראַמען. דאָ שטייט נאָך אַ שענקל מיט וועש, העמדער מיט גאַרסן שוין פון יאָרן, וואָס אירע הענט לאָזן זיי נישט אומקומען, און דערהאַלטן זיי ביים לעבן מיט אַריינגעשטעלטע, קאַלטע, ווייס־בלאָ־לעכע צערעס און לאַטעס. ווען מען עפנט אויף דאָס שענקל — קוקט אַרויס פון דאָרט אַ בלינדע, קאַלטע ווייסקייט פון אומעטי־קער בעל־הבתישקייט. די קאַלטע, פּאַכנדיקע ציכן און ליילעכער דערמאָנען אָן טויט, און יעדן אָוונט, ווען דאָס פּאָרפּאָלק לייגט

זיך שלאָפֿן, גייען זייערע שאָטנס אַרויס אויף די רויטע, אומע־טיקע ווענט אין לאַנגע העמדער...ביידע שווייגן, אָדער וואָרפֿן זיך דורך מיט איינציקע ווערטער, ווי צוויי אַרעסטאַנטן, וואָס זיצן שוין לאַנג אין איין קאַמער.

*

ווען דער מאַן עפֿנט די טיר, דערקענט שוין דאָס ווייב זיין טריט. זי הערט, ווי ער שטעלט אַוועק דעם שטעקן, אָדער טוט אויס דעם קאַפּעלוש אינם פּאָדערצימער. זי פֿילט אין זיין הוסט, ווי אַזוי ער איז געשטימט, צי האָט ער גוט באַזאָרגט דאָס, צוליב וואָס ער איז געגאַנגען, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט. וויי־לן, וואָס ער האָט צו רעדן צו די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט, זענען אירע ווערטער און אירע עצות.

זי קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן, ער זאָל עפּעס צו אירע ווערטער צולייגן. און זי האַלט, אַז אַ מאַנספּערשוין קאָן זיך קיינמאָל נישט קיין עצה געבן. ער זעצט זיך נעבן איר און דערציילט איר באַלד, וווּ ער איז געווען, וועמען ער האָט באַגעגנט, וואָס ער האָט גער־רעדט. פֿון אַלעם, וואָס ער דערציילט איר פֿון גאַס, זעט זי, אַז אַלע האָבן אים געוואָלט באַשווינדלען, און זי געפֿינט, אַז ס'איז אַ שאָד, וואָס זי איז דאָרט נישט געווען. צום סוף באַשטימט זי, אַז מ'האָט אים דאָך אָפּגענאַרט, און אים דאַכט זיך, אַז ער איז באַגאַנגען קעגן איר אַן עוולה. אַ סך מאָל זאָגט זי אים, אַז ער איז אַ נאַר, אַ טויגעניכטס. זי זאָגט עס אים אין גוטן מוט. זי מאַכט פֿאַר אים קלאָר צענדליקער באַהאַלטענע כוונות, מיט פֿאַרפּלאָנ־טערטע שווינדלערייען, וואָס מען האָט צוגעטראַכט קעגן אים. און ער הויבט אָן מורא קריגן פֿאַרן דרויסן, וואָס לויערט אויף אים און וויל אים באַראַבעווען. דערפֿאַר האָט ער שטענדיק מורא.

ער קוקט זיך אַרום אויף דער שטוב, און אַלע אַלטע באַקאַנ־טע זאַכן ווערן אים פֿרעמד. ער דערזעט זיי, ווי צום ערשטן מאָל. ערגעץ ליגן באַהאַלטן קליינע, בלאַנקענדיקע שמוק־זאַכן, אַרום וועלכע עס ליגט אַ שטרענגקייט. די זאַכן בלאַנקען אַמאָל אויף אירע הענט און אויף איר בוזעם, ווען מען גייט אויף אַ שמחה,

און ווען ער דערמאָנט זיך די ווייטע צייטן, ווען מ׳האָט זיי אין דער שטוב אַריינגעבראַכט, זעט ער זיי, ווי אַ משכון פאַר אַ חוב, וואָס ער איז איר שולדיק געווען.

*

עס זענען דאָ אָוונטן, ווען זי איז אומצופרידן. זי קוקט אויף אים מיט באַדויערונג און קלאָגט זיך, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש, אַ שטיינערן האַרץ... אירע אויגן בליצן אויף, זי באַקומט אַ געשפּאָלטענע שטימע פון טרערן, און ווערט מיטאָמאָל שוואַך און ווייבעריש־צעבראָכן. דעמאָלט פילט ער, ווי אין אים הויבט זיך אויף אַ לאַנג שוין פאַרגעסענע הפקרדיקייט, וואָס שמעקט מיט די יונגע יאָרן. אירע ביטערע רייד וועגן דעם, אַז ער איז אַ באַנדיט, אַ מערדער, דערפרישן אים דאָס האַרץ. ער דערפילט אויף זיין פנים אַן אַרויסרופנדיקן שמייכל און אים דאַכט זיך, אַז ער איז אינגער געוואָרן.

נאָך אַזאַ קריגעריי, ביינאַכט, ווען מען לייגט זיך שלאָפן, דערזעט ער מיטאָמאָל איר נאַקעטע פּלייצע אין דער רויט־שוואַרצלעכער ליכט פון שלאָף־צימער. ער קאָן נישט כאַפּן איר בליק. נאָר די פּלייצע אירע וועקט אין אים אויף אַ מאָדנע זיסלעכן ציטער. זי וואַקסט אויס פאַר אים גרויס און פרעמד, און אים דאַכט זיך, אַז זי האָט פאַר אים מורא, אָדער זי שעמט זיך פאַר אים.

„איך בין אַ באַנדיט, אַ מערדער — קלערט ער — און זי איז אַ שוואַכע פרוי״...

ער דערפילט אַ פאַרלאַנג זי אַרומצונעמען און זי צודריקן צו זיין מענערישער ברוסט... אים דאַכט זיך, אַז אין זיינע דאַרע, קנאָכעדיקע גלידער האָט זיך אַריינגעריסן אַ גרויסע קראַפט. אין אַזעלכע נעכט וואַכט לאַנג די רויטע, אומעטיקע ליכט אינם שלאָף־צימער, און זייערע גרויסע שאָטנס אויף די ווענט קריכן און קנוילן זיך, ווי זיי וואָלטן עמעצן געקומען שרעקן...

## די „יאנאווא"

אין דער גרויסער, צעפּאָרעגנער אידישער שטוב, ווו עס ליגן נאָך אין די ווייטע ווינקלען פון דער אַלטמאָדישער דירה צע־וואָרפן: אַלטע מעבל, ספרים פון פרומע זיידעס, פּאַראַסאָלן און קאַפּעלושן פונם אינגערן, „קאַליע־געוואָרענעם" דור — אין אָט דער גרויסער, אויסגעריבענער דירה, ווו פון אַלע ווינקלען ווימלען מענער, ווייבער, קינדער, אַלטע און יונגע, — עטלעכע משפּחות, וואָס זענען צוזאַמען איין משפּחה, אַ גרויסע, אַ געקייטלטע, אַן איינגעקנעטענע אין דער וואַרשעווער אידישער גאַס.

אין די צוויי גרויסע, פאָדערשטע שטובן, ווו מען קומט אריין דורכן „פּאַראַדנעם" איינגאַנג, האַלטן זיך די בעלי־בתים פון דער דירה, און אַרום, אין די ווייטערדיקע, צעוואָרפענע, טונקעלע צי־מערן, וואַנדלט נאָך אַרום אַ באָבע מיט אַ זיידן, מיט אָרעמע קרובים, וואָס האָבן זיך דאָ אַריינגעקליבן ווער ווייס פון ווי־לאַנג. אויף דער זעלבער גאַס איז אויך דאָ די אַלטע, גרויסע קלייט, וואָס שפּייזט די משפּחה, און פון דער קלייט אין דער שטוב אַריין ציט זיך אַ רעשיקער גאַנג. מען גייט אַרויף און אַראָפּ, הין און צוריק, דער טאָג הויבט זיך אָן, ווען ס'איז נאָך בלאָ אינדרויסן, און די נאַכט איז אַ געמיש פון כראָפּען און הוסטן. מען שלאָפט פון פריען אָוונט. די יונגע קומען שפּעט, דער מיטאָג ציט זיך פון האַלבן טאָג, ביז אין אָוונט אַריין.

עס קומען די בעלי־בתים פון געוועלב, עס קומען זין און

טעכטער פון שולן און אוניווערזיטעטן, עס קומען קרובים „אָפּ־עסן" — און דעם גאַנצן געזעמל באַדינט די אַלטע דינסט „יאַנאָוואַ", וואָס איז שוין אין לויף פון די יאָרן עטלעכע מאָל אַוועק־געגאַנגען און צוריקגעקומען.

„יאַנאָוואַ" איז שוין פון דרייסיק יאָר אַ גרושה, אַ גרויסע, ברייטביינערדיקע גויע מיט אַ מענערישער שטים, מיט גרויסע, מע־נערישע הענט, מיט אַ האַרטער, מענערישער פּלייצע.

דאָס גאַנצע הויז מיט די צענדליקער מענטשן באַוועגן זיך, דאַכט זיך, מיט דער קראַפט פון אירע צוויי אומרואיקע הענט, וואָס רוען נישט קיין מינוט. ווי נאָר עס שטעלט זיך דער טאָג, זעט מען זי שוין רודערן ביי דער קיך, וווּ עס קנוילט זיך אַ שטענ־דיקער וואַרעמער נעפּל פון פעטע ריחות. איר ברייטבייניק פּנים איז שטענדיק באַשלאָגן מיט אַ רויטלעכער, וואַרעמער שיין פון דער זידנדיקער קיך, און פון אַלע ווינקלען פון אַלע צימערן טראָגן זיך צו איר געבעטן, באַפעלן און געשרייען. די אַלטע „יאַנאָוואַ" טראָגט זיך פון איין ווינקל אין צווייטן. דער אַלטיטשקער זיידע מאָנט ביי איר דעם טלית־און־תפילין, און די יונגע „פּאַניענקע" זוכט דעם שליסל פון גראַמאָפאָן. „יאַנאָוואַ" דאַרף צושטעלן זעכצן ציין־בערשטלעך און פּוצן פּאָר קאַלאָשן. „יאַנאָוואַ" מוז געדענ־קען אַלע אידישע יום־טובים, זי דאַרף שטעלן טשאָלנט פאַר די אַלטע לייט, זאַלצן דאָס פלייש, אָפּהיטן פליישיקס פון מילכיקס און וויסן אַלע אידישע דינים. זי שעלט מיט אידישע קללות, און אויף איר פאַרפלאַמט פּנים אין אַ פרייטאָג־טאָג, ווען זי שטייט ביי דער גליענדיקער קיך, שפּילט אַן ערב־שבתדיקע פרומקייט פון אַ אידי־שער בעל־הביתטע, און אירע קליינע, האַרטע, בלאָ־גרינלעכע אוי־געלעך זאָגן אָן פון אַ עפּעס אַ פעלד מיט שווערער ערד־אַרבעט.

*

אין אָנהויב, מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז אין דער שטוב אָנ־געקומען, האָט זי נאָך געהיטן די זונטאָגן, און אין ווינקל איבער איר בעט איז נאָך געהאַנגען אַ קליינע איקאָנע מיט עטלעכע פאַר־געלטע פאָטאָגראַפיעס פון סאָלדאַטן און פייערלעשער מיט גראָבע

וואַנסעס. אָבער מיט דער צייט איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן, און די זונטאָגן האָבן זיך אויסגעמישט פאַר איר מיט דער אידישער וואָך פון אַרום. זי האָט נישט געקאָנט מער געפינען ווי אַמאָל, די שעה זיך אַראָפּצוכאַפּן אין קאַשטשאָל אַריין, און אירע אַלטע, פרומע חבר־טעס, וואָס פלעגן קומען, זענען פאַרשוואונדן מיט דער צייט. זי האָט נאָך געהאַט ערגעץ משפחה, וואָס האָבן געוווינט אין ווייטע קריסטלעכע גאַסן, אָבער ביסלעכווייז איז איר שווער געוואָרן דער ריח פון קרויט און בראָנפן און זי האָט מיטאַמאָל מורא געקריגן פאַר די בורטשענדיקע הינט. זי האָט געפילט אַ שטענדיקע צאַפּל־דיקע ריִרעוודיקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אירע גלידער, און איר קאָפּ איז פול געווען מיט אידישע מחלוקתן פון די שכנים וועגן שידוכים, טרפות און כשר און האנדל־סודות, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אירע אויערן אין דער רעשיקער, אידישער מאַרק־שטוב.

*

נאָר מינוטנווייז, ווען זי האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט אין דער שפּעטער נאַכט, אָדער שבת, ווען די שטוב איז געשלאָפן, פלעגט זיך אויפוועקן ביי איר עפּעס אַן אומרואיקייט אַ ווייטע און אַ פרעמדע. זי האָט אויף קלאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס ריזלט אין איר. אין אַזעלכע מינוטן זענען איר פאַרגאַנגען ווייטע ריחות פון עפּעס אַ שטרענגן רוף, און זי האָט שטילערהייט אין איר ווינקל זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און אָנגעהויבן שעלטן. זי האָט גע־שאָלטן אַלע: די בעלי־בתים, די שכנים און די אַלטע לייט. זי האָט מיטאַמאָל מורא געקריגן פאַר דעם אַלטנס דאַוונען, און כדי אַרויס־צוזאָגן פון זיך די פרעמדע שרעקיקע פאַרלוירנקייט, האָט זי זיך צעזונגען מיט עפּעס אַ קריסטלעכער תּפילה, איר פּנים איז גע־וואָרן פרעמד און האַרט און אירע קליינע, פּויערישע אויגן האָבן אויפגעפינקלט, ווי שאַרפע מעסערלעך.

אַ גרויס רחמנות צו זיך אַליין האָט זי אין אַזאַ מינוט אַרומ־גענומען און שפּעטער אַ גאַנצע טאָג האָט די שטוב געפילט די ווייטע פרעמדקייט פון דער „יאַנאָווא".

זי האָט מיט אַ בייזער הנאה אַריינגעזייט אין אַלע ווינקעלעך פּרעמדע, שרעקיקע ווערטער וועגן קריסטלעכע, גרויסע יום־טובים, וואָס גייען, ווי מען וועט נישט טאָרן האַנדלען און מלאכים וועלן אַרומפלאַטערן. זי האָט געקוקט שטרענג און זיך געצלמט, ווען זי האָט גערעדט וועגן דעם... דערנאָך האָט זי זיך גע־פּרייט דערפון, וואָס זי וועט ליגן אויפן קריסטלעכן צמענטאַזש, און זי האָט אָפּגעזונגען אַ לאַנג, פרום ליד וועגן אַ הייליקן. זי האָט געוואָלט עפּעס עמעצן באַצווינגען, אין איר האָט זיך אָנגעצונדן עפּעס אַ פרעמדער כעס. ס׳האָט איר געקאָכט אויפן האַרץ, און זי האָט פּלוצלינג זיך צוגעטשעפּעט צום אַלטיטשקן זיידן, אַז ער ברודיקט. איר האָט זיך געוואָלט שרייען און שלאָגן.

אין אַזאַ טאָג האָט זיך די שטוב, די יידישע, — אָפּגערוקט פון איר, זי געלאָזט אַליין. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז שיכור און אַז אַ גוי האָט פיינט אַ אידן — און קיינער האָט נישט פאַר־שטאַנען איר גרויזאַמען עלנד און איר פאַרבלאָנדזשעט, משונהדיק לעבן...

# א סארהאנג

זי האָט מיך אויפגענומען קאַלט. באַלד נאָר ווי כ'בין אַרי־בער די שוועל, האָט זי געזאָגט:

—נו, קומט שוין אַריין... כאָטש כ'וועל אייך זאָגן, אַז איך נעם דאָ ביי מיר אין צימער קיינעם נישט אויף... כ'ווייס נישט, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז אין אַזאַ שיינעם זומער־אָוונט צו זיצן אין אַ דושנעם צימער. מיר וועלן טאַקע באַלד אַראָפּגיין אַביסל שפּאַצירן.

מיר האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט גיין שפּאַצירן:

— יאָ, אָבער מיר קאָנען דאָך דאָ אַביסל זיצן... דערנאָך וועלן מיר גיין...

איך האָב מיך אַרומגעקוקט איבער דעם קליינעם, שפּיציקן צימער:

— ביי אייך איז דאָ זייער שיין...

— וואָס פאַר אַ שיינקייט איר געפינט דאָ — ווייס איך אויך נישט... אַ נישט־זגראַבנע צימער מיט אָפּגעקראָכענע ווענט... כ'ווייס?... פאַר מיר, אַן אַרבעטס־מענטש, איז דאָס אויך גענוג... ווען בין איך דען דאָ? איך נעכטיק איבער און גיי אַוועק צו דער אַרבעט...

— פאַרוואָס?... — האָב איך פאַלש געזאָגט—ס'איז אַ גאַנץ שיין, באַקוועם צימער... ס'איז גאַנץ אָנגענעם...

— אויב דאָס הייסט ביי אייך אַן אָנגענעם און באַקוועם צי־

מער, זענט איר טאַקע אַ גרויסער מבין... וואָס איז דען דאָ באַ־קוועם?... מען דאַרף דורכגיין דורך זייער שטוב... ווינטער איז קאַלט, זומער איז דושנע... און די באַקוועמלעכקייט?... איין פענסטער און דאָס אויך — אָן אַ שטיקל פאַרהאַנג... כ'וועל אייך זאָגן, אַז מיך אינטערעסירט נישט... ס'לוינט מיר דאָ שוין גאָר נישט אַריינצולייגן... ווייל כ'וויל מיך אַרויסציען...

איך האָב ערשט איצט באַמערקט, אַז דאָס פענסטער שטייט ליידיק, אָן אַ ראָלעט און אָן אַ פאַרהאַנג, און דער גאַנצער הויף־קאַסטן קוקט אַריין אין דעם טונקל־באַלויכטענעם צימער.

זי האָט מיטאַמאָל צוגעגעבן:

— אַ שרעקלעך צימער... ס'שטייט אָפן פאַרן גאַנצן הויף... מ'איז דאָ קיינמאָל נישט אַליין...

— פאַרוואָס־זשע פאַרהענגט איר נישט?... — האָב איך פאַרזיכטיק געפרעגט.

— כ'וועל אייך זאָגן. כ'בין דאָ קיינמאָל נישטאָ, כ'קום צו גיין ביינאַכט... לייג זיך שלאָפן אין דער פינסטער... כ'ווייס...

— האָט איר נישט מיט וואָס צו פאַרהענגען?

— וואָס אַרט מיך, אַז מען קוקט? וואָס קאָן מען דען ביי מיר זען? — האָט זי וווּלגאַר צוגעגעבן.

איך האָב לאַנג געזוכט איבערן צימער. מיטאַמאָל האָב איך געפונען אויף דעם קאָפּ פונם בעט עפּעס אַ טוך. איך האָב, אַליין נישט וויסנדיק צו וואָס, גענומען דאָס טוך און עס פאַרוואָרפן אויף די האָקעס פונם פענסטער.

דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט. זי האָט מיטאַמאָל אויפ־געקאָכט:

— צו וואָס האָט איר דאָס געטון?...

— גלאַט אַזוי...

זי איז צוגעלאָפן צום פענסטער:

— מ'וועט נאָך מיינען, ווער ווייסט וואָס...

זי האָט געוואָלט דאָס טוך אַראָפּנעמען און האָט נישט גע־קאָנט דערלאַנגען:

— וואָס אַרט אײַך?... — האָב איך געזאָגט מיט אַ פּאָר שטיקטער שטים.

— איך דאַרף נישט...

זי האָט געפּרוּווט אַרויפקריכן אויפן פענסטער־ברעטל. איך האָב איר געוואָלט העלפן. כ׳האָב זי אַרומגענומען, זי האָט אַ צאַפּל געטון, ווי אַ פויגל, מיך געפּרוּווט אָפּשטופּן און מיט־אַמאָל שווער אומגעפאַלן אויף מיר, איר קאַלט פּנים האָט גע־צאַפּלט נעבן מײַנע ליפּן און פּלוצלינג האָט זיך איר מויל אָנ־געשלאָגן אָן מײַנס.

איך האָב זי געקושט לאַנג אין פאַרגעסנקייט און זי האָט מיר געענטפערט מיט קושן, ווי זי וואָלט מיך געשלאָגן מיט די ליפּן.

זי האָט זיך אַלץ געאַמפּערט מיט מיר. זי האָט זיך מיט אַ ווילדן אימפּעט געצויגן אַרויף, כדי צו כאַפּן אַ ברעג פונם טוך, דערבײַ האָט זי געקלעטערט אויף מיר, און איך האָב זי יעדעס מאָל אונטערגעכאַפּט און געדריקט צו זיך און פון יעדן איר אָנגריף איז אַרויסגעקומען אַ לאַנגער, אומזיניקער קוש.

דאָס האָט לאַנג געדויערט, ביז וואַנען מיר זענען שוין ביידע מיד געוואָרן. פעסט צוזאַמענגעדריקט איינער אינם צווייטן, זענען מיר ביידע געשטאַנען אינם פענסטער אָנגע־שפּאַרט און איר קאָפּ איז געווען שווער אַרײַנגעגראָבן אין מײַן ברוסט. איר קערפּער האָט שווער געאָטעמט, זי האָט שוין מער נישט געפּרוּווט אַראָפּנעמען דאָס טוך.

צום סוף איז מיר שווער געוואָרן די וואָג פון איר קרעפּ־טיקן קערפּער. איך האָב געפּרוּווט אויפהויבן איר קאָפּ, אָבער זי האָט נישט געלאָזן און מיט אַ פאַרשטיקטער, האַלב־אומזיניקער שטים האָט זי אַרויסגערעדט:

— לאָזט מיך... איך שעם זיך...

דעמאָלט האָב איך זי מיט די לעצטע כוחות אַ נעם געטון פונם אָרט. זי האָט אָנגעהויבן שווער שפּאַנען, ווי אַ געשאַכטע־נע. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט איר און, נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן איר וואָג, האָב איך זי צוגעפירט צום

בעטל און זי אוועקגעלייגט אויף א זייט. זי האָט שנעל איינגע־גראָבן דאָס פּנים אינם בעטגעוואַנט. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן. איך האָב געפרעגט:

— ס'איז אייך קאַלט?...

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר געציטערט, קלאַפּנדיק מיט די ציין. איך האָב גענומען איר מאַנטל, וואָס איז געהאָנגען אויף דער טיר און זי שטיל איינגעדעקט, דערנאָך האָב איך, אַליין נישט וויסנדיק צו וואָס, פאַרלאָשן דאָס ליכט...

*

ווען איך בין אויף מאָרגן אין אָוונט אריינגעקומען אין איר צימער, איז זי נאָך געווען מיט מיר ברוגז. זי האָט נישט געענטפערט אויף מיין „גוטן אָוונט" און אוועקגעדרייט דעם קאָפּ... איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טון, נאָר מיטאַמאָל איז מיין בליק געפאַלן אויפן פענסטער, און איך האָב דערזען, אַז איבער דער גאַנצער פענסטער־ראַם איז געווען פאַרצויגן אַ נייע געדיכטע פאָרהאַנג...

## גויאישע געשעפטן...

א האַלבן קופּע האָבן פאַרנומען די גרופּע יעגער, אַלץ על־טערע, שווערע גויים, מיט מעכטיקע וואָנסעס: טייל דאַרע, מיט לאַנגע, קנאָכיקע פּיס, אַזוי ווי דרענגער, איבערגעצויגן מיט לאַנגע זאָקן און געלע, געבּרענטע שטיוול; טייל דיקע, בּרייטע, מיט פריצישע הענט און סיגנעטן. זיי זענען געזעסן מיט זייערע גרינע קאַפּעלושלעך מיט פעדערלעך, מיט לעדערנע רעקלעך, און אַרום זיי, אויף די פּולקעס, אויף די בּענק און אונטער די בּענק פונם וואַגאָן זענען געלעגן יעגער־בּיקסן, פּאַטראָן־טאַשן מיט שרויט, און פון אונטער די בּענק האָבן אַפּערגעקוקט די פאַרגלאָצטע אויגן פון די געשאָסענע האָזן.

די צווייטע האַלבּע קופּע איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אידן, וואָס זענען געפאָרן פון די נאָענטע שטעטלעך מיט זייערע פּעקלעך, זעקלעך און שטעקלעך.

די יעגער האָבן געראויכערט פּייקעס און געפירט אַ הילכיקן געשפּרעך. מ׳האָט דערציילט וועגן יאַגד. עס איז געשטאַנען אַן אָפענע פלאַש קאָניאַק, און דער געשפּרעך האָט זיך אַלע מאָל פאַרענדיקט מיט אַן אויפרייס פון אַבּיסל שכורן געלעכטער. ס׳איז שוין געווען טונקל אין וואַגאָן, און די אידן, קוקנדיק אויף די שטיוול, לעדערנע רימענס און בּיקסן, האָבן געשוויגן. טייל האָבן איינגעגראָבן זייערע פאַרזאָרגטע בּערד אין די אַקסלען און געדרימלט. אַנדערע האָבן געקוקט מיט זייטיקע, פינטלדיקע בּליקן

צו די רעשיקע יעגערס און געהערט מיט ביטול די מעשיות. די יעגערס האָבן גערעדט נאָר וועגן דעם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יאַגד, וועגן ביקסן, וועגן וועלדער, וועגן דעם, ווער עס שיסט גוט און ווער עס שיסט פאַלש. אַלע מאָל האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַן אַנדערער אויף וואַקלענדיקע פֿיס, גענומען די ביקס און געוויזן, ווי אַזוי ער האָט שוין געצילעוועט אויף אַ האָז, און דער האָז איז אַנטלאָפֿן. ביי יעדן מאָל, וואָס איינער האָט גענומען די ביקס, האָבן די אידן אַוועקגעדרייט די קעפּ און געפּינטלט מיט די אויגן. איין איד האָט אַפֿילו שטיל אַ זאָג געטון צום צווייטן:

— אידן, מ'האָט גאָר געדאַרפֿט אַריבערגיין אינם צווייטן וואַגאָן... ס'איז נישט געזונט דאָ צו זיצן...

באַזונדערס האָט גערעשט דער הויכער, דאַרער, מיט די געלע שטיוול, וואָס האָט אָממיינסטן געטרונקען קאָניאַק. ער האָט אָפּגעמשלט, ווי אַזוי ער איז געלאָפֿן, ווי אַזוי ער האָט געשאָסן, ווי דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן, ווי דער הונט האָט געכאַפּט. גערעדט האָט ער אָממיינסטן צום דיקן הער מיט די גרויסע וואָנסעס, וועלכן ער האָט גערופֿן „פּאַניע דאָקטאָזשע". דער פּאַן דאָקטאָר איז געווען זייער פֿאַרגאַפֿט פֿון דער דערציילונג, ער האָט זיך אויסגעפֿרעגט וועגן אַלע איינצלהייטן, ווו דער האָז איז געשטאַנען, ווי אַזוי ער איז געפֿאַלן, פֿון וועלכער זייט, און ווי דער וואַלד האָט אויסגעזען, צי ס'איז געווען הינטער לעמבערג, צי ביי ראַדאָם. דאָ האָט זיך אָנגערופֿן אַ דריטער, אַ בלאָנדער, שוין אַ גראָלעכער, וועלכן די איבעריקע האָבן גערופֿן: „פּאַניע סענדזשיאַ", און האָט גענומען דערציילן אַ לאַנגע מעשה, ווי אַזוי זיינער אַ חבר, אַ פּראָקוראָר, האָט זיך געיאָגט נאָך עפּעס אַ פֿויגל, און האָט אַלץ נישט געקאָנט אים כאַפּן. ווו ער האָט געשאָסן, האָט ער נישט געטראָפֿן, ביז וואַנען ס'איז אָנגעקומען אַן אַנדערער און מיט איין שאָס דעם פֿויגל אַוועקגעלייגט. דעמאָלט איז זיין חבר אַהיימגעקומען, זיך פֿאַרשלאָסן אין זיין קאַבינעט, אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און זיך דערשאָסן. אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און ווידער גענומען טרינקען דעם קאָניאַק. נאָך דער מעשה

האָבן זיך די אידן איבערגעקוקט, זיי האָבן אַריינגערוקט איין אָרבל אינם צווייטן און שטיל קרעכצנדיק געדרימלט.

נאָר איין יונגערמאַן אין ברילן און אין אַ קאַפּעלוש, וואָס איז געזעסן צווישן די אידן, האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו די מעשיות פון די יעגער. אַ איד מיט אַ געל בערדל האָט אים אפילו אַ זאָג געטון פון דער זייט:

— יונגערמאַן... וואָס דאַרפט איר אייך אַזוי שטאַרק צו־הערן צו די חכמות? ס'איז געזונטער, איר זאָלט נישט הערן...

נאָכדעם, ווי דער בלאָנדער ריכטער האָט געענדיקט די טרויעריקע געשיכטע וועגן זיין חבר, האָט אָנגעהויבן אַ צווייטער דערציילן, ווי אַזוי ער איז אַמאָל געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אין אַ וואַסער צוליב דעם, ווייל ער האָט געוואָלט דערשיסן אַ קאַטש־קע... און דער פאַן דאָקטאָר האָט געענטפערט:

— „טאַק... טאַק... רוזשניע ביוואַ‟... עס טרעפט פאַר־שידנס...

דער צוג איז געלאָפן. דער קאָנדוקטאָר האָט אָנגעצונדן די ליכט, און די אידן זענען אַלע געזעסן שטילערהייט און מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן געקוקט אויף די יעגערס. ערשט, ווען ס'איז גע־וואָרן ליכטיק, האָט זיך דער לאַנגער מיט די געלע שטיוול אָנגע־בויגן און, אַרויסשלעפּנדיק פון אונטער דער באַנק אַ דערשאָסע־נעם האָז, ביי וועלכן דער קאָפּ איז אַרונטערגעהאָנגען, האָט ער אים אויפגעהויבן אין דער הויך. שוואַרצלעכע בלוט־פלעקן האָבן געטריפט פון דעם האָז. דער יעגער האָט אויסגעשריגן:

— פאַנאָוויע!... דריי טעג בין איך געשלאָפן אין וואַלד, געגעסן טרוקנס... געפאָרן צוועלף שעה... אַ חוץ וואָס כ'בין גע־גאַנגען צו־פוס... אָבער אַלץ לוינט... דערפאַר פיר איך דאָך עפּעס אַהיים... איך קום דאָך נישט מיט ליידיקע הענט... וואָס נישט? פאַנאָוויע... אָט האָב איך דאָך עפּעס געבראַנגט...

אין דער מינוט האָט דער צוג אָנגעהויבן צו גיין לאַנגזאַמער. די חברה יעגערס האָבן זיך אַ כאַפּ געטון. זיי האָבן גענומען זייערע פּעקלעך, די ביקסן אויף די פּלייצעס. אין איין מינוט האָבן זיי זיך אייליק אַרויסגעפּאַקט פונם וואַגאָן, איבערלאָזנדיק אַ ליי־

דיקע פלאש פון קאניאק און בלוט־פלעקן פון די געשאָסענע האָזן. ערשט דעמאָלט האָבן די אידן געגומען זיך וועקן מיט לאַנגע קרעכצן. זיי האָבן זיך ארומגעקוקט און, זעענדיק, אז די יעגער זענען שוין נישטאָ, האָט זיך איינער אָנגערופן צום צווייטן:

— כ׳בעט אייך, פעטער... וויפל קאָן עס קאָסטן אזא מין האָז?

— א האָז?... כ׳וויים... א פּאָר זלאָטעס פּעוונע...

— זענען דאָך די גויים טאַקע משוגעים...

דעמאָלט האָט זיך אָנגערופן דאָס בחורל מיט די ברילן:

— איר פארשטייט נישט, אידן... דאָ גייט דאָך נישט, וויפל דער האָז קאָסט... דאָ גייט דאָך וועגן אמביציע...

— וועגן וואָס? — האָט געפרעגט א איד פון א קעגנאיבערדיקער באַנק.

— וועגן אמביציע!...

— וואָס?...

— אמביציע!!

און פון אַלע זייטן, פון יעדן ווינקל, האָט זיך ארויסגעשטעקט א באָרד און געפרעגט:

— וועגן וואָס?!

דער בחור האָט אַלץ געשריגן: „אמביציע״, ביז וואַנען א איד מיט א קליין פּאָפּיעלאַט בערדל האָט א זאָג געטון:

— הכלל, אידן, וואָס טויג מיר דאָרט... לאָמיר בעסער נעמען א אידיש וואָרט אין מויל אריין.

און מ׳האָט זיך געשטעלט דאַוונען מעריב...

## לאקאטאר נום. 88

עפּעס א מאָדנער דעמפּיקער טאָג. עפּעס אזא טאָג מיט א צע־ריסענער זון און נידעריקע, שווארצלעכע וואָלקנס, ווי שטיקער רויך, איז שוין געווען אמאָל; שוין לאַנג אין ווייטע יאָרן, ווען דער איצטיקער מארקוס קרול איז נאָך געווען א אינגל.

איצט שטייט ער אינמיטן הויף פאר זיין טונקל, גראָ הויז מיט די דריי פליגל, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין טאַטן. נעבן אים שטייט דער אַלטער וואָלף בלאַכאַזש מיט דער גרינער, צעקנייטשטער באָרד און מען רעדט וועגן פאַרריכטן דעם דאַך.

דער לאָקאַטאָר פונם בוידעם־שטיבל קומט אַלע טאָג מיט דער זעלבער טענה: עס רינט אריין פונם דאַך. ס'איז נישטאָ קיין עצה, מען דארף דעקן א שטיק דאַך מיט נייער בלעך. דער אַלטער בלאַ־כאַזש וואַרפט ארויס בלעכענע ווערטער וועגן בלעך און אָטעמט מיט זאַלץ־זויער. אָבער דער ווירט מארקוס קרול קלערט וועגן עפּעס אנדערש. ער קלערט וועגן דעם לאָקאַטאָר פונם דאַך־שטיבל נומער 88, וועגן דעם ווייבל מיט די גרויסע, שפּילנדיקע אויגן, וואָס קומט וועגן פאַרריכטן דעם דאַך און וואָס רעדט מיט א פאַר־נאַשטער, אַביסל הייזעריקער שטים, ווי זי וואָלט געהאַלטן א צור־קערל אין מויל.

מארקוס קרול ווייסט, אז א הויזווירט דארף זיין הארט און שטרענג און טאָר נישט נאָכגעבן. ער געדענקט, וואָס זיין „זעלי־גער פאָטער", דער אַלטער הויזווירט ר' אשר קרול האָט געזאָגט

איז זיינע לעצטע ווערטער פארן טויט, אז „א לאקאטאר איז א באנדיט, א שונא, און מען דארף זיי יאגן, ווי די הינט"...

אָבער דאָס ווייבל פונם דאך־שטיבל קומט צוגיין אלע טאָג, רעדט מיט איר פארנאשטער שטים און קוקט אויף אים מיט איר שפיגלדיקן בליק.

— פאניע ווירט... ס'רינט מיר אריין... אנומלטן האט גע־רעגנט, האט מיר געקאפעט אויפן קינד אין וויגל אריין...

די הענט זענען ביי איר ווייסע און פולע, די ליפן בלייך און פול, און די ציין שפילן ביי איר, אזוי ווי ווייסע פלעמלעך. זי שפארט זיך אונטער מיט א האנט אויף די באקעס און די בלוזקע ווערט אויף איר מיטאמאל ענג.

זי רעדט אלץ וועגן דעם דאך און דעם סופיט, ווו ס'רעגנט אריין.

מארקוס קרול וויל נישט הערן דערפון:

— באלד וועלן קומען אלע לאקאטארן... נאך דערצו די קבצנים פון די בוידעם־שטיבלעך און קעלערן... און אלע וועלן זיך הייסן מאכן „רעפעראציעס". דעם פאררי‌כט דעם אויוון, דעם די פאדלאגע...

אָבער דאָס ווייבל בייזערט זיך נישט, שרייט נישט. ווען ער זאגט איר אָפּ, שמייכלט זי און די ווייסע פלעמלעך פון אירע ציין שפילן.

זי שפארט זיך נישט און מיטאמאל קריגט ער מורא, זי זאל נישט אוועקגיין:

— יאָ. עס ווייזט זיך ארויס פון די ביכער — אז עס קומט פון איר שוין פאר דריי חדשים דירה־געלט...

דער „זעליגער פאטער", ר' אשר קרול, וואלט נישט געוואַרט, וואלט זי אַרויסגעוואָרפן...

— וואָס איז דאָס פאר א ווייבל...

*

מארקוס קרול איז, ווי שטענדיק, שטרענג. ער האט איצט אריינגעגראָבן זיינע שווערע, גרינלעכע אויגן אין דער פארזשא־ווערטער רער פון דער רינע.

עפּעס אַ מאָדנער דעמפּיקער טאָג. עס רויכערט פון הימל. דאָס הויז, דאָס אַלטע הויז מיט די דריי פליגלען, איז פון איין זייט באַלויכטן מיט אַ ווייס ליכט, אַזוי ווי צעקאָכטער קאַלך. פון דער צווייטער זייט איז עס טונקל, ווי אין אָוונט. אַ געדיכטע, דעמפּיקע טונקלקייט ליגט אויסגעגאָסן אויפן הויז, ווי ס׳וואָלט געשוויצט. דעם אַלטן הויז העלפט נישט קיין טינק און קיין קאַלך; עס זשאַווערט די הויט, פול פון לישאַיעס און שוואָמען. דאָס בלעך ביי די פענסטער און אויפן דאַך איז בלאָ־שוואַרצלעך, ווי די דעק פון אַ מתים־וואָגן.

פונקט אין אַזאַ טאָג איז דער „זעליגער פאָטער" דאָ אויפן הויף געשטאַנען, אויפן שטעקן אָנגעשפּאַרט, מיט דעם זעלבן וואָלף „בלאַכאַזש". ס׳איז שוין לאַנג. מאַרקוס איז נאָך געווען אַ אינגל. ער האָט געהאַט חברים, אַלע זין פון הויז־ווירטן. מיט קיין אַנדערע האָט ער זיך נישט געטאָרט חברן. און דער פאָטער האָט אים אַלץ געהייסן זיך צוהערן מיט קאָפּ צו יעדן וואָרט זיינעם.

— דער מענטש מוז יעדע זאַך, וואָס ער טוט, פריער גוט באַרעכענען...

„דער מענטש דאַרף געדענקען"... „דער מענטש מוז וויסן"...

און פּלוצלונג דערפילט מאַרקוס קרול, אַז ער איז טאַקע זיין פאָטער, ר׳ אשר, אַז די צייט איז שטיין געבליבן אין דעם דעמפּיקן, אומ־היימלעכן טאָג. און פון אַלע ווינקעלעך פונם אַלטן הויז שווימען אָן אויף אים און אַנטפּלעקן זיך דערינערונגען און איבערחזרונ־גען. אָט דאָרט אין ווינקל, אין דעם שוואַרצלעכן הויז, אויף די אַלטע אויסגעריבענע טרעפּ, וואָס פירן צו דעם נידעריקן דאַך־שטיבל נומער 88, פלעגט דער פאָטער אַזוי אָפט פאַרשווינדן; דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַביסל שטייף און האַרט פאַרריסן; שווער אָנ־געשפּאַרט אויפן שטעקן, האָט ער זיך געהויבן אויף די קרימלעכע טרעפּ.

שוין דריי און צוואַנציק יאָר, ווי מ׳האָט דעם הויזווירט אַרויסגעפירט פון דעם הויז. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די גרויסע דאָקטוירים און די קאַרעטעס, וואָס זענען יעדן טאָג געקומען. די

לויה איז געווען א גרויסע, און די גאס איז שווארץ געווען פון מענטשן. א קליינינקייט, ר' אשר דער הויז־ווירט... און דעמאלט איז דא אין א ווינקל הויז שטיין געבליבן דאס ווייבל פונם דאך־שטיבל נומער 88.

דאס שיינע, שווארץ־חנעוודיקע ווייבל, צוליב וועלכער די מא־מע... די גרויסע, ברייטע הויז־ווירטין, דאראטע קרול, האט גע־וויינט און די עלטערע שוועסטערן האבן זיך געסודעט אינם לעצטן צימער...

*

א מאדנער דעמפיקער טאג.

דער אלטער וואלף „בלאכאזש" מיט דער גרינער באָרד איז נאך אלץ פלינק, ווי א קאץ. ער האט שוין געברענגט זיינע מכשירים מיטן לייט־אייזן און דאס נייע, קנאקנדיקע בלעך. זיינע פיס האבן שוין באקומען די קעצישע ווייכקייט, וואס דערמאנט אן אומעטיקע דעכער.

דאס ווייבל פון נומער 88 האט פון צופרידנקייט פארלוירן דאס טוך פון די אקסלען, אין דער בלוזקע האבן אויפגעפלאצט דריי העקעלעך.

זי איז פארשוווּנדן אין דעם שווארצלעכן ווינקל פונם הויז, פארהויבנדיק צו הויך דאס קליידל.

און אט שפאנט מארקוס קרול מיט אביסל א קרומלעכן, הארט־פארריסענעם קאפ, אנגעשפארט אויפן שטעקן, אהין צו דעם שווארצלעכן ווינקל. ער איז נאך דא קיינמאל נישט געווען און עס דאכט זיך אים, אז ער איז דער פאטער. ווי טונקל אויסגעריבן זע־נען דא די טרעפ. ארעמע קינדער אין שמאטעס געהילטע, מיט גרינע פנימלעך און רויטע נעזלעך, זיצן אויסגעזעצט אויף די טרעפ. זיי ווייסן נישט, אז ער איז דער הויז־ווירט און טרעטן אים נישט אפ דעם וועג. דער „זעליגער פאטער" וואלט געשריגן צוליב דעם און געקלאפט מיטן שטעקן.

מארקוס קרול איז איצט נישט שטרענג. ער וויל נאר ארויפ־

גיין ארויף צום דאך־שטיבל, זאגן איר, אז ער מאכט בלויז איר צו־רעכט. דעם דאך... בלויז איר.

— הערן זי... פרוי... כ׳וועל אין צורעכט מאכן דעם דאך... נאר איהן... ווייל כ׳מאך נישט קיינעם... יא...

זי שטייט נאענט נעבן אים. ער פילט דעם ריח פון א קליין־קינד, פון מילך מיט פייכטקייט. און ערגעץ, פון אירע פולע הענט, שלאגט ארויס אזא ווארעמקייט. די ווארעמקייט גייט אים ארונטער אונטער דער הויט, אין קאפ אריין, און פארשיכורט אים.

ער שפארט אפ מיטן שטעקן די טיר אין איר שטיבל אריין. זי שעמט זיך. אבער ער זעט: א וויג, א ברוינע, הילצערנע, שווערע וויג פון אלטע צייטן, אויף צוויי האלב־קיילעכיקע „ביעגונעס״. אזא וויגל קלאפט אין די ארעמע שטובן ביינאכט, אזוי ווי א זייגער: טיק־טאק...

אין דעם גרינעם, גראב־אויסגעמאלטן שטיבל איז דא א שי־מער פון ריינקייט. אויפן טיש ליגט א ראז טישטעכל. עס איז אויפ־גערוימט, ווי עמעצער וואלט געדארפט קומען.

האט זי דען געוווסט, אז דער הויז־ווירט וועט ארויפקומען אהער, אינם דאך־שטיבל נומער 88...

א הילצערן שווארצלעך בעט, הויך אויפגעבעט מיט א רוי־טער קאלדרע. אין דעם בעט שלאפט זי...

— הערן זי נאר, פרוי... אינס מאן... וואס טוט ער?... ווי זעט ער אויס?...

דער ווירט קען אים גארנישט. א לאקאטאר פונם בוידעם־שטיבל.

— כע־כע... ס׳קומט פון אים דירה־געלט — מ׳קאן אים ארויסזעצן...

דאס ווייבל בייזערט זיך נישט. בעט זיך נישט. זי שטעלט ארויס א פוס, פארריכט זיך דאס קליידל אויף די לענדן. איר פוס איז מאדנע לאנג. און א קינד האט זי אין דעם וויגל. א קינד... מיט קיילעכיקע בעקעלעך.

— הערן זי, פרוי...

דער שטעקן איז אומגעפאלן מיט א שווערן קלאפ... יא, זי

פאַרשטייט שוין... אודאי, אזא וואַזשנער גאַסט... דער הויז־ווירט אַליין... וויל אַרויפקומען, כאַ־כאַ...

די בלוזקע פלאַצט אויף איר. און גרויס איז זי געוואָרן. דאָס גאַנצע בוידעם־שטיבל איז פול פון איר... ניין, דאָס איז נישט מאַרקוס... דאָס איז דער „זעליגער פאָטער"... ר' אשר... ר' אשר קרול...

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| א קרובה | 3 |
| אידישע שטובן | 11 |
| די פראגער באבעשי | 15 |
| מאן און ווייב | 20 |
| דער „חכם" | 27 |
| אמאל... | 38 |
| גיי מעבל | 41 |
| זיין שיין ווייב | 49 |
| גיטל | 54 |
| דער „פעטער העגריק" | 60 |
| א „טיפער" מענטש | 66 |
| דער בלינדער „פוליע" | 74 |
| יענע יארן | 80 |
| דער פילם | 85 |
| א „לעבעדיקער" גרוס | 92 |
| א באגעגעניש | 118 |
| אין מושב זקנים | 122 |
| מען פארט נישט | 126 |
| א באקאנטע דענטיסטקע | 130 |
| דער אלטער מאריץ | 136 |

| | |
|---|---|
| | זייט |
| א מאטערניש | 148 |
| א אידיש מיידל | 153 |
| א קוזינקע | 157 |
| אליין | 164 |
| די שטרויספעדערס | 170 |
| א טעות... | 187 |
| א מיינונג | 191 |
| אין באָד | 196 |
| מעל | 200 |
| די וועלט איז „פאַרדאַרבן" | 210 |
| אין א פינסטערער שטוב | 215 |
| א שיקסע... | 220 |
| קליינבירגער | 228 |
| ניו־יאָרק | 232 |
| די מומע הדס | 237 |
| אליה און זיין ווייב | 253 |
| דאָס „קיל־שטובל" | 257 |
| פונם קינדער־צימער | 268 |
| דער טאַטע | 272 |
| דער ראָמאַנען־„העלד" | 277 |
| רוזשקע | 281 |
| אדם און חוה | 297 |
| די „יאַנאָווא" | 300 |
| א פּאַרהאַנג... | 304 |
| גויאישע געשעפטן | 308 |
| לאָקאַטאָר נומ. 88 | 312 |